STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06096

MILHOME

Henri Barbusse

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

אַנרי באַרביס

ערשטע סעריע דערציילונגען פונם בוך „קלערליי״

מלחמה

אויטאָריזירטע איבערזעצונג פון

מאַרק ראַקאָווסקי

וואַרשע 1929

HENRI BARBUSSE
WOJNA

Druk. „Renoma", W-a, Karmelicka 17.

װידמונג

Deo Ignoto

איך ברענג דאָ בלויז פֿאַרשידענע פֿאַקטן. איך האָב גאָרנישט אויסגעטראַכט פֿון דידאָזיקע געשיכטעס. איך האָב גענומען דעם שטאָף און געגעבן אין דערזעלבער פֿאָרם, אין װעלכן כ׳האָב עס אַליין געזען, אָדער אין דער פֿאָרם װי איך האָב עס אויפגענומען פֿון אַ זיכערן קװאַל. איך האָב זיי עטװאָס „ראָמאַנסירט“, װי מען דריקט זיך אויס ביי היינטיקן טאָג. אָפטמאָל האָב איך געגעבן רויע אינפֿאָרמאַציעס, אַן אַנדערש מאָל האָב איך באַדעקט די פּרטים מיט אַ קליינע דאָזע פֿיקציע. איך האָב כּמעט קיינמאָל נישט געענדערט די נעמען פֿון די מענטשן.

דידאָזיקע אינפֿאָרמאַציעס, װעלכע זענען צופֿעליק אויפגעכאַפּט געװאָרן אין פֿאַרשידענע ערטער פֿון דער שרעקלעכער מאָדערנער ציװיליזאַציע — זאָלן געװיסע לעזער צוגעװוינען צום אמת, װאָס לאָזט זיך נישט גלויבן; און זאָל די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג, איינגעװויגט אין שיינע לעגענדעס, דערזען דעם אמתן פּרצוף פֿון אונדזער 20־טן יאָרהונדערט װעלכן מ׳קען אָנרופֿן גאָלד=עפּאָכע, שטאָל=עפּאָכע, דזשאַז=באַנד־עפּאָכע, אָדער גיכער פֿון אַלץ: בלוט=עפּאָכע.

זאָלן זיי, ענדלעך, װאַרפֿן אַ פֿונק פֿון צאָרן און שׂנאה, קעגן די פֿאַראַנטװאָרטלעכע, װעלכע אַלע קענען נאָך זייערע אייגן=נעמען (אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן), הויפּטזעכלעך קעגן דעם רעזשים פֿון מעטאָדישער פֿאַרטיליקונג, װאָס רופֿט אַרויס דעם טיפֿסטן עקל אונטערן פֿרייען הימל.

מען װעט זאָגן, אַז דידאָזיקע זאַכן זענען אויסנאַמען. דאָס איז זייער אַ פֿאַלשע באַהויפּטונג. איך חידוש זיך אויף יענע,

וועלכע קענען זיך אזוי לייכט אויסדריקן און ריינוואשן דאס געוויסן מיט אזא מין פראזע.

דידאָזיקע טענה איז נישט קיין ריכטיקע: זי איז אַ פאַר־שוועכונג פונם אמת. אַזעלכע אויסנאַמען דארף מען טאַדלען מיט אַלע כוחות. צי זיי זענען איינצלנע אָדער קאָלעקטיווע פאַלן — זענען זיי אָבער אומגליקן אָדער פארברעכנס, וועלכע נישט דער גורל איז גורם, נאָר די מענטשן אַליין. דאָס זענען עפּיזאָדן פון וועלט־קאַמף, צווישן קרבנות און תלינים. זיי ווייזן בולט אַרויס די שרייענדיקע חסרונות פון דער סטרוקטור פון דעם סאָציאַלן בנין, וואָס איז געבויט דורך תלינים און באַווייזן זייער אויסדריקלעך, וואָס מען דאַרף טאָן אינם טאָג פון צאָרן. פון אונדז איז אָפּהענגיק, איינמאָל פאַר אַלעמאָל,—מקבר צו זיין אין שויס פון דער פאַרגאַנגענהייט דעם כסדר־אויפלעבנדיקן ציקל פון קינסטלעכע אומגליקן. און ביז יענער צייט: אַוועק מיט די געמיינע באַרעכטיקונגען. איך חזר איבער דאָס, וואָס איך האָב דערפון געשריבן אין „די פאַררעטער פון יעזוסן״: „מיר האַסן מיט אונדזער גאַנצן הארצן די קאַפּיטולאַציע פון די אָפּטימיזם־סוחרים״. זיי זאָגן: „נישט בלויז ליידן איז דאָ אין לעבן, ס׳זע־נען דאָ אויך גוטע זייטן, שיינע מאָמענטן, גרויסע זאַכן. דאָס לעבן איז גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי מען מיינט״. זיי דאַרף מען אַזוי ענטפערן: „צי קען מען כאָטש טיילווייז אויסמיידן די ליידן, וואָס עקזיסטירן? אויב דאָסדאָזיקע לעבן האָט אין זיך ליידן, וואָס מען קען אויסמיידן, איז אַ סימן, אַז דאָס לעבן איז שלעכט געבויט״.

אויסנאַם פאַלן! פונקט דעם היפּוך דאַרף מען זאָגן! לאָז יעדערער פון אונדז פאַרמערפאַכן דידאָזיקע ביישפּילן — אין די טויזנטער און טויזנטער, אויב מען וויל זיי געבן דעם וואָג, וואָס זיי פאַרנעמען אין דערווירקלעכקייט. ס׳עקזיסטירן פיל מער רויבערייען און אכזריות אין דעם גרויסן לעבן פון דער וועלט ווי די מיטלמעסיקייט פון געזעלשאַפטלעכן פאַרשטאַנד רעכנט. ס׳זענען דאָ אַ סך מערדער וועלכע זענען אַרומגערינגלט מיט רום און כבוד. דער באַרבאַריזם וואָס קומט פון אויבן איז ביי

היינטיקן טאָג כסדר אין באַוועגונג. אָבער פאַקטן ווערן פאַרשוונדן, איגנאָרירט אָדער פאַרגעסן און די ערינערונג פון ס'רוב פאַרברעכנס ווערט אָפּגעטויבט. פון צייט צו צייט טויכט אַרויס פאַר אַלעמען, דורך אַ צופאַל, דאָס צאַפּלענדיקע בילד פון אַן „אויסערגעוויינלעכן פאַקט". מען קען אַלץ נישט וויסן, שרייען מיר אין פאַרצווייפלונג און מיר טראָגן אַרום אין אונדזערע קעפּ דעם שגעון דערפון, וואָס ווערט פון אונדז פאַרשוונדן. די פאַרצייטיקע חכמים האָבן געווידמעט ווערק אָדער מעשים דעם Deo ignoto (אומבאַקאַנטן גאָט). איך גלויב נישט אין גאָט, אָבער איך גלויב אין דעם אומבאַקאַנטן. דאָסדאָזיק בוך ווידמע איך דעם אומבאַקאַנטן פון די אומגליקלעכע, דעם אומבאַקאַנטן אין לייב און ביינער, די מאַסן, דעם גראַנדיעזן אומענדלעכן אומבאַקאַנטן, די אַלע, וועמען די ענוים האָבן פאַרטיליקט, די אונטערערדיקע, די רויִנירטע, די פאַרזשוכטע, די אומציילבאַרע, דעם אומבאַמערקלעכן המון, וועלכער איז דאָך באַמערקלעך.

איך טו עס אונטערן צייכן פון גערעכטיקייט, אין נאָמען פונם צאַפּלענדיקן און וויסנשאַפטלעכן געזעץ, וואָס נעמט אַרום אַלעמען דאָ אויף דער ערד. ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען דער גורל פון די מענטשן וועט פון זיך אַליין באַקומען די גלייכגעוויכט אויף דער ערד און מיר וועלן ענדלעך דערהערן די שטילע טריט, מיט וועלכע מיר שפּרייזן.

אַנרי באַרביס

אינהאַלט:

ווידמונג: Deo Ignoto	5
זשאַן וואָס ווײנט און זשאַן, וואָס לאַכט	9
דער געזאַנג פון אַ זעלנער	19
ביטואַר	29
צוויי דערציילונגען	43
דער לעבעדיקער דערשאָסענער	49
אַ מערדער? נײן טויזנט	59
דער פאַרברעכערישער צוג	64
די נקמה פון אויבן	70
די, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן	74

זשאַן וואָס ווײנט און זשאַן וואָס לאַכט

דערדאָזיקער מאַרטען האָט תמיד אַלעמען געמאַכט לאַכן, און אײנהאַלטן זיך בשעת ער האָט געשפּאַסט איז געווען אומ־מעגלעך. אין זײַן קלײן שטײגל, שוואַרץ און װײַס װי אַ סאָ־ראָקע, האָט ער פֿאַרקױפֿט פּאָסטמאַרקעס, און דאָרט האָט ער פֿאַרבראַכט זײַנע טעג, האַלטנדיק פֿאַר די אױגן האָריזאָנטאַלישע און װערטיקאַלישע קעסטלעך. בײַ דער אַרבעט האָט ער געשאָטן װיצן. דערדאָזיקער יונגערמאַן האָט געהאַט אַ װיציקן מוח, און ער האָט מיט גרױס חשק געאַרבעט דערױף, כּדי אַרױסצוקריגן די שאַרפֿ־זיניקע פּרטים פֿון פּערזאָנען און געשעענישן. פֿון דעמדאָזיקן קלײנעם אַדמיניסטראַטיװן װינקעלע האָט זיך פֿאַרשפּרײט דער געלעכטער איבער דער שטאָט; און אַלץ אַ דאַנק אים. און אַלע האָבן פֿון אים געקװאָלן: זקנות, יונגע מײדלעך, װײַבער. אַלע האָבן אים גוט געקענט. אַפֿילו ערנסטע מענטשן, באַאַמטע און סוחרים פֿלעגן זאָגן: „ס'איז אַ הומאָריסט". און קײנער איז אױף אים נישט געװען אין כּעס. דער פּראָקוראָר האָט אים מקנא געװען, װײַל ער האָט אײַנגעפֿונען, אַז מאַרטען איז קלוג, בעת זײַן חכמה איז אַ װידערשפּרוכיקע.

צו מאַרטענען האָט מען זיך באַצױגן מיט גרױס דרך־ארץ, פּונקט דער היפּוך װי צו אַנדערע פּוסטע מוחות און מרו־קעס, למשל װי צו יואלן דעם לאָמפּן־מאַכער, װעלכן מען האָט שטאַרק געהאַסט. די פֿרױען זענען געװען צעשמאָלצן פֿון אים, און אַזױװי ער פֿלעגט זײ מאַכן לאַכן מיט זײַנע גלײַכװערטלעך,

פלעגן זיי צייטנווייז אין זיין קעגנוואַרט זיין אָפּהענטיק.

יואל האָט פאַרשמוצט אַלע זאַכן און מאַרטען האָט זיי פיין געמאַכט. יואל האָט געזאַמלט דעם גאַנצן עקל און די אומגליק, נישט נעמענדיק אין אַכט, אַז דידאָזיקע ביטערקייט, פונקט ווי אַלע ביטערקייטן, האָבן געפירט צו אַנאַרכיזם און צו דער רויטער קרענק.

אָט אַזוי זענען צוגעגאַנגען די געשעענישן אין אונדזער שטאָט, פונקט ווי אין אַלע אַנדערע שטעט אין דער וועלט, בעת ס'האָט אויסגעבראָכן די וועלט־מלחמה, אין יולי 1914, ווי יעדער איינער דערמאָנט זיך.

צוזאַמען זענען זיי ביידע אַוועק אויף דער מלחמה. ביידע, מאַרטען און יואל, זענען געווען פון זעלבן קלאַס און פון זעלבן וואָפן. נאַטירלעך איז יואל געווען פאַרטרויערט, האָט געשאָלטן דעם מזל און געהאַלטן אין איין רעדן וועגן די שחיטות. מאַרטען האָט געהאַלטן אין איין לאַכן, ער האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט אויסער זיין ביוראָקראַטישער שטייגל, און מענטשן האָבן געזאָגט: ער מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט אַוועקגעפאָרן זיך אויסרוען.

פונקט אַזוי איז צוגעגאַנגען, אויפן פראָנט. צווישן דער שמוץ און דער אכזריות פונם הילכיקן מלחמה־מעכאַניזם, ווו דונער־קלעפ, טשוועקעס, מעש און שטיקער שטאָל זוכן אינדערפינסטער די מענטשן, האָט יואל תמיד געטאַדלט די בלוט־פאַרגיסונגען, אינדעראמתן דעם פאַטריאָטיזם. ער האָט וואַרשיינלעך געזאָגט, אַז די באַאַמטע און מיניסטאָרן זענען מענטשן, ווי אַלע מענטשן. און מאַרטען איז פאַרבליבן דערזעלבער לץ וואָס אַלעמאָל. ביי די רייכע מונדירן איז יואל געווען פאַררעכנט פאַר אַ שלעכטן גייסט און זיי האָבן אים געהאַלטן אויפן אויג. ער איז דאָך אַ מענטש, וואָס באַטראַכט טראַגיש די געשעענישן, באַקלאָגט די זעלנער און גיט זיי אַריין אַזעלכע געדאַנקען, וועגן וועלכע זיי האָבן קיינמאָל נישט געטראַכט! אָבער ווען יואל האָט גערעדט, האָט מאַרטען מיט עטלעכע געשיקטע ווערטער פאַרטריבן דעם איינדרוק פון זיינע קינות און נישט

דערלאַזט אַז די זעלנער זאָלן טראַכטן וועגן זייער נפש. מען האָט זיי ביידן געשיקט אין שלאַכט אַריין. איינער איז געווען נידערגעשלאָגן און כּסדר געוואָרטשעט, דער צווייטער — מונטער און לוסטיק, פון וואָס דער עולם האָט געכאַפּט התפּעלות.

אַזאַ מין זעלנער ווי מאַרטען, וועלכער האָט געקענט אַזוי מאַכן לאַכן איז געווען אַ מאַ־אַלער אוצר פאַר די זעלנער. „ער איז אַן אוצר, דערדאָזיקער ליק", פלעגט זאָגן דער קאַפּיטאַן מאַקעראָן. „אפילו שעפסן וועלן פלאַצן פון געלעכטער", האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן עקענפעלדער, וועלכער איז אויך פאַר דער מלחמה געווען אַ סוחר פון שאָף און אַ קצב.

איינמאָל האָט מאַרטען געקריגן אַ קויל אין קאָפּ. אַ האַלבער וויך איז אים נאָך פאַרבליבן אין מויל. אָבער אויב ער איז פלוצלונג אַנטשוויגן געוואָרן, איז ער דאָך נישט אַנטשוויגן געוואָרן אויף אייביק. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט. און אויך זיין וויצן־אוצר האָט זיך אַרויסגעדרייט.

אָבער זיין לוסטיקייט האָט זיך לייכט געענדערט. צוליב דער אָפּעראַציע פון זיין שאַרבן איז פאָרגעקומען אַ שנוי אין דער קאָנסטרוקציע פון זיין מוח. צו דער שפּיל פון ווערטער האָט ער איצט צוגעמישט שטיקער מוסר־השכּל און שטיקער געשיכטע פון פראַנקרייך, וואָס איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק זיין שוואַכן באַוווסטזיין. אין שפּיטאָל האָט ער אָנגעהייבן צו מאַכן פאַרשידענע תּנועות, העוויות, געטאַנצט, געמאַכט גרימאַסעס, און די חולאים אונטער די דעקעס האָבן געקוואָלן פון שמחה. צווייטנווייז האָט מען גערופן דעם מאַיאָר, כּדי ער זאָל אויך הנאה האָבן. „ער איז אַ דינגאָ" *) האָט זיך וועגן אים אויסגעדריקט דער הויפּט־דאָקטאָר. ער האָט דערקלערט, וויאַזוי די לוסטיקע און קאָמישע אויפפירונגען עקזיסטירן בלויז אינם נערוועזן קנויל פון אַ שאַרבן־אָפּערירטן, ווו ס'קומט פאַר דאָסזעלבע ווי ביי אַ שטאַרקן קורט־שלוס.

אָבער, קענטיק, האָט מען זיך שטאַרק געגויטיקט אין

---

*) דינגאָ: ווילדער הונט, וואָס געפינט זיך אין אויסטראַליען.

הארמאטן=פלייש, ווייל מען האט אים אוועקגעשיקט אויפן פראנט.

ווען ער איז אנגעקומען אויפן פראנט מיט זיין קליינעם רונדיקן צודעק אויפן קאפ (אגב איז שיעור נישט פארגעקומען א סקאנדאל אויף א וואקזאל, בעת ער האט געמאכט זיינע אקראבאטישע שטיק), האבן די חברים פעסטגעשטעלט: „ס'איז א חורבה". און זיי זענען געקומען צום באשלוס, אז מען דארף אים אוועקשיקן אין א „פאבריק צו פארריכטן".

אבער זיי האבן נישט חרטה געהאט, וואס מען האט אים נישט אוועקגעשיקט, ווייל ער האט אין די אקאפעס אלעמען לוסטיק געמאכט מיט זיינע משונהדיקע איינפאלן. ער האט אליין געלאכט און אלעמען געמאכט לאכן. נישט געקוקט אויפן שווערן קלאפ — און אפשר גאר אדאנק דעמדאזיקן קלאפ — פלעגט אים די גאנצע לצנותדיקע פליסיקייט ארויס פון זיין גוף. ער איז געווען א פארהיטונגס=מיטל קעגן דעם פאלשן דעפעטיזם *) און געווארן פארגעטערט פון די קאמאנדירן, ווי אן אפגאט. דאקעגן יואל איז כסדר געווען קעגן דער מלחמה, און געמאכט א פנים פון א שרעקלעכער טשוטשעלע. און נישט געקוקט דערויף, וואס מארטענען האט מען אזוי געליבט, האט ער דאך גוט דערפילט די פונקציעס פון א זעלנער.

אבער אט איז מען אוועק אויף אן אטאקע. לויט א באפעל פון אויבן־אן האט מען מארטענען מיט זיין באטאליאן אוועקגעשיקט אויף א בערגל. דארט האט ער זיך איינמאל ביינאכט געפונען זייט=ביי=זייט מיט זיין חבר יואל, וועלכער האט געדריקט זיין ביקס, געהאלטן אין איין שעלטן און געלאפן פארויס.

אבער, אז דער באטאליאן איז אוועק, און זיין דורכגעלעכערטער פאיאק אין קאפ האט דערזען ארום זיך די חורבות פון די הארמאטן און געהערט די שרעקלעכע אויפרייסן, איז זיין מארך לגמרי אויסגעוועבט געווארן. ער האט באקומען פחד, און זיך איינגעגראבן אין א לאך פון א הארמאט-קויל, ווו מען

*) די, וועלכע האבן געוואלט די מפלה פון פראנקרייך.

האָט נישט געזען און קנאַפּ באַהערט די גאַנצע פאָרשטעלונג.

די אַטאַקע האָט געהאַט אַ פולשטענדיקן דורכפאַל; ווייל זי איז געפירט געוואָרן קעגן שכל-הישר, אָן שום הכנות, אָן אויספאָרשונגען, נאָר פשוט צוליב דער שלעכטער שטימונג פון דעם בריגאַדע-גענעראַל. ענדלעך איז אַ דריט-חלק פון אַטאַ-קירנדיקן באַטאַליאָן אַריין אין אומאָרדענונג צוריק אין פריער-דיקן אָקאָפּ.

מאַרטען האָט זיך אויף די קולות נישט אָנגערופן. מען האָט געמיינט, אַז ער איז פאַרפאַלן געוואָרן.

אָבער אין אַ צווייטער נאַכט האָט אים אַ פּאַטרול געפו-נען אינם לאָך פון אַ קויל, בשעת ער האָט געמאַכט פאַרשי-דענע גרימאַסן צו די שטערן. דער פּאַטרול-סערזשאַנט האָט אים אָװעקגעשלעפּט פאַר אַן אויער. קומענדיק אין לאַגער האָט ער געטאַנצט און געשפּרונגען, ווי אַ משוגענער.

אָבער די אַטאַקע האָט געהאַט אַ מיאוסן סוף, און אין גענעראַל-שטאַב איז מען דערויף געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט. דער קאָרפּוס-גענעראַל האָט געמאַכט אַ פאָרוואורף דעם בריגאַ-דע-גענעראַל. און דער לעצטער, פאַרשטייט זיך, האָט אַרויפ-געוואָרפן די שולד פון דער מפלה אויף די זעלנער. אַזויוויביידע גענעראַלן זענען געווען שטאַרק אויפגערעגט, האָבן זיי באַשלאָסן אָנצונעמען שטרענגע מיטלען, כדי דאָסזעלבע זאָל זיך ווידער נישט איבערחזרן.

מען האָט אַריינגעזעצט מאַרטענען אין תפיסה, דערפאַר, ווייל ער האָט נישט דערפילט זיין פליכט פון אַ בירגער און, ווי אַ כחדן, זיך איינגעגראָבן אין דער ערד, אויף אַ דריי טריט פון זיין טראַנשיי. מען האָט אויך אַריינגעזעצט יולען, הגם ער איז געגאַנגען און געקומען מיט אַלע אַנדערע; מען האָט אים אַריינגעזעצט, ווייל ער האָט אויפגערייצט די בייזע גייס-טער פון זיין לאַגער.

ביידן האָט מען אוועקגעשטעלט פאַרן מיליטער-געריכט. יואַלס שטייפע בייזע, ווילדע פּאָזע און מאַרטענס משוגענע האַלטונג, וועלכער האָט געלאַכט אויף אַן אויסטערלישן אופן,

האָט אויפגעבראַכט די ריכטער. דער ייִנגסטער פון די ריכטער האָט אַ פרעג געטאָן: איז דערדאָזיקער מאַרטען ביי זיין פוילן באַוווּסטזיין? יאָ, — האָבן אויסגערופן די איבעריקע ריכטער, ווי איין מאַן. אָבער כּדי זיי זאָלן האָבן אַ באַרעכטיקונג, האָט מען אים אָוועקגעפירט צו אַ דאָקטאָר, צו אַ מאַיאָר מיט פינף גאַלאָנען. דערדאָזיקער דאָקטאָר, וועלכער האָט טאָגטעגלעך געפרישטיקט מיטן גענעראַל, האָט געזאָגט: „דאָס מאַכט ער אַזוי דעם אָנשטעל". דאָס מיליטער־געריכט האָט זייביידן פאַרמשפּט צום טויט. חוץ דעם, האָט מען געהאַט פאָרמעלע אינסטרוקציעס, בנוגע דעם גאַנצן ענין. דער גענעראַל־שטאַב האָט דורכאויס געוואָלט רייניקן דעם בריגאַדע־גענעראַל, אַראָפּנעמענדיק פון אים יעדן פלעק פון דער אומגעלונגענער, שלעכטאויסגערעכנטער אַטאַקע. און וואָס קען עס שאַטן, אַז מען וועט דערמיט דערווייל אַנדערע געבן אַ ביישפּיל! איבעריקנס, ווייסט מען גאַנץ גוט, אַז גאַנצע פיר יאָר האָט זיך אַזוי נוהג געווען דער מיליטער־ראַט, וועלכער האָט תּמיד געשטעלט די באַפעלן איבער די פאַקטן, די פרינציפּ־פראַגן העכער איבער די צאַלנדע פּרטים פון דער ווירקלעכקייט.

אין דער גאַנצער מעשה האָט זיך מאַרטען לגמרי נישט אָריענטירט. ער האָט געמאַכט זיינע שטיק אין אַלטן טאַנצזאַל, ווו ס'האָט זיך געפונען דער מיליטער־ראַט און דאָסזעלבע האָט ער געטאָן, ווען מען האָט ביידע פאַרמשפּטע, נאָכן אורטייל, אָוועקגעפירט אין דער תּפיסה.

און דאָך, האָט זיך צום ערשטן מאָל אין דעמדאָזיקן מאָמענט, געענדערט מאַרטענס פּנים. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער באַגרייפט די זאַכן, מיט וועלכע ער קומט אין באַרירונג און זוכט פון זיי די סיבה. אַן אויסטערלישער שטראַל איז פאַרביי געלאָפן דורך זיינע אויגן, וועלכע האָבן געטערערט בלויז פון לאַכן. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט מען דאָרט געזען אַ שטראַל פון דאגה און פּיין.

איין מענטש האָט עס בלויז געזען: ביידע פאַרמשפּטע האָט מען געהאַלטן צוזאַמען.

ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, זענען זיי תמיד געווען אין שלעכטע באַציִונגען מיט אייגאנדער. יואל האָט אויפגע־הייבן זיין אומצופרידענעם פנים און האָט מאַרטענען נישט דערקענט: זיין לוסטיקייט איז פון אים פאַרשוואונדן געוואָרן.

מאַרטען האָט צו אים געזאָגט מיט אַ קאָמישן צעבראָ־כענעם קול:

— וואָס קומט דאָ אַזוינס פאָר? כ'הייב נישט אָן צו פאַרשטיין?

יואל מיט זיין אַנאַרכיסטישן שכל איז געפאלן אויף אַ געניאַלער המצאה, און ער האָט געענטפערט:

— צי זעסטו נישט, אַז מען גייט זיך פאַרווייל ן?

און מאַרטען האָט געגלויבט, און תיכף האָט זיין מויל זיך געעפנט, זיין צונג האָט געזוכט אַ וואָרט — און ס'האָט גענומען אַ סוף צו דער התחלה פון דער טראַגדיע.

אָבער אַ ביסל שפּעטער האָט ער ווידער אַ פרעג געטאָן מיט אַן עקשנות פון אַ מאַניאַק:

— פאַרוואָס פאַרשליסט מען אונדז?

— אמת מען באַקומט טאַקע דעם איינדרוק, ווי מיר וואָלטן געזעסן אין תפיסה, — האָט יואל געזאָגט מיט אַ שפּאַ־סיקן טאָן. (און ער האָט נאָך געהאט אויף אַזויפיל כוח אונ־טערצושטרייכן די פראַזע מיט אַ געלעכטער). דו פאַרשטייסט נישט, אַז דערמיט וויל מען אונדז שיצן?

מען האָט נישט געדאַרפט קיין סך האָבן, אַז דאָס גרויסע קינד, וועלכעס איז געוואָרן דער כלך פון די לצנים, זאָל ווי־דער אַריין אין זיין פריערדיקער שטימונג.

נאָך מאַרטענס ערשטן אינסטינקטיוון ווייי=געשריי, האָט יואל, פונקט ווי אַ מוטער, געווידמעט די לעצטע שעהן פון זיין לעבן, דערדאָזיקער מענטשלעכער חורבה, וועלכע איז אַנטשטאַ־נען אַ דאַנק דער מענטשן=גערעכטיקייט.

ער האָט אין זיך דערשטיקט די גאַנצע פאַרביטערונג פון זיין האַרץ, ער האָט זיך געמאַטערט, און דערדאָזיקער אומ־

שולדיקער שאַרפזיכטיקער האָט געטאָן אַלץ, כדי צו דערלייכ־טערן דאָס לעבן פונם אומשולדיקן, אומבאַוווּסטזיניק־בלינדן.

און הגם מאַרטען איז געווען זייער מעמפּ, דאָך האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט קיין שום שלעכטס נישט אָפּגעטאָן, און דאָס האָט לייכטער געמאַכט די גאַנצע קאָמעדיע, וועלכע איז געווען קליין און אַזוי הערלעך אין דעמדאָזיקן מלחמה־ווינקל.

אויפצומאָרגנס אינדערפרי האָט מען זיי אַרויסגעפירט מיט גרויס צערעמאָניע. זיי ביידע זענען געגאַנגען אינדערמיט.

— פאַרוואָס גייען עפּעס אַלע חברים אַזוי יום־טובדיק אויסגעפּוצט? — האָט מאַרטען מיט אומצוטרוי געפרעגט, גרייט אַנידערצופאַלן אויפן אָרט.

— ס'איז היינט אַ יום־טוב, צי זעסט דען נישט? דו ווייסט גאָרנישט וואָס ס'טוט זיך מיט דיר.

מאַרטען האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר גרויסע אויגן.

— ס'איז דאָך אַ שיק־צערעמאָניע, קאַמראַד, האָט יואל אָנגעשטאַנען מיט אַן ערנסטער שטימע, כדי אים תּיכּף איבער־צוצייגן.

אויפן פעלד, פּאָר צוויי סלופּעס האָט זיך אויפגעזאַמלט דער גאַנצער רעגימענט, דער פּאָלקאָווניק, עקענפעלדע, דער קאָמענדאַנט, דער „קצב" — די אַלע, וועלכע האָבן הנאה פון זייער שיינער פּראָפעסיע.

— וואָס לייענען זיי?

— אַ רעדע.

— זיי ריידן פון אונדז, דו פאַרשטייסט נישט.

— ווייל מיר זענען געווען אין סכּנה.

דער מיליטער־גלח איז צוגעקומען. ער האָט געהערט דעם סוף פון זייער געשפּרעך, און ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען. ער איז געבליבן שטיין אין דער זייט און גאָרנישט געטאָן. צע־פרידן וואָס דיין שולד, אַלס אנטיילנעמער, איז אָפּגעשוואַכט גע־וואָרן. ער האָט גאַנץ שטיל אַרויסגעזאָגט: „אמן", נישט קוקנ־דיק זיי גלייך אין די אויגן.

און נאָכדעם, ווי מען האָט ביי זיי אַרויסגעריסן עטלעכע

קנעפּ פון זייער אוניפאָרם, אַ שטיל טוך מיטן נאָמען פון זיי-
ער רעגימענט, האָט יואל ווידער געזאָגט;

— מען שיקט אונדז אָפּ אין ציוויל. די מלחמה האָט זיך שוין פאַר אונדז פאַרענדיקט. דאָסדאָזיק מאָל איז עס נישט אויף קיין געלעכטער.

נישט וויסנדיק פון קיין זאַך צו זאָגן, האָט זיך מארטען פאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע פון די מיליטערישע פּאָזיציעס.

ענדלעך האָט מען זיי ביידן צעשיידט. יואל האָט נאָך געהאַט צייט ארויסצוזאָגן:

— דאָס דאַנקט מען דיר אַזוי גוט אָפּ דערפאַר, וואָס דו האָסט אזוי גוט געוויילט די זעלנער.

און ער האָט געגלויבט, ווייל דאָס האָט זיך געלייגט אויפן רעיון.

— אַך, דו זעסט! — האָט ער געזאָגט.

אָבער יואל האָט אַרויסגעזאָגט אויף אַ גאַנץ פאַרשטענד-לעכן אופן:

— יאָ, דו וועסט באַלד זען דאָס... יענץ... וועסט שוין זען...

דער גרויסער פּאַרס האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט, פּונקט אַזוי, ווי ער האָט געזאָגט:

מיטאַמאָל האָט מען דערזען אַ שורה ליכט, און דער רויך פון דערדאָזיקער שורה האָט איבערגעקערט יואלן דעם ערשטן, ווי ער האָלט געווען פון פּאַפּיר.

ס'איז אפשר געווען אַ רגע, ווען מארטען האָט דערזען די ווירקלעכקייט פון זאַכן אין דער וועלט=מלחמה. אָבער ס'איז נישט זיכּ ר, מעגלעך, אַז ניין. אַלנפאַלס האָט עס לאַנג נישט געדויערט.

מארטען איז אומגעפאַלן, ווי אַ שטיין, פּונקט ווי ער וואָלט אַריין אין דער ערד, גלייך ווי דער ווינט, וואָס האָט זיך קאָנצענטרירט אין זיין קאָפּ, וואָלט אים אונטערגעהאַקט די פיס.

שפּעטער, ווען מען איז אַוועק, האָב איך געזען ליגן אויף

דער ערד זיין צעהאקטן קערפער, ענלעך צו אַ מאַנעקען. זיין קאָפּ איז געווען אָנגעשוואָלן. אָבער דאָך האָט ער געלאַכט. יאָ, מען האָט געזען שטיקלעך פון זיין געלעכטער. דער געלעכטער איז אויף תמיד פארבליבן אויף זיין פאַרמלאָזן צעפוילטן פנים. דאָס האָט אזוי זיין גורל גורם געווען. ער איז פאַרבליבן די שרעקלעכע פארזעעניש פון דער פאָלקס-פריילעכקייט.

צוזאַמען מיט יואלן האָט מען אים אריינגעשליידערט אין אַ גרויכן גרוב, ווו ס'זענען געלעגן נאָך אַנדערע פראַנצויזישע זעלנער, געפאַלענע פון דייטשישע אָדער פראַנצויזישע קוילן.

דאָס האָט מען, אים, אפשר שפּעטער אַרויסגעשלעפּט אַלס דעם אומבאַקאַנטן זעלנער פאַר דעם טריומף-בויגן. אפשר צו אים שיטן זיך אַזויפיל פּילגרימער, און מיניסטאָרן ריידן, וועגן דער ליכטיקער פראַנצויזישער ציוויליזאַציע, וועגן דער וועלט און וועגן דער הייליקייט פון דער מלחמה. דאָס ליגט ער אפשר אונטער דעם טריומף-בויגן און אינם גיהנום פון פינסטערניש לאַכט ער אייביק, מיט זיין גרימאַסע, איבער דער וועלט-ציוויליזאַציע.

דער געזאַנג פון אַ זעלנער

— ווייל איך האָב קיינמאָל קיין הצלחה נישט געהאַט, — האָט דערקלערט דער אָרעמער אורלויב-זעלנער אַ שיינעם מיידל.

און דאָס האָט מען אויף אים געזען. די שטענדיקע ליידן האָבן אים איינגעשרומפּט און פאַרקלענערט, האָבן צו-נויפגעצויגן זיינע בליקן אין זייערע אויגן-לעכער און, ווי פּע-דערן, צעשניטן זיינע זשעסטן. בלויז זיינע אויגן האָבן עט-וואָס געגלאַנצט אויף זיין גאַנצער טריבער פיגור; זיינע אויגן-קליינע פלעקן, גאַנץ שוואַרצע, וואָס אַן אומגעשיקטער מאָלער האָט סתם אין דער וועלט אַריין אָנגעוואָרפן אויבן, און אַ עיגול פון זיין פאַרטרויערט פאַרחושכט פּנים. זיין הויט און די שטאָף פון זיין גרויסן בגד זענען געווען אין דערזעלבער מאָס אָפּגעקראָכן. מען האָט געקענט מיינען, אַז דעמדאָזיקן אָרעמען זעלנער האָבן קינדערישע הענטלעך צוזאַמענגעשטעלט מיט אָפּגעקראָכענע, שלעכט אַריינגעפּאַסטע קוביקעס, קיי-קעלעך, און פּיראַמידן.

„ס'זענען דאָ אַזעלכע, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אויף נישט צו האָבן ערפאָלג אין זייער לעבן!" אָט דאָס זענען גע-ווען די לעצטע ווערטער פון זיין מאַמען, וועלכע איז געלעגן אויף איר טויטן-בעט מיט איין צוגעמאַכטן אויג.

פון אַלץ וואָס ער האָט פאַרטראַכט האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם. ער האָט מיט גאָרנישט געפּטרט זיינע טעג און יאָרן. ער האָט פאַרלוירן דאָס ביסעלע, וואָס זיינע עלטערן האָבן

נישט פאַרלוירן פאַר אים. זיינע אַלע פלענער האָבן געהאַט אַזאַ סוף, ווי דער גאַנצער געבוי פון זיין קערפּער, וועלכער האָט זיך געבויגן און אראָפּגעלאָזט. ער האָט געלעבט אָפּגע־זונדערט אין זיין פאַראייניזאַמטער נאָרע. פּרויען האָבן אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט: זיי האָבן חוזק געמאַכט פון אים. וואָס שייך מענער איז זיי זיין פּערזאָן קנאַפּ וואָס אנגעגאנגען. און ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די זון ווערט פאַר אים אויסגעלאָשן.

דערדאָזיקער מענטש, וועלכער איז קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געווען גליקלעך, איז נאַטירלעך אַוועק אויף דער מלחמה, אָבער אָן שום געהויש. ער האָט פאַרלאָזן זיין שטעטל, נישט מיט קיין גרופּע באַגייסטערטע, און נישט אָנגעשיכורט זיך מיט אַנדערע. ער איז אַוועק איינמאָל אין אָן אָוונט, אָן פּיקן און אָן טרומייטערס, כדי צו פאַרשטאָפּן אַ לאָך אויפן פראָנט.

אין די רייען אויפן שלאַכט־פעלד האָט מען קיינמאָל פון אים קיין פאַר נישט געהערט, ער איז געווען איינער פון ד' אַנאָנימסטע זעלנער. ער האָט נישט איינמאָל העלדיש געראַטע־וועט דאָס לעבן פון זיינע חברים. אָבער אַלע זיינע העלדיש־קייטן זענען אַדורך אומבאַמערקלעך, פּונקט ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן איז אַדורך ומבאַמערקלעך. דאָך איז אים געלונ־גען אויסצומיידן די פיינטלעכע קוילן און די מיליטערישע ראַטן.

און אָט איז ער צוריקגעקומען אַהיים אויף אַ וועלכע זעקס טעג, פונם לאַנד פון מענטשן־קרבנות.

אָבער אין דערדאָזיקער קורצער צייט האָט זיך די צורה פון זאַכן פאַר אים געענדערט, אַ דאַנק דעם ווילן און דער צאַרטקייט פון דעם מיידל קלערין. ס'איז געשען צוליב אַ דורכפאַל, וואָס זי האָט געליטן, צוליב דעם, ווייל ס'האָבן אין יענעם געגנט אויסגעפעלט יונגעלייט, און ענדלעך, די זון, די יוגנט לוסט... מען זי באַגעגנט אויף די גרין־באַגילטע סטעזשקעס, דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, זייט ביי זייט פון אַ גרויסן זעלנער מיט אָפּגעבליאַקירטע פאַרבן.

ווען ער איז אוועק צוריק אויפן פראָנט, נאָכדעם ווי ער האָט צום לעצטן מאָל געדריקט די האַנט פון דער, וועלכע איז פארבליבן איינע אַליין, גאַנץ ווייט, אין דער טונקלקייט און אין דער קעלט פונם בין=השמשות, האָט זיין פנים גע-ברענט, ווי אַ פלאַם פייער, און זיין האַרץ איז פאַרבליבן וואַ-רעם אויף זייער לאַנג, אפשר אויף שטענדיק.

ער האָט געלאַכט מיט אַ הויכן געלעכטער. ווי א שיכּור, וואָס ער איז קיינמאָל נישט געווען. זייער קאָמיש האָט אין זיינע אויגן אויסגעקוקט דידאָזיקע ענדערונג. זעקס טעג (רעכן זיבן) נאָך זיין קומען אַהיים אַן אָפּגעמאַטערטער, און אַ באַזיגטער, איז ער אַוועקגעפאָרן צוריק אויפן פראָנט אַ זיגער! איצט האָט ער געלאַכט פונם צווייטן — וואָס ער אַליין איז געווען ביז איצט — און פונם שלעכטן מזל פונם דאָזיקן צווייטן.

דער אַמאָליקער שלימזלניק איז איצט געפאָרן אַ גאַנצן טאָג און א גאַנצע נאַכט, כּדי אָנצוקומען אויף זיין פּאָזיציע. די אַלע געשעענישן פון זיין שווערער לאַנגער רייזע האָבן נישט געקענט צעשטערן אין אים זיין פעסטע שמייכלענדיקע אידעע. קלערין איז אים געשטאַנען פאר די אויגן. ער האָט זי תמיד אויסגעפונען, ווי מען געפינט דעם אייגענעם נאָמען. צווישן דעם געדראַנג אין אָמניבוס, אָדער אויפן וואָקזאַל, פאַר-שטעקט ערגעץ אין אַ ווינקל, ווי אַן אומבעוועגלעך פּעקל, פלעגט ער דאָרט פארזונקען ווערן מיט זיין ליולקע, זיין קליין קעפּל איינגעהילט אין רויך, ווי אַ קעסל. דער שטח האָט באַגייס-טערט זיינע ערינערונגען. פון שעה צו שעה איז קלערין אַלץ מער אויסגעוואַקסן אין זיין דמיון, וואָס ווייטער איז זי געוואָרן אַלץ מער געשליפן, מענטשלעך, פילבאַר, פאַרהערט.

ער איז ארויסגעשטיגן אויף א וואָקזאַל, נאָס פון א קליין רעגנדל, פונקט ווי אַ פּאָרט, און זיך געלאָזט אין וועג אריין. ער האָט געשפרונגען. און זיין האַרץ איז געווען אָנ-געפילט מיט ליכט און מיט מוזיק, פונקט ווי דאָס האַרץ פון אַ האָן. אַלץ האָט געלעבט אַרום אים אין דעם אומענדלעכן אָוונט, וועלכער האָט אים אַרומגערינגלט, און אַפילו אויף דעם

שוועל פון דעם אוונט, וואָס פארבאָרגט אַלע סודות, האָט ער באַגרייפט און איבערגעלעבט די ליבעס פון אנדערע.

ער האָט זיך דערנענטערט צו די גרענעצן פון די באַוווינטע שטחים. אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ טרויעררדיקער פינסטערניש און פול מיט שלעכטע סימנים. ער האָט זיך דורכגעשלייכט לענגאויס גלייכוויניקלדיקע פלאַכקייטן און רעליעפן, דורך דעם גרויסן אַמוניציע־פארק, וועלכן דער אָוונט האָט פאַרוואַנדלט אין קויל־קאַליר — אַ שטאָט פון רויטע און געלע שטויסן הארמאַטן-קוילן און שווארצע טאָרפעדאָס, וואָס די לאַנגע קייטן וועגעלעך האָבן אָנגעפירט פון מזרח, אין די שעהן, ווען ס'איז נישט געווען קיין זון און נישט קיין לבנה. און די אונטער־ערד איז אויף אַ שטח פון גאַנצע העקטאַרן געווען פאַרלייגט מיט דעמדאָזיקן לעבעדיקן טויט.

עטוואָס ווייטער, אין דעם אויסטערלישן קויל־שוואַרצן אָוונט, האָט אַ גרויסע האַרמאַטן־לופע געקוקט איבער דער פלייצע פונם באַמערקלעכן שטח, געקוקט אין איין פונקט, מיט איר לעכערדיקן אויג.

דאָסדאָזיקע בילד האָט קאַליע געמאַכט די שטימונג ביי דעם מענטשן, וועלכער איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געווען גליקלעך. אָבער תיכף האָט ער זיך ווידער באַהערשט.

נאָכדעם א פאַנטאַסטישע שטאָט. אַ היגטער־פראָנט־שטאָט: שורות, גאַסן, פלעצער, באַראַקן, ביוראָען, געביידעס פון וואַכמייסטערס, מאַגאַזינען מיט הונדערטער טויזנטער נייע אוניפאָרמען, אָנגעוואָרפן און אויפגעפרעסט, ווי אוניפאָרמען־סנאָפעס — דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעשניצט אין דער פינסטערניש. נידעריקע שפיטאָלן, ענלעך צו מיליטער-טרומנעס, דער מיליטערישער בית-עלמין מיט זיינע סקעלעטן־ביימער, ענלעך צו צלמים. אַ כסדרדיקע באַוועגונג, געשרייען, קללות, אַ גערויש פון רעדער, פון וועגן און וועגעלעך. פאַטרולן... מען האָט זיך, אָן שום ספק צו עפעס געגרייט: ס'האָט געשמעקט מיט אָפענזיווע. אָבער דער מאַן, וועלכער האָט צווישן דעם אַלעם געשפרייזט, איז געווען

פול מיט שמחה, און קיין שום זאַך האָט אים נישט געקענט קאַליע מאַכן די שטימונג.

ער איז שוין כמעט דורכגעגאַנגען דאָס שטעטל, ווו ס'האָט זיך שטאַרק געטומלט. אין דער פאַרצוימונג פון צע־שטשורבעטע בינען־צעלן, זענען עטלעכע גערטנער געווען גע־מאָלט אויף ווייס, צוליב די צעשאָטענע הייזעלעך, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. דער קלויסטער, אויף וועלכן דעם צלם איז געווען אָפּגעהאַקט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הילף־פּונקט, און געטראָגן אויף זיך אַ בלוט־רויטן צעהאַקטן צלם.

אויפרייסן, בליצן, אַ שטאַרקע שיסעריי פונדערווייטנס און פון אַלע זייטן. אויף אַ הויכן בערגל, וועלכער איז געשטאַנען, ווי אַ קאָפּ איבער דער ערד־ציטערניש און אונטער די הימל־פלאַמען, האָבן זיך געפונען די אָפיצירן פון גענעראַל־שטאַב, וועלכע זענען געקומען זען די בייזע שיסערייען און די ווילדע געשלעגן. איינער פון זיי האָט געזאָגט:

— ס'איז פיין!

אַ צווייטער האָט געזאָגט:

— ס'וועט נאָך זיין שענער!

נאָכדעם זענען זיי אַוועק צו זיך, הינטערן פראָנט.

דער עקס־אורלויב־זעלנער, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט אין דעם גרויסן מלחמה־כאַאָס, האָט געשפּירט די סכנה ארום זיך און איבער זיך. אָבער קיין זאַך האָט נישט געקענט דער־שטיקן די צאַרטקייטן אין אים, און דער מיאוסער איינדרוק איז שנעל אויסגעמעקט געוואָרן. ער האָט אפילו אָנגעהייבן צו גיין שנעלער, פונקט ווי ער וואָלט זיך געיאָגט. ער האָט צוגעזונ־גען. מיט פלינקע טריט איז ער דורכגעלאָפן דעם וועג, באַזייט מיט צעהאַקטע, צעבראָכענעביימער. אין דעמדאָזיקן געגנט איז עפּעס געווען ענלעך, זייער ענלעך צו אַ ווינקל פון זיין שטעטל: אַ שטיק מויער, וועלכע איז אין עטלעכע רגעס אַלט געוואָרן פון אַ שטורעם און אַ שטיק טויער. ער האָט אָנגעהייבן העכער צו זינגען אין דעם נאַכט־נעפּל.

אַ זעלנער, וועלכער האָט דאָרט געוווינט אין אַ הייל,

האָט באַמערקט, ווי ער גייט מיט אַזאַ פרייד, זשעסטיקולירט און זינגט צו, האָט ער געהאַלטן פאַר זיין חוב אים צו וואָרענען:

— גיב אַכטונג, אַלטער קערל, ס'זענען דאָ טרעפּלעך. דו קענסט נאָך אַמאָל צעברעכן דיין פּיפּקע.

ער האָט דורכגעשפּרייזט די געשלענגלטע אָקאָפּעס, די שיינע פרישע, גוט אַרומגעאַרבעטע אָקאָפּעס, פון וועלכע ס'האָט זיך געטראָגן דער ריח פון פרישקייט. זיי זענען געווען פול מיט שוואַרצע ווילדע סענעגאַלער, וועלכע האָבן געשטשירעט זייערע ציין, פול מיט זשאַנדאַרמען—מיט דידאָזיקע פּראָפּעסיאָנעלע זעלנער, וועלכע זענען פון אַלע בירגער־שיכטן און ווייניקער פון אַלע האָבן זיי אַנטייל גענומען אין דער מלחמה. דידאָזיקע לייט, מיט זייערע כּלי־זין, זענען באַשטימט געוואָרן צו שטיין הינטער די אָקאָפּעס און פאַרשטעלן דעם וועג די קאַמף־זעלנער, זיי זאָלן נישט קענען אַנטלויפן פון דער מענטשן־מאַסע. די אָקאָפּעס האָבן געהייסן: געשלענגלטע אָקאָפּעס, אָבער אין גייסטיקן זין האָט עס געהאַט נאָך אַ באַדייטונג *).

בעת דער „אורלויבניק" איז אַריין אין דעם אָקאָפּ, ווו ס'האָט געשווּיבלט, האָט מען אים געגעבן צו וויסן, ווו ער געפינט זיך. אַ נעגער מיט אַ פלויט ציין אַרום זיין קאָפּ האָט אָנגעהייבן צו לאַכן, און געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט אים געוואָלט אַ שטאָך טאָן מיטן באַגנעט. אָנווייזנדיק פאָרויס האָט ער אַ זאָג געטאָן: „פראַנצויזישע זעלנער!"

דער מענטש האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן נישט צו מאַכן קיין גרימאַסע, בעת אים איז אויסגעקומען דורכצוגיין די שמוציקע זאַגע. נאָכדעם, ווען ער האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעקריגן, האָט ער אַ רגע אָנגעשפּיצט זיינע אויערן — און תּיכּף איז ער געוואָרן פריילעכער. ער האָט ווידער געזונגען.

---

*) דאָס וואָרט Repli האָט אין פראַנצויזיש די באַדייטונג: געשלענגלט בעדרייט. אין גייסטיקן זין: סודותפולקייט.

עטוואָס ווייטער זענען געווען די אמתע אָקאָפּעס: ס׳האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע מערה, לעבן וועלכער ס׳זענען געשטאַנען אויף דער וואַך זשאַנדאַרמען און אָרעמע שוואַרצע. אין דערדאָזיקער אומענדלעכער מערה איז מען פאַרזונקען געוואָרן. דאָס האָט געוויינלעך פּאַסירט אין אַן אָוונט, ווען אינדערלופטן האָט זיך געטראָגן דער ריח פון פרישער ערד. מען האָט זיך דעמאָלט צעשיידט מיט דער גאַנצער וועלט און זיך באַהעפט מיט אַ שרעקלעכער סודותפולקייט. מען גייט פון איין אויסבייג צום צווייטן, מען קראַצט די טאָפּעלע מויער, מען איז אַ געפאַנגענער אין דער לעגער, מען איז איינגעפּאַסט אין די גרויסע פאָרמלאָזע פאָרמען פון דער ערד און מען ווערט אַזוי געדריקט דורך די ווענט, פשוט דערשטיקט צו ווערן.

און ער, דערזעענדיק זיך איינער אַליין אין דעמדאָזיקן שמאָלן פאַרוויסטן גיהנום, האָט ער זיך שטאַרקער פאַנאַנדערגעזונגען.

ביני-לביני האָט זיך געקאָכט אין די ווייטע שטחים. די בליצן און די גערוישן האָבן זיך פאַרשטאַרקט. פון אַלע זייטן האָבן ראַקעטן געצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט, האָבן געפייפט און באַלאַנסירט זייער רויטן גרינעם גלאַנץ. אין אַ שטיקל צעשטערטן דורכגאַנג, וואָס די אַרבעטער האָבן נישט פאַרריכט איז דער אָפּהאַנג געווען אַזוי צעקרימט, אַז צייטנווייז האָט דער קאָפּ זיך אָנגעריירט ביים זוים פון דער אויסערלעכער וועלט. די אויגן זענען געווען אָנגעפילט מיט כוואַליעס ליכט, וועלכע האָבן זיך אומבאַשטימט געגאָסן פון אַלע זייטן.

עטוואָס ווייטער איז געלעגן אַן איבערגעקערטער בוים, אויף אַ רונדיקן צווישנצוויג, ווו אַ שפּיץ פון אַ בערגל איז געווען איינגאַנצן צעפלאַטשיקט. דאָ איז געגאַנגען אַ שרעקלעכע מעטאַלענע שמייסעריי און מען האָט געזען אַ גרויסע ליכטפויסט, וועלכע האָט געטרייסלט, געבראָכן און געריסן.

נישט געקוקט אויף דעם טומל, אויף דעם גערויש, האָט ער געזונגען האַלטנדיק די פּיפּקע אין מויל.

און ער האָט כסדר געזונגען, געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ

איבער דעמדאָזיקן מין באַרגיקער פעלד. ווײַלעווײַז איז אויף עטלעכע רגעס געוואָרן טאָג אונטערן בײַנאַכטיקן הימל. ס'זענען געווען מאָמענטן, ווען ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע שטערן פּלאַצן. אויף דעמדאָזיקן פעלד האָט מען געזען פאַלנדיקע פינטעלעך-מחנות, ווי שטערן-מחנות, און קוילן-לעכער, וועלכע זענען געווען נעסטן פון דערהרגעטע מענטשן.

הגם די גרויסע ציטערנדיקע ליכט האָט אים אַרײַנגע-דרונגען אין זײַן נשמה און ס'האָבן אין אים געקלונגען די מעטאַלישע קלעפּ פון די האַרמאַטן, איז ער דאָך געווען גליק-לעך, גליקלעך צוליב קלערינגען.

די נאַכט איז געווען אַ געדיכטע, בעת ער איז צוגעקו-מען צו דער אונטערערדישער מאַסע, צו די צונגען פון אַש און פון שטילקייט, ווו ס'האָט גערוט זײַן אייניקייט. פון אויס-בייג צו אײַסבייג איז ער צוגעקומען צו די לעכער פון זײַן אָפּטיילונג.

— דו ביסט אַראָפּגעפאַלן צו דער רעכטער צײַט, איז גע-ווען דעם אַדיוטאַנטס ערשטער ברוך-הבא. פונקט אײַנער פעלט! נעם אַ לאָפּאַטע. און דו ווייסט דאָך, שאַ! אויב איך האָב נישט קיין טעות קלינגט דיר אַביסל אין די אויערן. אָבער געדענק, טו אָן אַ שלאָס אויפן מויל.

ער איז רויט געוואָרן, ווײַל שיכור איז ער געווען בלויז פון גליק. ער האָט גאָרנישט אָפּגעענטפערט. אָבער ער האָט אין זיך נישט געהאַט אַזאַ גוואַלדיקן כוח. דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אין זיך, האָט ער געהאַט, און קיין זאַך האָט עס נישט געקענט צעשטערן. זײַן אומענדלעכע פרייד איז אים געגאַנגען פון בויך צום מויל, און זײַן געזאַנג, מיט וועלכן זײַן האַרץ איז אים געווען דורכגעדרונגען, פון זײַן אָפּפאַר אָן, האָט אים געשטופּט פון האַלדז אַרויס.

די קלײנע מחנה גרעבער זענען אַרויף אויף דעם פּײַכטן פינסטערן שטח, וועלכער האָט זיך געצויגן אונטער דעם קאַלטן פינסטערן שטח, און ער האָט באַלד אָנגעהייבן מרוקען, ווי אַ קאַץ לעבן פײַער.

— אפשר וועט ער צומאַכן זיין מיסטקאַסטן! — האָט געזאָגט דער אַדיוטאַנט.

וואָס ווייטער קלערין געפינט זיך פון אים, אַלץ מער באַוועגט זי זיך אין אים, אַלץ מער רייסט זי אים דאָס האַרץ, אַלץ מער פילט ער די נויטווענדיקייט זיך צו פאַרשטענדיקן מיט איר. ער שפּרייזט אַרויף אויף די שוואַרצע און רונצלדיקע נאַכט־בלאָקן. ס'גיסט זיך אַ ליכט פון די פאַלנדיקע שטערן. ס'איז אַ יום־טוב, מען לאָזט פייערווערק לכּבוד דער ענדערונג פון זיין אומגליק אויף גליק. קיין זאַך שטערט אים נישט, אַז אַלץ וואָס איז שיין, זאָל אין זיינע אויגן אויסקוקן נאָך שע־נער, און אַז זיין געזאַנג זאָל צאַפּלען פון אונטן אויף אויבן.

— שטיל! — שושקען און שרייען זיינע חברים.

ער, אַלס זעלנער, וואָס איז געווען געוווינט צו נאַכט־אַרבעט, האָט ער אינסטינקטיוו אויסגערעכנט, אַז ס'שמעקט דאָ נישט מיט סכּנה: מען איז נאָך געווען גאַנץ ווייט פון די ערשטע אָקאָפּעס, און איבעריקנס, האָט דער אָפיציר אַליין פסדר אַרויסגעגעבן באַפעלן דער אָפּטיילונג, וואָס ער האָט נישט געטאָן, בעת ס'האָט געמוזט זיין שטיל. אָבער חוצדעם, ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז ער געווען צו שוואַך זיך צו באַהערשן. ער האָט איצט מער נישט געקענט פאַרבלייבן שטיל, ווי אַ באַשטראָפטער תּלמיד. ער איז געווען אונטער דער מאַכט פון זיין האַרץ־פּשטות, און זיין שטימע האָט געזונגען פון זיך אַליין, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וחשבון פונם אָרט און פון דער צייט.

אַלזאָ, אַלע וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען האָבן מורא געקריגן פאַרן מענטשן מיט דער שטימע, וואָס ווערט נישט אויסגעלאָשן. מען איז שוין געווען צו ווייט, כּדי אים אָפּצושיקן צוריק. די שאָטנס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אומאָרדענונג, באַהערשט פון פּחד.

— מאַכט ער זאָל אַנטשוויגן ווערן, נישט ווילטיק וויאַזוי! — האָט דער אָפיציר ציטערנדיק (קענטיק פון כּעס), געזאָגט צום אַדיוטאַנט.

דער אריוטאַנט האָט איינגעצויגן דעם האַלדז, האָט אַ מורמל געטון און פאַרזונקען געוואָרן אין דער פינסטערניש — און אַ גרויסע שטילקייט, אַן אַלגעמיינע שטילקייט האָט זיך תּיכּף אַראָפּגעלאָזט אויפן פעלד.

באַגינען האָט דער אַדיוטאַנט געבראַכט צוריק די זעלנער אין אָקאָפּ און געפינענדיק זיך פּנים אל פּנים מיטן קאַפּיטאַן, האָט ער צו אים געזאָגט:

— ס'פעלט איינער.

— ס'איז פאַרדריסיק, — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, וועלכער האָט געהאַלטן פון זיינע מענטשן.

ער האָט באַמערקט בלוט אויפן גאַלאָן פונם אונטער-אָפיציר.

— איר זענט פאַרוואונדעט?

— ניין, הער קאַפּיטאַן. דאָס איז פון מיין מעסער.

— זייער גוט — האָט געזאָגט דער קאַפּיטאַן, דערפילנ-דיק אונטער זיינע ווערטער אַ העלדישע טאַט.

ב י ט ו א ר

ביטואר האָט געדרעמלט אין אַ גראָבן, צען טריט די לענג און איין טריט די ברייט, וועלכער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קליינעם פאַרפאַסט. ער איז געווען איינגעקאָרטשעט אין דעם אויסגעהילטן לאָך, וואָס איז געווען ענלעך צום דעק פון א שלעכט־אויסגעטרוקנטן ברוגעם, אָדער גאָר פון אַ פאַב. ציטנווייז האָט ער געגענעצט, זיך געריירט, אָפּגעקלעפּט זיך פון דער ערד אָדער פון דער וואַנט, נאָכדעם ווידער אַריינגעטויכט זיין רויטלעכע מאַסקע אינם שאָטן און אין האַלב־שלאָף.

לעבן אים זענען אויפגעפרעסט געזעסן אַנדערע און געשמועסט. אינדערהויך איבער אַלעמענס קעפּ, אומעטום, איז געווען אַ שרעקלעכע איבערקרייצונג פון דייטשישע און פראַנצויזישע קוילן. די ערשטע האָבן געווירבלט אַרום סואַסאָנער קאַטעדרע, די אנדערע אויף די שטיינגרובן פון פאַסלי. דאָס זענען געווען צוויי אוראַגאַנען, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אינם שטח, פליענדיק אין פאַרשידענע ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט און וועלכע מען האָט קיינמאָל ניעט אָנגעזען, אַזוי ווי מ׳זעט נישט אָן דעם טויט.

פאַסטער האָט דערציילט וועגן זיין מחלוקת מיט אַ קאָרגן שענקער:

— אין קנייפּע האָט ער מיר דערלאַנגט אַ טראָפּן. וואָס, זאָג איך צו אים, דו גיסט מיר דאָס רעכט, הייסט עס, צו קוקן אויפן פלעשל?

פאַנאָ האָט אָנגעהייבן צו דערציילן אַ לאַנגע געשיכטע:

— דו רעדסט, הייסט עס, פון אַ הוליאַנקע: ביי יעדער זייט פון זיין געזעס איז געווען זיין שופלע און זיין פרעס, און פאַר זיין געזעס, פאַרשטייסטו מיך, צוויי נעגערינס פאַר יעדער איינעם, און מען האָט געריבן!

בעת ער האָט גערעדט, האָט אַמאָשעט, פון זיין זייט אַטאַקירט מיט אַ דערציילונג.

— יענעם טאָג בין איך מיר געזעסן פאַר אַ גלאָז ווײַן. ס'איז אַ מעשה וויאַזוי מען האָט מיך געוואָלט אָנשכורן. ווייל, כ'מוז דיר זאָגן, אַז מיך קען קיינער נישט אָנשטאָפּן. איך שטאָפּ מיך תּמיד אַליין אָן.

פלומעטי האָט פאַר זיינע חברים געוויזן פאַרשידענע קונצן מיט קאָרטן.

— אָט האָסטו דעם מלך רויט, און אָט האָסטו דאָס זי־בעטל פּיק.

און ער האָט אויסגעמישט די קאָרטן, וועלכע ער האָט אָנגערופן.

— עך! אַך! — האָט מען געשריען.

נאָכדעם האָט מען אָנגעהייבן צו שמועסן וועגן מער פּאָ־זיטיווע זאַכן.

— מען שיקט דאָך אונדז היינט אין דער פּאַסקע! — האָט סאַנאָ פאַרזיכערט. דו ווייסט, האָט ער מוסיף געווען, וועדנדי־דיק זיך צו אַלעמען, דו ווייסט, וויפל מען דאַרף האָבן, כדי מיך צו פאַרשטאָפּן דעם האַלדז? אָט, דאָ געפינט זיך עס...

פּאַסטער, האָט געפונען פאַר נייטיק אויסצוברענגען זיין פריערדיקע חכמה. ער האָט מיט גאווה איבערגעקייט:

— נו, דאָס איז אַלץ וואָס דו גיסט מיר, דו גיסט מיר דאָס רעכט, הייסט עס. צו קוקן אויף דיין פלעשל?

ביכואַר האָט צוערשט אַלץ אויסגעהאָרכט מיט איין אויער, נאָכדעם האָט ער אויפגעעפנט ביידע. ער האָט אויסגעשטרעקט צו די רעדנער זיין פּנים, וואָס איז, פון אָפּגעבערענטקייט, פון שטויב און פון פאַרנאַכלעסיקייט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ

באַוועגלעכער קאַריקאַטור פון אַ פּנים. ער האָט זיך אַרײַנגע־מישט אין זייער שמועס. זיי האָבן אים אַלע אינטערעסירט. ער איז געווען אַ גוטער זעלנער און אַ גוטער מענטש, אָבער ער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו דער אכילה, באַזונדערס, צום טרינקען. סײַ בײַטאָג, סײַ בײַנאַכט האָט ער באַנוצט זײַן פלעשל. ער האָט שוין אפילו איבערגעכאַפּט די מאָס. ער האָט זיך אָנ־געהייבן אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון, בעת דאָס פלעשל איז בּיס־לעכווייז אויסגעליידיקט געוואָרן, און צוזאַמען מיט איר — אויך די קעשענע. ער האָט תמיד חרטה געהאַט, וואָס ער האָט גע־טרונקען, נאָכדעם ערשט, ווי ער האָט שוין געהאַט אויסגעטרונ־קען. ער האָט געשאָקלט מיט דער גאָמבע, געכרומעט די ברע־מען און געהערט: „צוואָס האָב איך עס געטאָן!" און אַרויס־געזאָגט האָט ער די ווערטער מיט אַ צעבראָכן האַרץ, ווי אַ בעל־תשובה: „יעזוס, מאַריע!" און אפילו, בעת ער איז געווען בגילופן, איז ער קיינמאָל נישט אײַנגעשלאָפן, ער זאָל לכתחילה נישט אַ טראַכט טאָן וועגן זײַן ווײַב אַדעלע און וועגן זײַן קליינעם ווײַטן גאָרטן, וווּ מאַרגעריטקעלעך וואַקסן אַרום אַ הילצערנעם טיש.

פון אַ קליינעם האָרינזאָנטאַלן לאָך, וועלכן מען האָט געקענט פאַרשטאָפּן מיט אַ נאָז־טיכל, האָט מען דערזען, ווי סירוקן זיך אַרויס אַ פּאָר פיס, נאָכדעם די גאַנצע פיגור פון סערזשאַנט מעטרער, דער שעף פון פּאָסט. דער סערזשאַנט האָט זיך צוגעגליטשט ביז צו די זעלנער און אויסגערופן:

— היי, חברה! ווער גייט מיט מיר הײַנטיקע נאַכט אויף אַ פּאַטרול?

— איך, סערזשאַנט, — האָט ביטואַר געזאָגט.

אַנדערע האָבן זיך אָנגערופן:

— איך אויך! און איך!

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, האָט זיך ביטואַר אַרײַנ־געזעצט אין זײַן קליינער לאָך און פּאַוואָליע האָט ער אָנגע־הייבן צו מאַכן הכנות, דאָס הייסט, ער האָט באַטראַכט זײַן ביקס און די שנירלעך, פון זײַנע שיך, אונטערן פּאָן פון אַ

גרוילעכן הימל, אומבאַשטימט באַזייט מיט שטערן און מיט ראַקעטן, צווישן אַ ריטשעריי פון קוילן.

אויפן שויס פון דער ברייטער, וויסטער און פלאַכער נאַטור האָט מען דערוויל געקענט זען שאָטנס געדיכטע און קלינגענדיקע, צוגעטשעפעט צו משאות; זיי האָבן געטאַנצט אויפן קליינעם פאָרפּאָסט מיט אַ געוויש פון זעלנער וואָס טראָגן דעם זופּ.

דער דינער שפּאַלט פונם קליינעם פאָרפּאָסט איז געווען אַרויסגערוקט אויף אַ זעקס הונדערט מעטער איבער אונדזערע סען-קרישטאָף-ליניעס, און אין אַן אַנדער ריכטונג אויף אַ הונדערט מעטער פונעם טייך ען. אויפן צווייטן ברעג האָבן זיך שוין געצויגן די דייטשע פּאָזיציעס. קיין שום אונטערגראָבונג, קיין שום אונטערערדישער דורכגאַנג האָט נישט געפירט צו דעמדאָזיקן קליינעם פאָרפּאָסט. פון אַלע זייטן איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט אַ ברייטער פלאַכקייט, ווי אַן אינדזעלע אויפן ים. אַריינקומען דאָרט האָט מען נאָר געקענט אין פינסטערע אָוונטן און ביינאַכט. און דער גאַנצער שטח פון דעמדאָזיקן געגנט איז געווען באַפלאַנצט מיט מתים, וואָס זינקען און זענען זיך טובל אין דער ערד, טאָג איין, טאָג אויס — שאָטנס פון לעבעדיקע.

מען האָט האָט צוגעבראַכט אַ לינדזן=געקעכץ. מען האָט אויך געבראַכט וויין. ביטואַר, וועלכער האָט אַליין געקויפט וויין, און האָט נישט געהאַט קיין חשק צו עסן לינדזן. האָט אָנגעפילט זיין לאָגל און זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים. נישט פאַרקאָרקעוועט אים, האָט דער לאָגל זיך ביי אים געבעטן רחמים מיט זיין קיילעכדיקן אויג. און ביטואַר האָט נאָכגעגעבן. צווערשט האָט ער נאָר טועם געווען, אַ טראָפּן, כמעט גאָרנישט, ווי מען זאָגט, אַ פּשוטן קוש.

ס'איז געווען אַ שיינער לאָגל. ס'איז אין אים אַריין צוויי ליטער, און אין יענער צייט זענען אַזעלכע לאָגלען געווען אַ יקר=המציאות אויפן פראָנט. ער האָט געהערט צו אַ מאַראָקאַנער, און מיט אַ געשיקטן קלאַפּ פון אַ ביקס האָט מען געמאַכט,

ס'זאָל דאָרט אַרייַנגיין דריטהאַלבן ליטער. זיינע חברים האָבן געוווּסט פון דעם סוד, אָבער די סוחרים האָבן דערפון נישט געוווּסט. און ווען מען האָט געקויפט ווייַן ערגעץ אין קרעמל הינטערן פראָנט, און מען האָט אַרייַנגעצאַפּט ווייַן פון אַ קראַן, איז ביטואַר ווייניקער פון אַלע באַשווינדלט געוואָרן.

ווען דער סערזשאַנט מעטרער האָט אינדערפינסטער באַטראַכט זיינע פיר מענטשן, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען אויפן פּאַטרול, איז ביטואַר געשטאַנען אָנגעלענט ביי דער וואַנט מיט אַ פריילעכן מונטערן אויסזען. אָבער ווען די קליינע גרופּע האָט זיך גענומען אויפהייבן פון אָקאָפּ, אַרויסגעקראָכן, זיך צעקניט און אַוועק איבערן פּליין, האָט ביטואַר, דער לעצטער אין דער רייע, דערפילט, אַז ס'איז אים קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, און ער האָט געבראָדזשעט אינדערפינסטער, גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען אין וואַסער. אַ פעסטער ווילן, שטאַרק ווי אייזן, האָט אים געהאַלטן גלייך אויף די פיס. וועגן אומפאַלן האָט קיין שום טענה נישט געקענט זיין!

ער האָט זיך באַמיט צו גיין אָן שום גערויש, איבערן טריבן פוטער פון די פעלדער, האַלטנדיק די ביקס, דעמדאָזיקן געפערלעכן געגנשטאַנד אין דער רעכטער האַנט, עטוואָס ווייטער פון זיך, און מיט דער לינקער האַנט זיין באַגנעט, ער זאָל שווייגן. ער האָט געקוקט פאָרויס, כדי נישט צו פאַרלירן פונם אויג די מטושטשע, פאָרמלאָזע פּלייצע פון פאָרויס־גייענדיקן חבר, וועלכע האָט זיך אין דער חושך געענדערט, אָנגענומען פאַנטאַסטישע פאָרמען, צייטנווייַז זיך פאַרטאָפּלט, פאַרדרייפאַכט.

אָבער די נאַכטיקע לופט האָט פאַנאַנדערגעפלאַמט זיין שיכּרות, האָט פאַרנעפּלט זיין מוח, ווי די וואָלקנס. וואָס העגנגען שרעקלעך איבער אונדזערע קעפּ, און אינדערזעלבער צייט האָבן אים זיינע פיס געצויגן צו דער ערד. ס'האָט נישט געדויערט קיין צען מינוט, ווי זיי זענען געגאַנגען אַרויף און אַראָפּ, אַיבער אַ לאַנגער משופּע, פון וועלכער דאָס אויג קען אַרומכאַפּן דעם גאַנצן טייך מיט זיינע סביבות. קענן זיין אייגענעם ווילן

האָט ער זיך געשלעפּט, פאַרשפּעטיקט, אָפּגעטיילט זיך פּסדר פון זיינע חברים, און ער האָט מיט גרויס פיין געפילט, אַז גייענדיקערייט ווערט ער אַנטשלאָפן.

דער געדאַנק, אַז ער האָט צו דערפילן אַ חוב, און דער אומבאַשטימטער פּחד פאַר אַ שטראָף האָבן אים פּסדר געוועקט. ער האָט זיך אַליין געזידלט, האָט געמאַכט נאָך עטלעכע טריט און אין זיין פאַרלוירנקייט איז ער געווען גרייט צו רופן זיינע חברים, אָבער ס'האָט נישט געהאַט קיין צוועק! ער האָט פּלוצלונג דערשטיקט זיין קול אין האַלדז. צוואָס ריידן הויך, שרייען אין אַזעלכע ערטער, ווו בלויז דער שאָטן און די שטילקייט פאַרהיטן פון טויט!

ער האָט געשוויגן, אָבער ער איז געבליבן שטיין. קיין זאַך האָט אים יעצט נישט געקענט שטערן, ער זאָל זיך צוזאַמענגיסן מיט דער ערד און אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט זיך אַ שטרויכל געטאָן אויפן שפּיץ פון דער משופּע און זיך אַנידערגעזעצט. דערוואַרעמט פונם וויין, האָט ער גערעדט מיט צאַרטע ווערטער צו זיין ביקס, געטראַכט פון זיין ווייב אַדעלע, פּונקט ווי תמיד אין די שלעכטע מאָמענטן פון זיין לעבן. אין דמיון האָט ער איצט געזען זיין שטעטל אין אַ שיינעם וועטער: די וואַרעמע פּראַכט פון די פרוכט-ביימער אויף דער זון. ער האָט אויך געזען זיין שטעטל אין די ווינטערדיקע פרימאָרגנס: דער אָפּגעשיילטער פליין הינטער דער פערמע, די פאַרפרוירענע אָזיערע, גלייך ווי מיט גלאָז באַצויגן, ווו מענער און פרויען גייען פאַרביי לעבן די קוסטעס, ענלעך צו פּעקלעך און מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען געקליידט אין צייטונגען.

ענדלעך האָט ער דערפילט אַ פאַרגליווערונג אין זיינע אַלע גלידער, אין זיין קאָפּ, ווו ס'האָבן געווירבלט די עקשנותדיקע שפּורן פון ווילן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. זיינע אויגן האָבן זיך צוגעשלאָסן און ער איז איינגעשלאָפן געוואָרן.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ שרעקלעכן קאָשמאַר. דער שטערן איז געווען באַצויגן מיט רייפן, אין קאָפּ האָט אים געקלאַפּט פון מיגרען, אין מאָגן האָט געברענט אַ פייער,

און ער האָט נישט אָנגעהייבן צו וויסן, ווו ער איז און ווער ער איז.

אָבער אין דער רגע האָט אים אַ גערויש געצווּנגען אָנצושפּיצן די אויערן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. זיין אינסטינקט, צוגעוווינט צו לויערן אינדערפינסטער, האָט גוט פונקציאָנירט, נישט געקוקט אויפן תהו־ובהו פון זיין געדאַנק. ס'איז אין אים געווען אַזוי שטאַרק איינגעוואָרצלט די רגילות פון לויערן, אַז דערדאָזיקער גערויש האָט אים מסתם אויפגעוועקט. ער האָט דערשפּירט, אַז ס'שמעקט מיט סכנה.

ס'האָט אים געעקלט און געשטיקט. מיט שווערע אומזיכערע באַוועגונגען האָט ער זיך געשלעפּט אויפן גראָז. ער האָט אויפגעהייבן זיין צעפּלאַמטן קאָפּ מיט די געקרייזלטע ברעמען, ווי עפּעס האָט מאָדנע געזונגען, ער האָט געקוקט הויך איבערן שפּיץ פון דער משופּע, וואָס האָט באַהערשט דעם טייך עק, פּונקט ווי מען קוקט אַרויס איבערן זוים פון אַ גרויסן אָקאָפּ.

אָנהייבנדיק פון אים איז די גאַנצע משופּע געווען כמעט ווי פאַרזונקען. צוליב דער געדיכטער פינסטערניש האָט מען גאָרנישט געקענט דערקענען ביז אינדערנידער. אָבער טיפער האָט מען געקענט דערקענען די אָפּשפּיגלונג פונעם וואַסער, וועלכעס איז פון דער צווייטער זייט געווען אָפּגעצוימט מיט אַ פאַרנעפּלטן, בלאַסן שטריך, אויף וועלכן מען פלעגט ציען די שיפן. אויף דעמדאָזיקן לאַנגן בלאַסן פּאַס, אויסגעצויגן אין דער פראַכט פון דער נאַכט, האָט מען גאַנץ דייטלעך געזען אַ גרופּע שאָטנס, קענטיק אַ דייטשישער פּאַטרול, וואָס האָט זיך באַוועגט.

דער פּאַטרול האָט זיך צעשמאָלצן אין אַ סודותפולן שוואַרצן נעץ, וועלכער האָט זיך גערוקט אויף דער טינט־שוואַרצער אויבערפלאַך פונעם טייך. די פּאַסלי־בריק! ביטואַר האָט אַזוי גוט געקענט די בריק, אַז ער וואָלט זי אין שלאָף דערקענט.

אָבער זיין טומעלדיקע, קלינגענדיקע אויפמערקזאַמקייט

איז פלוצלונג געוואָרן צוגעצויגן דורכן גערויש, וואָס ער האָט געהערט גאַנץ נאָענט. זיינע בליקן האָבן געטאַפּט אין דער פינסטערניש.

אונטן, גאַנץ נאָענט, אַן ערך צוואַנציק טריט פון אים, האָט ער באַמערקט אַ דייטש, וועלכער איז געקראָכן איבער דער משופּע, פּאַוואָליע, אויף די קני.

דער פיינטלעכער זעלנער איז געקראָכן אויף דער טריבער משופּע, גלייך אונטער ביטואַרס, אויסגעגלאָצטע אויגן. זיין ביקס איז געלעגן פאר אים. ער האָט זיך אָנגעצילט אויף דער קריכנדיקער מאַסע און אויסגעשאָסן. דער דייטש, וועלכער איז געקראָכן אויף אַלע פיר איז געפאַלן און געבליבן ליגן אויפן בויך.

דער שאָס האָט אָפּגעקלונגען אין דער נאַכט־שטילקייט. ביטואַר, וועלכער האָט זיך פלוצלונג באַרויקט און זיך ענדלעך באַפרייט פונם ווייַן=נעפּל, האָט געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. עטלעכע סאַלוון, אַרויסגערופן נאָך איינאַנדער, האָבן זיך דערהערט דאָ און דאָרט אין די ליבטיקע קייקעלעך, וועלכע זענען פלוצלונג אויסגעוואַקסן.

ס'איז אַדורך אַ גוטע פערטל שעה. פון גרויס באַגייסטערונג האָט ביטואַר זיך אויסגעניכטערט. דורך טאַפּעטן פון גרויען און שווארצן מושלין, האָט די לבנה פארשפּרייט אויפן גאַנצן שטח איר פארנעפּלטן טעפּיך. די טרוקענע און גיפּסענע קעלט האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיין פּנים און האָט אים פולשטענדיק אויסגעניכטערט. ער איז נאָר געווען עטוואָס פאַרגליווערט.

איצט דאַרף ער ווייטער דערפילן זיין חוב. ער איז אוועק צו זיין קרבן, כדי אים דורכצוטאַפּן. נאָכדעם וועט ער זיך צוריקקערן אויף זיין קליינעם פאָרפּאָסט. דאָס וועט זיין בלויז אַ שפּיל. אָבער ביטואַר איז געווען זייער צעפרידן, ווייל אין די באַדינגונגען, ביי וועלכע ער וועט זיך צוריקקערן, וועט מען אים נישט קענען מער פאָרוואַרפן, אַז ער האָט פארנאַכלעסיקט דעם פּאַטרול.

מיט גרויס פאָרזיכט האָט ע[illegible]יך א[illegible]ערגערוקט אויף די

הענט און אויף די פיס, ליגנדיק דעם ביקס אַביסל ווייטער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון דער משופּע און זיך באמית צו זיין ווי ווייט אויסגעצויגן און האַלטן די ביקס אין דער האַנט. ער איז צוגעקומען צום טויטן דייטש. ער איז אויף אַן אמת געווען טויט. זיין שאַרבן האָט אויסגעזען, ווי אַ צעבראָכן רויט איי, און מיט אַ פינגער האָט ער זיך געהאַלטן ביים אויסגערונענעם מאַרך און צעשפּאָלטענעם קאָפּ. ווי אַ ספּעציאַליסט האָט בּיטוּ- אַר אַ טאַפּ געטאָן זיינע בגדים, זיינע כּלי-זין. ער האָט פּלוצ- לונג אַ ציטער געטאָן און אַרויסגעלאָזט אַ טעמפּן געשריי: „אַך!” נאָכדעם האָט ער זיך אויפגעהייבן, ווי אַ משוגענער, געמאַכעוועט מיט אַ קאַסקע, און צווישן דעם שרעקלעכן איינ- געשלאָפענעם תּהום, האָט ער אנגעהייבן צו ריטשען, נישט מורא געהאַט פאַרן טויט און נישט געטראַכט פון קיין שום זאַך.

דער געהרגעטער איז געווען אַ פראַנצויזישער זעלנער!

פון דערדאָזיקער רגע ביז באַגינען איז ביטואַר אַן אויסגעמאַטערטער, אַ דערשלאָגענער, פאַרבליבן אויף דער משוּ- פּע, לעבן טויטן קערפּער.

ער האָט געקלאָגט, האַלטנדיק דעם קאָפּ אין די הענט: ער האָט זיך געקלאַפּט אין דער ברוסט און אין בויך, ער האָט געהייבן די הענט אינדערהויך. ער האָט געחזרט, וואָס ס'איז אים נאָר אַרויף אויף דער צונג:

— איך האָב אים געהרגעט, ווייל איך בין געווען שיכּור. ווען איך וואָלט נישט געווען שיכּור, וואָלט איך אים נישט דערהרגעט.

אַך, דאָס בלוט! ווער האָט עס אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ דייטש?

קיינער, קיינער נישט. ער האָט גאָרנישט געטראַכט דע- רין, ווייל דער זעלנער איז געקראָכן פון דער ען-זייט. ער האָט אָבער יענעם געשאָסן גלייך אין פּנים אַריין, און הגם יענער איז געקראָכן אין שאָטן, האָט מען דאָך אים געקענט דערקענען. די מעשה איז אָבער, וואָס ער איז געווען שיכּור!

ער האָט זיך געזעצט אויף דער ערד. פון רגע צו רגע

איז ער אַלץ מער געזונקען אין תּהום פֿון שרעק און פֿאַר־צווייפֿלונג. ער האָט שטאַרק מיט זיך געקעמפֿט.

ס'איז אים דאָ געוואָרן קאַלט און דאָ וואַרעם. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ס'איז אים אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ — אַוועקצולויפֿן באַלד אויפֿן סעקרעטאַר און וועגן אַלץ דערציילן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, געמאַכט דריי טריט. ער האָט שוין אַפֿילו געהאַט אויף די ליפּן די פֿראַזע, וואָס ער וועט אַרויסשטאַמלען:

— סעקרעטאַר, איך בין אַ מגוּבֿל!

נאָכדעם האָט אים עפּעס אַ כּוח אַוועקגעשלעפּט צוריק צום טויטן קערפּער. ער איז צוגעפֿאַלן צו אים, צוגערירט זיך צו אים, געשאָקלט, אויפֿגעהייבן, אַרומגענומען. ער האָט אים געוואָלט דערוואַרעמען אין זיינע אָרעמס. ער האָט געפּרוווט אים אַוועקשטעלן אויף די קני פּנים אל פּנים צו זיך. אָבער דער זעלנער איז שוין געווען שטייף, אַזוי ווי אַ בוים.

ביטואַר האָט הויך אַ קרעכץ געטאָן. ער האָט זיך פּלוצ־לונג דערמאָנט וועגן זיין אַדעלען, וועלכער ער וועט שוין מער נישט זען. ער האָט אַרויסגענומען איר פּאָרטרעט פֿון זיין קע־שענע, אים צעריסן און אים אַוועקגעוואָרפֿן זייער ווייט, כּדי דידאָזיקע אָרעמע פֿרוי זאָל נישט זיין אַזוי נאָענט מיט דעמ־דאָזיקן אויסוווּרף. נאָכדעם האָט ער פֿאַרשאָלטן זשעדעאָנען, וועל־כער האָט געהאַט די גרעסטע שולד, ווייל ער האָט אים פֿאַר־קויפֿט דעם ווייַן, פֿון וואָס ער האָט זיך אָנגעשכּורט. מיטאַמאָל האָט ער אויפֿגעהערט צו שילטן און געוויינט שטיל, שטיל.

מיט אַ רגע שפּעטער איז אים אַריין אַ נייער געדאַנק: פֿון גרויס אויפֿרעגונג האָט ער אַ ריס געטאָן זיין לאַגל, אים אַ שלייַדער געטאָן אויף דער ערד, געשטאָכן אים מיט זיין באַגנעט, געטראָטן אים מיט די פֿיס, גלייך ווי ס'וואָלט געווען זיין אייגן האַרץ. זיין לאָגל, וווּ ס'האָט זיך נאָך געפֿונען וויין, האָט אָנגעהייבן צו בלוטיקן.

נאָכדעם איז ער ווידער אַוועק, געקומען צוריק, זיך גע־דרייט. ער האָט זיך כּסדר אָנגעשטויסן אויף שרעקלעכע גע־

דאנקען, אַ זויווי אַ פּאַרמשפּטער, ווען מען קיין שום זאַך קען שוין נישט ראַטעווען.

די שוואַרצע בלוזקײט איז פאַרשוואונדן געוואָרן פון אונ־טערן הימלישן געוועלב. דער גאַנצער שטח איז געוואָרן ווייס־לעך. די ווייסלעכע שטויב פון הימל האָט באַלויכטן אויף זיין צעעפנטן בגד אַ לאַטקע: „ביטואר אַדאָלף 1905״. און מיט אַ לאַנגגען ציטער אין זיין אינגעווייד, האָט ער געטראַכט, אַז דאָס איז דער נאָמען און דער קלאַס פון אַ באַנדיט. און ער האָט צום לעצטן מאָל געזען זיין פאַראַבלט הויז.

דער הימל האָט זיך נאָכמער באַלויכטן. לאַנגע שורות ביימער האָבן זיך אַרױפּגעלאָזט אויפן פאַרשאָלטענעם אָרט.

און בעת דער טאָג האָט זיך פאַרשפּרייט, אומעטום אויף אַלע זייטן, איז ער אומבאַוועגלעך געשטאַנען אינדערהויך אויף דער משופּע, ווי אַ פעלז. תיכף האָט אַ קויל אַ פּיק געטאָן אין זיין שינעל.

ער האָט אויסגערופן: אַך! — פּונקט ווי אַ משא וואָלט אים אַראָפּ פון האַרצן. ער איז געפאַלן אויף די קני, נאָכדעם אויף דער פּלייצע.

אין אַ קליינעם ליכטיקן שול־צימער, פאַרוואַנדלט אין אַ שפּיטאָל, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, איינגעהילט אין ווייסן.

אַ חולה, געשיקטער פון אַלע אַנדערע, וועלכער האָט באַ־דינט דעם זאַל מיט די קלומפּעס און געטראָגן כלים אין קיך אַריין, האָט זיך דערנענטערט צו אים, ווען יענער האָט געזען אַז ער האָט געעפנט די אויגן, און צו אים געזאָגט:

דו האָסט אויפגעעפנט אַן אויג, דו פילסט זיך בעסער. איצט ווייסטו, מען האָט דיר צוגעטשעפּעט אַ מיליטערישן מע־דאַל, וועלכער געפינט זיך דאָרט אין צימער. און מען האָט דיר אים שנעל צוגעטשעפּעט אויפצומאָרגנס, נאָכדעם ווי מען האָט דיך אַהער געבראַכט מיטן פינף אַזייגערדיקן צוג, ווייל מען האָט מורא געהאַט אַז דו זאָלסט נישט נעלם ווערן. ווייל

די ווייסט, דער „יעקע", וועלכן די האָסט געהרגעט אין וועל־כער איז געווען געקליידט אזוי ווי אַ פראַנצויז, האָט געטראָגן וויכטיקע פּלענער: אָבער איך דאַרף גיין אַוועקטראָגן די כּלים אין קיך אַריין, די פאַרשטייסט, כ׳העלף זיי דאָ אַביסל, די פעלדשערס, ווייל ס׳איז מער נישטאָ ווי איינער. אַך! כ׳ווייס, אַז איך וואָלט מער געקענט אויפטאָן, אוודאי; אָבער אין לעבן, וואָס מען טוט מער, איז אַלץ ערגער.

— אַך! — האָט ביטואַר אַ מורמל געטאָן.

ער איז ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן און נישט פאַרשטאַ־נען גאַנץ גוט, וואָס יענער האָט צו אים גערעדט. אַלץ האָט ער מיטאמאָל נישט געקענט באַגרייפן!

ביסלעכווייז, איינאָונט, אויפצומאַרגנס, האָט ער פאַר־שטאַנען. אַ נייער קלינגענדיקער טאָט האָט פאַרענדערט די צורה פון דער וועלט, און דערדאָזיקער קאָסמישער נס האָט זיך אין אים אויסגעדריקט מיט אזא מין מצבה־אויפשריט: „איך דער פריערדיקער אויפוווורף בין איצט אַ העלד".

אַ העלד! ער האָט איצט מיט פרייד געקוקט אויפן לעבן. ער האָט איצט אַנדערש געקוקט אויף זאַכן. אַלץ אַרום זיינע אויגן האָט געהאַט אַ יום־טובדיקן אויסזען.

ער האָט באַשלאָסן, אַז מ׳דאַרף קיינעם נישט דערציילן די גאַנצע מעשה מיטן ווין, אַפילו אויך נישט דער באַרמ־הערציקער שוועסטער, וועלכע איז געווען, ווי אַן אמתע שוועס־טער פאַר אים. ענדלעך, ווייל ער האָט געטרונקען איז ער געוואָרן אַ העלד, און דאָס איז גאָר זיין שטאָלץ.

אָבער דער אומגליק איז געווען דער, וואָס ביטואַר איז בעצם געווען אַ פשוטער און אמתער מענטש, און וואָס לענ־גער זיין גענעזונג האָט זיך געצויגן, אַלץ מער שלעכטע גע־דאַנקען זענען אים אַריין אין קאָפּ. דערדאָזיקער צוזאַמענלויף פון די באַדינגונגען האָט זיך טרויעריק אויסגעלאָזט פאַר אים. איינמאָל, אין אַן אָוונט, ווען ער איז געזעסן אין גאָרטן פון שפּיטאָל און געטראַכט וועגן זיין הויז און אַדעלען, האָט ער זיך פלוצלונג דערמאָנט וועגן יונגנמאַן, וועלכן ער האָט דאָרט

געפּטרט און איצט ליגט ער אויף יענעם שטח, ווו ס׳קאָכט און ברויזט פון קוילן. ער ליגט און פוילט דאָרט טאָג און נאַכט, בעת ער באָדט זיך אין גליק און אין רום. ער האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט: דערדאָזיקער טיפּ, וועלכער האָט געקענט זיין אַ פראַנצויז!...

אָרנטלעכע לייט זענען אונטערגעוואָרפן עפּעס אַ זאַך, וואָס איז פיל גרעסער פון זיי, און וואָס שטעלט זיך זיי תמיד אויפן וועג. וויפל דער אָרעמער ביטואַר האָט נישט אַריינגע־טראַכט, אין די אויפרופן פון די דייטשן און די פראַנ־צויזן — די באַשלוסן פון העלדישקייט זענען פאַר אים גע־וואָרן אַ ווערטער־שפּיל, וואָס שוועבט איבער דער ווירקלעכקייט. די ווירקלעכקייט, — איז יענער טויטער קערפּער, ענלעך צו אים וועלכער האָט ווי ער אַ הארץ, האָט ווי אַלע אַנדערע אַ מארך, וואָס ער האָט געזען מיט זיינע אויגן און אָנגעטאַפּט מיט זיינע הענט.

און איידער נאָך זיין אָרגאַניזם איז געקומען צים פריער־דיקן צושטאַנד, האָט ביטואַר געטאַכט דידאָזיקע באַמערקונג:

— איך דער העלד, בין אַ אויסוואורף.

דידאָזיקע פעסטשטעלונג האָט ער געהאַלטן בסוד, אָבער ער האָט זיך געשטראָפט דערמיט, וואָס ער האָט געטאָן אַ נדר, אַז ער וועט מער נישט טרינקען, היות די שיכרות האָט אים דערפירט צו דערדאָזיקער העלדישקייט.

ווען ער איז צוריק געקומען צו זיין אָפּטיילונג, נאָכדעם ווי ער איז אויסגעפּאַרכט, אויסגעבעסערט און איבערגעמאָלע־וועט געוואָרן אויפן דרום, האָבן זיינע חברים אים מכבד גע־ווען מיט וויין. ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט, און געטענעט:

— ניין, כ׳דאַנק, חברים, כ׳האָב שוין מער קיין דורשט נישט.

צעחושט פון דידאָזיקע פּראָבלעמאַטישע און פּאַראַדאָקסאַ־לע ווערטער, זענען זיינע חברים צו אים צוגעשפּאַנען:

— אַ קליין ביסעלע, וואָס?

ביטואַר איז אין כעס געוואָרן.

— ניין! אַלס וואָס פאַר אַזאַ איינעם האַלט איר מיך?

ס'האָבן נישט געהאָלפן קיין רייד, מען האָט מיט אים גאָרנישט געקענט מאַכן.

און ביים עסן פלעגט ער פּאַרטרינקען מיט וואַסער; צום ערשטן מאָל איז ער רויט געוואָרן, אָבער נאָכדעם פלעגט ער עס מאַכן ווילעריש. תחילת האָט ער שטאַרק געליטן דער־פון. בעת ער האָט געזאָגט, אַז קיינמאָל האָט ער נישט קיין דורשט נאָך ווייַן, פלעגט ער זאָגן אַ ליגן. ער פלעגט עס אַרויסזאָגן מיט אַ מין אינערלעכע פרייד, אָבער ער פלעגט זאָגן אַ ליגן.

שפּעטער, בעת ער איז געווען אין ציוויל, האָט ער גע־טאָן נאָך עפּעס מער.

צוערשט האָט ער זיך צוגעוווינט צו טראָגן זיין מיליטע־רישן מעדאַל אין קעשענע. און איינמאָל, בעת מען האָט אין זיין קעגנוואַרט גערעדט וועגן זיין בראַווקייט, האָט ער דרייסט אַ שטאַמל געטאָן:

— ער, דער דייטש, איז דאָך, נאָך אַלעמען, אויך געווען אַ מענטש.

— אַ מענטש! זאָגט־זשע אַליין וויפל מאָל זענט איר געווען אַ שלעכטער פראַנצויז? און איר חברים, איר הערט, וואָס ער האָט געזאָגט?

און ביטואַר, וועלכער איז מער נישט געווען קיין העלד פאַר זיך אַליין, איז אויך נישט געבליבן קיין העלד פאַר קיינעם.

צוויי דערציילונגען

ער איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ שיף קיין מאַראָקע, ווי אַ פרייוויליקער. אין דעמדאָזיקן טאָג, דעם 1־טן אָקטאָבער 1925, זענען אַ סך אַנדערע מיט אים מיטגעפאָרן, און שפּעטער זענען אַנדערע נאָך מער געפאָרן, צוגעצויגן דורך די שיינע הבטחות פון די אָפיציעלע ווערבירער, פון די פּראָפּאַגאַנדיסטן, פון די פאַרמיטלער פון דער מיליטער־פאַרוואַלטונג און פון זשורנאַליסן־אַדוואָקאַטן, וועלכע שרייבן אַרטיקלען איבער דער פראַנצויזישער ציוויליזאַציע אין דער גאַנצער וועלט און באַזונדערס אין מאַראָקע.

דער קליינער זעלנער אַליוויע באַנאַראָן איז נישט געווען אינטערעסאַנטער פון די אַלע איבעריקע זעלנער, וועלכע האָבן זיך געשטופּט ווי מורעשקעס ביים טראַנספּאָרט. אָבער אַזוי ווי מיר זעען אים אין דערדאָזיקער רגע, איינעם אַליין פאַר אונדזערע אויגן, און מיר איזאָלירן אים פון אַלע אַנדערע, פאַרשטייען מיר אים און האָבן אים ליב מער פון אַן אַנדערן.

חוצדעם, וואָס ער א־ן יונג, אויפריכטיק, באַגייסטערט און אומבאַוווסטזיניק, קען ער אונדז דינען פאַר אַ טיפּ פון אַ קליינעם זעלנער, וואָס גייט פרייוויליק אין דער מלחמה אַריין, ווייל ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרשטיין, וואָס ס׳איז אַזעלכעס טויט און וואָס לעבן, און נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו זען די גרויסקייט פון שקרים.

דער טראַנספּאָרט „האַיטי” פון דער טראַנסאַטלאַנטישער קאָמפּאַניע, האָט פאַרלאָזן די ברעגעס פון פראַנקרייך, צוזאַמען

מיט זײַן משא פֿון נײַעם מענטשן־מאַטעריאַל. אָבער צװישן דערדאָזיקער מחנה האָבן זיך געפֿונען עטלעכע פֿאַרדעכטיקע מיליטער־לײַט, און אויך דער סערזשאַנט פֿון 3־טן קאָלאָניאַלן אינפֿאַנטעריע־רעגימענט. דערדאָזיקער סערזשאַנט האָט געהערט צו דעם מין שמוציקע חיות, װאָס די הערן פֿון הויפּטשטאַב און פֿון מיניסטעריום באַשטימען זײ תמימותדיק, אָנרופֿנדיק זײ „ענערגישע אונטער־אָפֿיצירן”. ער איז געװען אַ גראָבער יונג און אַ שיכּור, װעלכער האָט געגאָסן, װי אויף הײסע שטײנער. אַלע װײסן, אַז די קאָלאָניאַלע אינפֿאַנטעריע רעגימענטן געפֿינען זיך ס׳רובֿ אין די פֿיבערהאַפֿטע װילדע הענט פֿון דערדאָזיקער קאָמפּאַניע.

דער אויבנדערמאָנטער סערזשאַנט איז דורכגעלאָפֿן דעם דעק פֿון דער שיף, װעלכער מיר קענען אָנרופֿן: אַ שיף מיט סחורה. דער פֿראַנצויזישער ברעג האָט אָנגעהײבן פֿאַרנעפּלט צו װערן, צוליב דעם װאָס מען האָט זיך דערװײטערט און צוליב דער דעמערונג, װײַל ס׳איז דעמאָלט געװען האַלב נײַן אינאָװנט. אַ סך מענטשן זענען אַרויף אויפֿן דעק, כּדי צו געניסן פֿון דער פֿרישער לופֿט, פֿון די לעצטע טאָג־שטראַלן און פֿון לעצטן שטיקל בילד פֿון פֿראַנקרײַך, װאָס איז פֿאַמעלעך פֿאַרשװונדן געװאָרן צװישן ים און הימל. דער קלײנער זעלנער באַבאַראַן איז אַרויס פֿון אונטערשטן דעק, און אויף דער פֿרײַער לופֿט, האָט ער געקוקט פֿאַר זיך מיט דעמדאָזיקן פֿאַרטראַכטן בליק, װאָס שטעלט אַװעק אינערלעכע זאַכן אויף אויסערלעכע און מאַכט פֿאַנטאַסטישע אויסמישונגען.

דער סערזשאַנט, װעלכער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס, איז געגאַנגען פֿון אײן גרופּע צו דער צװײטער. ער איז געװען טויט־שיכּור, די קעפּי אויפֿן קאָפּ פֿאַרדרײט, דאָס פּנים געמאַרשטשעט, די אויגן װאַסערדיק. ער חאָט אײנעם נאָכן צװײטן אויסגעטרעגט און פֿאַרטשעפּעט די מענטשן און געקוקט אויף זײ, װי אַ משוגענער הונט. „דאָס ביזטו?” דערדאָזיקער משוגענער האָט געזוכט עמעצן. אינדערפֿרי האָט ער זיך געקריגט מיט אַ מאַרטיניקער סערזשאַנט, און נאָכדעם װי

ער האָט אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער שנאַפּס, איז ביי אים אין מוח אַנטשטאַנען אַ געדאַנק: הרגענען דעם מאַרטיניקער. ווען מען קריגט זיך מיט איינעם, איז דאָס דער בעסטער אויסוועג, נישט אמת? און מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט, האָט ער געזוכט דעם שוואַרצן סערזשאַנט, געהאַלטן אין איין באַדראָען און פאַלן פון די פיס.

דער משוגענער, פאַר וועמען די בילדער זענען געפלויגן, האָט געמיינט, אַז ער האָט דערזען דעם פאַרהאַסטן חבר. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און אויסגעשאָסן.

אַליוויע באַנאַראַן, געטראָפן אין בויך, איז אומגעפאַלן מיט אַ קרעכץ:

— איך בין אַ פּאַרטיקער. מיין אָרעמע מוטער!

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער, וואָס דער קליי־נער זעלנער האָט אַרויסגערעדט. ער האָט תיכף פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. בלויז די יסורים האָבן איצט אין אים געלעבט, און מען קאָן זאָגן, אַז נאָכן אַרויסרעדן די עטלעכע ווערטער איז ער שוין געווען טויט, הגם זיין האַרץ האָט נאָך געקלאַפּט אין אים אַ גאַנצן טאָג.

די „האַיטי" האָט זיך אָפּגעשטעלט. מען איז געווען אויף דער הויכקייט פון קליינעם רואַנער פּאָרט.

דער ראַדיאָ, וואָס אויפן טראַנספּאָרט־שיף, האָט געפאָדערט הילף, און גיכע הילף איז שנעל געקומען צום יונגן קערפּער, פון וועמען דאָס לעבן האָט אויסגעהויכט, און וועלכער וואָלט געשריען, אויב ער וואָלט געקענט. אָבער ראַטעווען אים איז געווען אוממעגלעך, און ער איז געשטאָרבן אין רואַנער שפּי־טאָל, נאָך א דרייסיק שעהדיקער גסיסה. דאָס האָבן געזען אַ סך מענטשן, געמלעך אַ סך יונגעלייט, וועלכע האָבן פאַר־מעל דערפון געמאָלדן און וועלכע האָבן זיך אָנגערופן, לאָמיר זאָגן: בורדאָ, ראָלאַן, ראַשעטאָ.

בעת די „אָרעמע מאַמע", וועלכע וווינט אין אַנגולעם האָט זיך דערהוסט וועגן דעם טויט פון איר קינד, האָט זי אין גרויס פאַרצווייפלונג, געשריבן אַ בריוו צום מלחמה־מיניסטער

און געבעטן פון אים דערקלערונגען. אָבער וואָסערע מיטגעפיל, וואָסערע באַשולדיקונגען האָט אויסגעגאָסן די הויכע פּערזענלעכ-קייט פאַר דער מוטער, כּדי פאַרענטפערן דעם מיליטאַריזם פאַרן פאַרברעך פון אַ מיליטערישן אויסוווּרף?

אָט איז דער בריוו, וואָס די מאַדאַם באַנאַראַן האָט באַ-קומען פון קריגס-מיניסטעריום, וועלכער האָט ביי איר צוגענו־מען איר צוואַנציקיעריק קינד, און קוים פאַרלאָזט דעם פּאַרט, איר צוריקגעגעבן אַ מת.

„מאַדאַם,

„אַלס תּשובה אויף אייער ביטע, האָב איך דעם כּבוד דערמיט אייך צו מעלדן וועגן די רעזולטאַטן פון די אויס-פאָרשונגען, וועלכע איך האָב פאַראָרדנט דורכצופירן, כּדי צו דערגיין די פּרטים איבער דעם טויט פון זעלנער באַנאַראַן (אַליוויע) פון 107-טן אינפאַנטעריע רעגימענט, פאַרוווּנדעט דעם 1-טן אָקטאָבער אויף דער טראַנספּאָרט-שיף „האַיטי" אויפן וועג פון באָרדאָ קיין מאַראָקע.

„אויפן וועג צום שפּיטאָל, האָט דער אונטערמאַנטער דערציילט אָט וואָס:

„געפינענדיק זיך אונטן אויף דער שיף „האַיטי" פון דער טראַנסאַטלאַנטישער קאָמפּאַניע, איז פאָרגעקומען אַ מחלוקת צווישן אַ סערזשאַנט און אַ שוואַרצן. דער לעצטער האָט דער-לאַנגט דעם סערזשאַנט. דער סערזשאַנט איז אוועק אין קאַיוטע, געבראַכט זיין רעוואָלווער און געדראָט דעם שוואַרצן. איך האָב זיך געוואָרפן אויפן סערזשאַנט, כּדי אים צו אַנטוואָפענען און אין דער רגע, ווען איך האָב אים געקוועטשט ביי דער האַנט, האָט ער אַ דריק געטאָן דאָס צינגל, און די קויל האָט מיר געטראָפן אין בויך."

„דער זעלנער באַנאַראַן איז געשטאָרבן אין רואַנער שפּי-טאָל, צוויי אַזייגער פאַרטאָג, ניט געקוקט אויף דער הילף, וואָס מען האָט אים אַרויסגעוויזן.

„ניט געקוקט דערויף, וואָס דער צופאַל איז געשען אומגערן, איז דאָך דער שולדיקער אַריינגעזעצט געוואָרן אין

דער קאסאבלאנקער תפיסה און איבערגעגעבן דער מיליטערישער מאכט, כדי מען זאל אים שטעלן פאר א מיליטער=געריכט.

„דעם טויט־אקט האט צוזאמענגעשטעלט דער מער פון רואן, דעם 2־טן אקטאבער.

„נעמט אן מיינע העכסטע אכטונגס=געפילן.”

לאמיר נישט רעדן וועגן דעם צעשפליטערטן, גלייכגילטיקן טאן, פשוט גערעדט, וועגן דעם גראבן טאן פון דעמדאזיקן בריוו, וועגן דעם סטיל פון אן עקזעקוטאר־באאמטן, אין וועלכן דער ארמיי־שעף האט אויסגעדריקט זיינע באשלוסן, וואס ער האט אנגערופן אויספארשונגען.

אט זענען צוויי דערציילונגען פון דערזעלבער דראמע.

דער אמת איז, אז אלע דערקלערונגען פון קריגס=מיניס=טער זענען אויסגעטראכט. מען האט נישט געגעבן קיין אינ=סטרוקציעס, מען האט נישט געמאכט קיין אויספארשונגען, מען האט נישט אויסגעפרעגט קיין עדות. אויסנוצנדיק דאס, וואס די עדות זענען צעזייט און צעשפרייט אין דעם ריפינישן גיהנום אין מאראקע, ווו מען גייט אוועק און מען קומט אזוי לייכט נישט צוריק, האפנדיק, אז די טראגעדיע מיטן זעלבער אויף דער שיף איז פונאנדערגעטראגן געווארן איבער אלע זיבן ימים, האט דער שעף פון דער פראנצויזישער ארמיי, וועלכער האט זייער לייכט געקענט דערגיין דעם אמת, צעדרייט די פאקטן, כדי צו ראטעווען דעם פרעסטיזש פון די עפאלעטן. מען האט פארפאסט א פעליעטאן־ראמאן מיט אלע פיטשעווקעס. קיין זאך איז נישט פארגעקומען אזוי, ווי דאס שטיקל פאפיר פון סען=דאמיניקער גאס האט געמאלדן. באנאראן האט קיין שום זאך נישט דערציילט, בעת מען האט אים איבערגעפירט אין שפיטאל: ער איז שוין געווען א מת. די דריי עדות, וועלכע איך האב דערמאנט, און זענען געווען דריי חברים זיינע פון 107־טן רעגימענט, זענען מיט אים צוזאמען געפארן און האבן

געגעבן דריי דערקלערונגען, וואָס גלייכן זיך אויס אין אַלע פּרטים.

דער געמיינער שיכּור (ווייל די שיכּרות איז אַן אָנגעוויטיקטע פראַגע אין דער אַרמיי), וועלכער איז באַוווסטזיניק באַגאַנגען דעם פאַרברעכן, (ס'איז גאָרנישט, וואָס על-פּי צופאַל האָט ער נישט געטראָפן אין דערזעלבער פּערזאָן), איז באמת געשטעלט געוואָרן פאַרן מיליטער־געריכט אין קאַסאַבלאַנקאַ דעם 13-טן יאַנואַר 1926. דערדאָזיקער טריבונאַל האָט אים פאַר־אורטיילט אויף צוויי חדשים תּפיסה און צווייהונדערט פראַנק געלט-שטראָף; דערביי האָט מען דעם אורטייל אָפּגעלייגט אויף אַ לענגערע צייט, וואָס באַדייט, אַז מען האָט אים לגמרי קיין שום שטראָף נישט געגעבן. פריישפרעכן אים אויף אַזאַ אופן איז נאָך ערגער, ווי מען וואָלט אים אינגאַנצן נישט געשטעלט פאַרן געריכט.

מען דאַרף רעדן מיט אַן אַנדער לשון צו די עלטסטע פון דער קאָלאָניאַלער אינפאַנטעריע, וועלכע מאַכן פון זעלנער אַ ציל-ברעט, בעת עס פאַרגליוסט זיך זיי. זיי וואָלטן עס געוויס נישט געטאָן, ווען זיי וואָלטן וויסן, אַז זיי ווערן דערפאַר באַשטראָפט.

דער לעבעדיקער דערשאָסענער

אין דער צייט פון דער מלחמה, בעת די כסדרדיקע עוואַקואַציעס, בין איך אויסגעווען אין אַ שפּאָר ביסל שפּיטאָלן. איך בין געווען אין בריסעל, איך בין געווען אין שאַרטר, אין קורוויל, אין בריוו. און מען האָט מיך אויך געזען אין פלאָמבעריער שפּיטאָל. איך גיב צו, אז מען האָט מיך דאָרט געבוג געזען, נאָך אַ קורצער אָנוועזנהייט, ווייל מיר האָט שטאַרק נישט געשמעקט דער געזונטער ריח פון די מאָנאַשקעס אין שוואַרצן, פון די פּאַרוואַלטערס, אָדער שפּיטאָל־באַדינער אין בלויע סוטאַנעס. זייערע אוניפאָרמען זענען געווען בלויליך, אָבער זייערע פּנימער זענען געווען רויט פון געזונטקייט, ווייל זיי אַלע, פון אויבן ביז אראָפּ, זענען געווען גייסטלעכע אין ציוויל.

אָבער איך וויל ריידן פון א גאַנץ אַנדער זאַך.

ס'האָט פּאַסירט איינמאָל אין אַן אָוונט, אין אַ גרויסן זאַל פון ערשטן שטאָק. אַרום אַן אויוון, וועלכער האָט געקעמפט קעגן נאָוועמבער־חודש, צווישן קראַנקע און פּאַרוווּנדעטע, זענען מיר געזעסן און געשמועסט.

מיר האָבן גערעדט וועגן נויט, וועגן אומגערעכטיקייט, וועגן פאַרברעכנס. יעדער איינער, וועלכער איז אַדורכגעשווומען דעם מלחמה־ים, האָט געהאַט צו דערציילן זיין לעבעדיקע געשיכטע. אין דאָזיקן אָוונט האָב איך אָנגעזאַמלט אַ סך פּאַקטן, וועלכע כ'האָב נאָכדעם באַשריבן אין מיינע ביכער. אויב יענע בלעטער האָבן ביי עמעצן באַוועגט דאָס האַרץ, איז עס דערפאַר, ווייל זיי האָבן געמאַכט אויפלעבן אַ ציטער פון לעבע־

דיקערווירקלעכקייט, פונקט ווי די פידלען, וואָס בעת זיי דערציילן די אַלטע לעגענדעס, באַרירן זיי די הערצער פון די צוהערער, נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען אַרטיסטיש פאַבריצירט, נאָר דערפאַר, ווייל דאָרט איז דאָ אַ נשמה פון עמעצן.

דער, וועמען איך רוף אָן פיער, האָט צו אונדז געזאָגט:

— ס'איז געווען אַ לעבעדיקער דערשאָסענער.

און דער באַווייז איז, אַז ער האָט געהייסן פּראָנסוּאַ וואַטערלאָ.

מען האָט אים צעשאָסן. אָבער נאָך דער עקזעקוציע, וועלכע איז פאָרגעקומען לעבן אַ סטאַג, איז ער פאַרשוווּנדן אַזוי ווי אַ כּישוף.

פיער האָט דערציילט די געשיכטע, אָבער צוערשט האָט ער געזאָגט וועגן טירחה און פאַרצווייפלונג.

אין מאַי, לעבן סעזאַן, איז דער 327-טער רעגימענט געווען אַ שטיצע פאַר דעם 270-טן, וועלכער האָט פאַרנומען די ערשטע ליניע. אין דער נאַכט פון 5-טן אויפן 6-טן, האָבן זיי פאַרנומען אַן אָפּוואַרטונגס-פּאָזיציע, ביים זוים פון אַ וואַלד.

פיער האָט געזאָגט: זיי האָבן געדרעמלט, אויסגעשליי-דערט אויף דער ערד ביי דעמדאָזיקן וואַלד-זוים לעבן זייערע זעק און געווען ענלעך צו זייערע זעק. אין יענער נאַכט איז געווען דערלויבט צו שלאָפן, אָבער באַוואָפנטערהייט. זיי זענען גע-שמאַק געשלאָפן, ווייל זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהייבן, האָבן דידאָזיקע צפון-יונגען, וועלכע זענען אָפּגעטראָטן פון בעלגיע, אַדורכגעמאַכט אַ שווער לעבן. זיי זענען געווען אויס-געשעפּט פון לויפן הין און צוריק, פאַר דעם גרויסן מאַרש אויף הינטערווײַלעכס, וועלכן זיי האָבן אויך דורכגעמאַכט. תּמיד אויף די פיס, תּמיד באַהעפט מיט זייער זאַק, ווי אַ באַוועג-לעכער יסורים-טאָפּ, תּמיד אויפגערייצט, תּמיד אויף דער וואַך, תּמיד פאַרשאָלטן. און זיי האָבן שוין מער קיין כּוחות נישט געהאַט, בעת ס'איז זיי פאַרבליבן דריי טעג צו דער גרויסער אָפענסיווע, וועלכע האָט פאַרפילפאַכט זייערע צרות און ליידן. זיי זענען געשלאָפן, אומבאַוועגלעך ווי מתים, איינגעהילט

אין פינסטערניש, ווייל ס׳איז געווען אַ רגע פון וואַפנשטיל־שטאַנד אויפן לעבעדיקן בית־עלמין פון די זעלנער.

אָבער העכער, אין די ערשטע אָקאָפּעס, איז פּאַרגעקומען אַ מיאוסע מעשה. די דייטש׳ישע אויטאָ־האַרמאַטן זענען צוגעקומען נאָענט צו די פראנצויזישע אָקאָפּעס און זיי באַשאָסן. איבערראשט און צעטומלט האָבן די זעלנער פון 270 רעגימענט — מיט די עלטסטע אין דער שפּיץ — זיך נישט געקענט איינהאַלטן אין זייער אָקאָפּ און זענען אָפּגעטרעטן. זיי זענען אָנגעקומען אין וואַלד אַריין, און די זעלנער פון 327 רעגימענט, וועלכע זענען געשלאָפן אויף דער ערד האָבן זיך אויפגעכאַפּט, ווייל דידאָזיקע נאַכט־באַנדעס, וועלכע האָבן געהאַט פייער אין די הויזן, האָבן זיי אַרויפגעטראָטן אויף די פיס. אָט עפענען זיי אויף די אויגן, הייבן זיך אונטער און שטויבען. דיי זעען, אויף וויפל מען קען זען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, די אַלע געשפּענסטן מיט אַ דרינגענדן אויסזען! קיינער פון די עלטסטע האָט נישט אנגענומען קיין באַשלוס צו פאַרבלייבן מיט די מענטשן. נישטאָ ווער ס׳זאָל אָנפירן. נו, איז וואָס געשען? האָט מען זיך אויפגעהייבן און מען איז אַוועק מיטן שטראָם פון די חברים.

אַזוי ווי איר ווייסט, איז די פּאַניק אַ מין מעכאַנישע זאַך, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, און מען קען תּיכּף די פּאַניק נישט אָפּשטעלן, בעת זי גייט זיך פאַנאַנדער. אָבער דידאָזיקע פּאַניק האָט לאַנג נישט געדויערט. ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהייבן צו שאַריען אויף טאָג, איז דער קאָשמאַר אויסגעוועבט געוואָרן. די זעלנער פון 327־טן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אין דערפל לאַשי. זיי זענען געווען אין אַן ערך פון דריי הונדערט. שטאַרק געגעצנדיק האָבן זיי אָנגעהייבן אויפצוזוכן זייער רעגימענט.

אָבער צום אומגליק איז אין דער זעלבער רגע פאַרביי־געפאָרן דער גענעראַל בוטעגור.

דער גענעראַל בוטעגור איז געווען אָנפירער פון דער 51־טער דעוויזיע. ער איז געווען שוין איינמאָל אַן אויסוואורף.

— איר פארשטייט, — האָט פּיער געזאָגט, — אויב איך

האָב אים געגעבן אזא מין טיטל, אויף וועלכן ס׳געפינען זיך אַ סך קאנדידאַטן צווישן די אָפיצירן, איז אַ סימן, אַז ס׳זענען דערביי דאָ גרויסע טעמים.

צווישן אלע שעפן איז ער געווען דער גרעסטער אכזר. ער פלעגט תמיד אָנצילן זיין רעוואָלווער אויף מענטשן, און ער האָט כסדר געסטראשעט, אז ער וועט אַ תל מאַכן פון די פראַנצויזישע זעלנער (ווייל צו די פיינטלעכע זעלנער האט ער קיין שליטה נישט געהאט). אָפטמאָל פלעגט ער שלאָגן די פארשפעטיקטע מיט די פיס, מיט די הענט, מיט אַ שטעקן, און אַלע ווייסן, אַז אין גיניקור האָט ער מיט שטעקן־קלעפּ פארווערט די זעלנער צו טרינקען וואַסער, וואָס די באַפעלקערונג האָבן אין עמערס ארויסגעטראָגן אויף די גאַסן. אויב דו וועסט נישט קענען ביישטיין דעם נסיון, וועט דער שטעקן פון דעמדאָזיקן מעכטיקן מנוול (וועלכער איז נישט געווען דורשטיק, אָדער האָט מורא געהאט און געוואָלט וואָס שנעלער פארלאָזן דעם שלאַכט־פעלד), זיך אויסזעצן אויף דיין פלייצע. ער האָט נאָך אָפגעטאָן אנדערע זאכן, וועגן וועלכע איך וואָלט געקאָנט דערציילן.

אַלזאָ, ער, אַרומגערינגלט מיט זיין שטאַב, האָבן עס באַגעגנט די יונגען פון 327־טן רעגימענט אין אַ געסל פון לאַשי.

— וואָסערע מענטשן זענען עס? — האָט דערדאָזיקער מענטש, באגילט פון קאָפּ ביז די פיס, אויסגערופן מיט גרויס כעס.

ער האָט בלויז איינעם איבערגעפרעגט.

— וואָס זאָגט איר? איר זוכט אייער רעגימענט? דאָס גייט מיך נישט אָן. איר זענט אַנטלאָפענע פון שלאַכט־פעלד. זאָל מען אַרויסרופן די ערשטע בעסטע זעקס זעלנער מיט אַ קאַפּראַל און זיי תיכף שיסן.

הגם זיין שטאַב איז געווען צוגעוווינט צו זאָגן „אמן" אויף אַלץ, וואָס דער כהן־גדול, באַפּוצט אין גאָלד, האָט אַרויסגערעדט, דאָך האָבן די אָפיצירן געמאַכט אַ גרימאַסע און זיך דערלויבט צו זאָגן:

— הער גענעראַל, ס'איז נישט מעגלעך עס צו טאָן, נישט געקוקט אויפן גרעסטן דרך-ארץ צו אייך.

זיי האָבן אים געוואָלט איבערצייגן, אַז די זאַך איז נישט אַזוי, ווי ער שטעלט זיך עס פאָר: זיי זענען נישט קיין אַנט־לאָפענע, ווייל זיי האָבן זיך אינגאַנצן נישט געשלאָגן. זיי האָבן זיך געפונען הינטער די קאָפּעס, אויף אָפּרו, און אין דער פינ-סטערניש, נישט האָבנדיק קיין שעפן, ווער ס'זאָל מיט זיי אָנ-פירן, זענען זיי אַוועקגעשלעפּט געוואָרן מיט דער פּאַניק פון אַנדערע. חוצדעם כדי צו דערשיסן זיבן מענטשן, דאַרף מען זיי פריער פאַרמשפּטן און איידער זיי פאַרמשפּטן דאַרף מען זיי שטעלן פאַר אַ געריכט, און דערויף עקזיסטירן פעלד־געריכטן. צוויי גוטע מענטשן: דער פּאָלקאָווניק ווענזאַ און דער קאָמאַנדיר רישאַר וויטרי (וואָס באַווייזט, אַז מיר טאָרן קיינמאָל נישט מאַכן קיין כללים, און קיינמאָל נישט זאָגן „די אָפיצירן"), האָבן דער-קלערט דעם גענעראַל זייערע טעמים, וועלכע ער האָט נישט פאַרשטאַנען; נאָכדעם האָבן זיי זיך געבעטן, פאַרשווירן דעם גרויסן אכזר, אין וועמענס הענט ס'האָט זיך געפונען דאָס לעבן און דער טויט.

קיין זאַך האָט נישט געהאָלפן. ער האָט אָנגעוויזן אויף זיבן מענטשן, וועלכע מען האָט אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט. ער איז דאָרט פאַרבליבן, כדי זיך צוצוקוקן. ס'האָט אים געווילט דידאַקטישע נקמה פון אַ באַלעבאָס צו זיינע שקלאַפן. ער האָט אויך הנאה געהאַט אָפּצוענטפערן „ניין", — ווען אַ פאַרמשפּטער האָט זיך אים געוואָרפן צו די קני און געבעטן זיך רחמים, ווייל ער האָט פינף קינדער.

קענטיק, אַז מען האָט די לעגאַלע רעכט אַזעלכעס צו טאָן. ס'איז געווען, אַז ביי אַן אַלטן זעלנער זאָל אויפגעוועקט ווערן אַ פאַרברעכערישע תאווה, און ס'עקזיסטירן שוין גאָרנישט קיין שום רעכט קעגן דעמדאָזיקן קאַפּריז! און ער נעמט אַרויס פון אַ גרופּע, ווי ס'גייט און שטייט, זיבן זעלנער און הייסט מען זאָל זיי צושטעלן צו דער וואַנט. און דאָס איז אין פולן ווידער-שפּרוך מיטן קאָדעקס פון אַ לאַנד, ווו מען האָט, אַזוי צו זאָגן

דורך־ארץ פאר אַ מלחמה־זעלנער, און ווי איינער אַ זקן, וועלכן קיינער האָט נישט ליב, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז זיי האָבן רעכט אין אַ לאַנד, ווו לצים טענהן, אַז אויך אַלע מענטשן האָבן רעכט, אַז מען רופט עס אָן מ ע נ ט ש ן ־ ר ע כ ט.

אויב אָבער די געזעצן זענען אויסטערליש, זענען אין דעם שולדיק די מענטשן, וואָס דערלאָזן עס. איינס קען איך נישט פארשטיין, וויאזוי אַ מענטש, וועלכער האָט אָפּגעטאָן אַזעלכע זאַכן, זאָל זיך דערנאָך שפּאַצירן אין די גאַסן, זאָל זיך באַווייזן אומעטום, און אָרנטלעכע מענטשן זאָלן אים נישט שפּייען אין פּנים אַ־ין און, אַז ס'זאָל זיך נישט געפינען אַ גרעסערער אָרנטלעכער מענטש, וואָס זאָל אים נישט שפּאַלטן דעם קאָפּ.

אַלע זיבן מענטשן האָט מען אריינגעוואָרפן אין עפּעס אַ שייער, און אויפצומאָרגנס באַגינען, האָט זיי אַן אָפּטיילונג אַוועקגעפירט אין פעלד אריין, זוכנדיק א סטאָג, ווו מען זאָל זיי קענען צושטעלן.

אויף אַן אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פון שטעטל האָט מען געפונען אַ סטאָג. מען האָט דאָרט אויסגעשטעלט די זיבן זעלנער...

דאָ האָט איינער איבערגעריסן פּיערס דערציילונג און געזאָגט, אָדער בעסער געזאָגט, אַ קרעכץ געטאָן, ווי ער וואָלט גערעדט פון שלאָף:

— וויאזוי געפינט מען תמיד מענטשן, וועלכע ווילן הרגע־נען זייערע חברים?

דער צווייטער האָט פּשוט אָפּגעענטפערט:

— מען געפינט שוין.

— אַלזאָ, מען האָט זיי אויסגעשטעלט אין אַ רייע, מען האָט ביי זיי געבעטן זייערע נאָזטיכלעך און זיי פארבונדן די אויגן. די אָפּטיילונג האָט זיך אויך אויסגעשטעלט אין אַ רייע און גענומען די ביקסן. מען האָט א געשריי געטאָן: פייער!

די מענטשן פון דער אָפּטיילונג האָבן געפאָלגט, ווייל דאָס זענען געווען בהמות אין געשטאַלט פון מענטשן, וועלכע

האָבן נישט געהאַט די דרייסטקייט צו זיין מענטשן. אָבער, אפילו פאָלגנדיק זיך, האָבן זיי זיך שלעכט געפילט, און בעת זיי האָבן געקוועטשט דאָס ציינגל פון דער ביקס, האָבן זיי, פאַרשטייסטו מיך, צוגעמאַכט די אויגן, ווי קינדער, בעת זיי שיסן.

נאָך דערדאָזיקער גרויסער ארבעט, האָט מען געדאַרפט פאַרענדיקן די דערשאָסענע. לויטן מנהג, האָט עס געטאָן אַן אַדיוטאַנט מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט. צוויי פון די געשאָסענע האָט ער צוגעשאָסן. איינער פון די, וואָס זענען אומגעפאַלן, דער טאַטע פון די פינף קינדער, האָט אַ געשריי געטאָן, ווען מען האָט אים אַ שאָס געטאָן אין קאָפּ אַריין. דער אַדיוטאַנט איז אַוועק, ער האָט מער נישט געקענט. מען זאָגט, אַז ער האָט געוויינט, ווייל דאָס האָט אין אים אַרויסגערופן אַן עקל. דאָך האָט ער עס געטאָן. ס׳זענען דאָ אַזעלכע מענטשן, וואָס טוען אָפּ די ערגסטע זאַכן אין זייער אַרבעט-צימער, אָבער שפּעטער קענען זיי קיין שלעכטס נישט טאָן. מען זאָגט: זיי זענען פיל בעסער, ווי אַנדערע. איך בין דערמיט נישט איינשטימיק. אַזעלכע מענטשן דאַרפן נישט קענען טאָן, איידער זיי הייבן אָן.

אין דער רגע, ווען מען האָט אויסגעשריען: „פייער!”, האָט איינער פון די פאַרמשפּטע אַ פאַל געטאָן און מער זיך נישט גערירט. ער איז, הייסט עס, געפאַלן עטוואָס פריער, אין דער רגע, ווען די קויל האָט אים געדאַרפט דערלאַנגען. דער שיסער, וועלכער איז געשטאַנען קעגן אים האָט אים נישט געזען, ווייל ער האָט געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן, און דער אַדיוטאַנט האָט אים אויך נישט געזען, ווייל צושיסנדיק די צוויי זעלנער פון דער רייע, האָט ער דערפילט אַ ווייטיק אין האַרצן און איז אַוועק.

נאָכדעם ווי די אָפּטיילונג פון גערעכטיקייט איז אַוועק, האָט דערדאָזיקער מענטש זיך געחידושט, פאַרוואָס ער איז נישט טויט. ער האָט זיך איבערגעצייגט דעמאָלט, ווען ער האָט זיך באַטאַפּט פון אַלע זייטן. ער האָט זיך אונטערגעהייבן און, ווי אַן איבערגעשראָקענע יאגד-חיה, האָט ער די ערשטע רגע גע-

נכט אַ װאָרט, װוּהין זיך צו פֿאַרבאַהאַלטן אין דער צװײטער זײט פֿון סטאַג. שפּעטער האָט ער זיך געלאָזט לױפֿן; װי אַ משוגענער איז ער געלאָפֿן, כּסדר פֿאָרױס.

אין אַ שעה אַרום האָט מען לעבן סטאַג געזען זעקס מענטשן, אָנשטאָט זיבן. בלױז פֿינף זענען געװען מתים. דער זעקסטער איז געװען פֿאַרװוּנדעט אין קנעכל. מען האָט אים פֿאַרבאַנדאַזשירט.

װאָס שײך דעם צװײטן, איז ער אָפּגעלאָפֿן אַ גאַנצע נאַכט און אױפֿצומאָרגנס איז ער אָנגעקומען אין אַ מיליטער=לאַגער. „װער איז ער עס, דער אַלטער לץ?" — האָבן געזאָגט די לאַנדסלײט. זײַנע האָר זענען, באמת, געװען װײַס, הגם ער איז געװען אַ בלאָנ= דער און איז אינגאַנצן אַלט געװען 27 יאָר. דאָס האָט כּ"י באַװיזן, אַז אַזאַ װײַסקײט פּאַסירט נישט בלױז אין ראָמאַנען, װו דאָס מאַכט אַ גרױסן אײַנדרוק. דאָס האָט מיר באַװיזן, אַז אַ מלחמה־פּאַקט קען זיך אױסגלײַכן מיט די ביכער, װאָס מען שרײַבט.

אין מיליטער=לאַגער האָט ער דערצײלט די גאַנצע מעשׂה. ס'איז געװען זײער נאַריש פֿון זײַן זײַט. אָבער קײנער האָט אים נישט פֿאַרראַטן. מען האָט אים אַרײַנגענומען אין רעגימענט אײ- בער דער נאָרמע. אַרײַנרעכענען אין רעגימענט אױף זײַן מילי- טעריש־ביכל האָט מען נישט געקענט, װײל ער איז געװען טױט און „טױט װי אַ פּחדן", װײל אַזױ האָט דער אָפֿיציעלער באַ= ריכט געמאָלדן. מען האָט אים אַלזאָ פֿאַררעכנט אין דער 233 רײע, װי אַ צוגאָב־זעלנער. איבעריקנס, האָט ער געציטערט װי אַ בלאַט, אַז זײַן מעשׂה זאָל נישט אַרױסשװימען און צוליב פּינקטלעכקײט, זאָל מען אים אַמאָל אױף אַן אמת נישט הרגע= נען. נישט לאַנג װאַרטנדיק האָט מען אים באַשטימט אין דער פֿאָן־גװאַרדיע, װאָס פֿאַרטײדיקט די, װעלכע היטן זי, און קײנ־ מאָל איז מען נישט אין דער ערשטער רײ.

ער איז געװען אַ קױלן־גרעבער פֿון מאָנטיני=אַן=גאָל. מען האָט אים מאָביליזירט דעם 3־טן אױגוסט, אינם טאָג, װען זײַן װײב האָט אים אַרױסגעבראַכט אױף דער װעלט דאָס ערשטע

קינד, וועלכעס ער האָט נאָך נישט געזען, ווייל ער איז אַרויסגעפאָרן אינדערפרי און דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן נאָכמיטאָג. איך קען אייך אפילו אָנרופן די נעמען פון די אַנדערע זעלנער, וועלכע מען האָט דערשאָסן. דאָרט איז געווען איינער הובער, וועמענס עלטערן האָבן נאָכדעם באַקומען אַ מיליטערישן מעדאַל, אַ מלחמה-קרייץ און אַן אויסצוג פון טאָג-באַפעל; ווייל מען האָט פאַרשטאַנען, דאָרט אין די הויכע קרייזן, די נידערטרעכטיקייט וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן, און מען האָט עס געוואָלט פאַרבאָרגן דורך מיליטערישע מעדאַלן. אָבער איך וויל נאָר רעדן פון פראַנסואַ וואַטערלאָ.

איינער פון די צוהערער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז אפשר גלייכער, מען זאָל נישט דערמאָנען וואַטערלאָס נאָמען. צוליב זיין רויקייט, איז אפשר בעסער מען זאָל נישט איבערחזרן דידאָזיקע מעשה?

— איצט האָט ער קיין מורא נישט. דער אָרעמער יונג, — האָט פּיער געזאָגט, — ווייל ער איז אין אַ צייט אַרום געהרגעט געוואָרן דורך אַ האַרמאַט-קויל. זאָרג דיך נישט פאַר זיין רויקייט.

איינמאָל, ווען זיין נייער רעגימענט האָט אויף אַ שיידוועג באַגעגנט זיין אַלטן 327-טן רעגימענט, האָט עס אים אַ צי געטאָן צוריק אַהין. ס'איז אַן אויסטערלישע זאַך, דידאָזיקע ליבע פון אַ מענטשן צום נומער פון זיין רעגימענט. פּונקט ווי ס'וואָלט געהאַט עפּעס אַ באַדייטונג! ס'איז דאָך, ענדלעך, בלויז אַ גייענדיקער נומער: ווייל די חברים גייען דאָרט כסדר פאַרביי איינער נאָכן צווייטן! און ער האָט זיך דאָרט ווידער גענומען צו דער מלאכה פון אַ פּשוטן זעלנער אויפן פראָנט. אָבער ס'איז גאָרנישט קיין נאַטירלעכע דערשיינונג, אַז אַ פּשוטער פּוסגייער, זאָל זיך געפינען זינט די ערשטע טעג פון דער מלחמה אויפן פראָנט און זאָל פאַרבלייבן לאַנג שטיין אויף די פיס. הוצדעם, וואַרפט עס זיך אויך אין די אויגן. אַלזאָ, צום ערשטן מאָל איז ער שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן, אָבער מען האָט אים פאַרריכט, און ער האָט זיך ווידער גענומען צו זיין אַרבעט. אָבער דעם 10-טן יוני בעת אַן אָפּענסיווע ביי אַרטואַ,

בײ העביטערן, האָט אים א „טשעמאָדאַן“ ענטגילטיק צורעכט געמאַכט.

די, װעלכע האָבן אים געשיקט דעם „האַרמאַט־טשעמאָדאַן“ פון דאָרט, האָבן געמוזט זײן אזעלכע אָרעמע יונגען װי ער, אָדער אזעלכע, װי פון דער עקזעקוציע־אָפּטײלונג, װעלכע מען האָט אַרויסגעגעבן אין אַן אַנדער שפּראַך אַ באַפעל צו הרגענען. און געהרגעט איז ער דאָך געװאָרן דורך מענטשן פון זײן גלײכן!

— אמת, — האָבן זיך אָנגערופן די חברים.

אַ מערדער? ניין, טויזנט.

ריידן וועגן מלחמה? — דאָס אינטערעסירט שוין קיינעם נישט. ווייל זינט עטלעכע יאָר האַלט מען אין איין ריידן דערפון.

אָבער כּל־זמן עס וועט זיין חל דער אַלטער געזעץ, וועלכער וויל, אַז דיזעלבע סיבות זאָלן גורם זיין דיזעלבע פאקטן, וועט דער אינטערעס צו דער מלחמה נישט געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר צו דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט. ס'וואָלט שוין צייט געווען מען זאָל זיך אַמאָל נעמען צו די סיבות...

אָבער לאָמיר אַן איבעריקן מאָל זיך דערנענטערן צו מיין דערציילונג וועגן דער פראגע: די מלחמה האָט אינטערעסירט די אָפיצירן, וועלכע זענען זיך אין יענעם טאָג צוזאַמענגעקומען אין אַ רויקער אַטמאָספער פון אַ צוקערניע, אין אַ שווערער, באַקאַנטער אַטמאָספער, דורכגעוועבט מיט רויך פון קאַווע און פון טאַבאַק־רויך.

ס'איז פאָרגעקומען אין אַנטיב. מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין דערדאָזיקער שטאָט, וועלכע איז נאָך דעמאָלט געווען די שענסטע און די מאָלערישסטע אויפן מיטללענדישן ברעג, איידער איר גרויסער פּאַלאַץ איז געווען צעברעקלט, איידער אירע אַלטע וואַלן זענען צעשטערט געוואָרן און איז נאָך נישט געווען פאַרפעסטעט פון דער ספּעקולאַציע=פּלאָג.

איינער פון דידאָזיקע אָפיצירן, דער לייטענאַנט בעראַנזשע, פון 3=טן פוסגייער־רעגימענט אין אַנטיב, האָט זיך צעגאָסן מיט זיינע ערינערונגען פון פראָנט פאַר צוויי געוועזענע קאָמאַנדירן. אין די ערינערונגען פון לייטענאַנט בעראַנזשע איז

געווען אויסגעמישט אַ שפּאַר ביסל גאווה. און ס'איז געווען פון וואָס! דערדאָזיקער אָפיציר האָט זיך באַרימט דערמיט, וואָס ער האָט דערהרגעט די פּאַרוווּנדעטע דייטשן מיטן האַלדז פון ביקס.

אָבער דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר מאַטי, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער קאָמפּאַניע ביי קאַנעס, האָט געהאַט מיט צוויי גאַלאָנען מער פון לייטענאַנט בעראַנזשע. ס'איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז ער האָט געהאַט מער פון וואָס צו דערציילן.

גאָר צו אַן אַנדער מין מענטשן האָט געהערט דער צווייטער קאָמאַנדיר, וועלכער האָט זיך מודה געווען אין דער דאָזיקער שיינער מעשה.

„איך בין געווען, האָט דערציילט מאַטי, קאַפּיטאַן און באַטאַליאָן=אָנפירער, בעת דער פעברואַר=אָפענסיווע ביי פלערי. מיר האָבן גענומען צוויי־הונדערט דייטשישע געפאַנגענע ביי פּודריער-וועג. נאָכן שלאַכט, האָב איך די אומבאַוואָפנטע געפאַנגענע אויסגעשטעלט אין צוויי רייען. איך האָב פון זיי אַרויסגעפירט צוואַנציק, און די איבעריקע הונדערט אַכציק האָב איך אַריינגעפירט אין די אָקאָפּעס. איך האָב געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל זיי נעמען אין דער אַרבעט. מיינע זעלנער האָבן זיך צוערשט שטאַרק געוואַקלט, אָבער נאָך מיינעם אַ שטרענגן באַפעל, האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די געפאַנגענע..."

דאָ רייס איך איבער דעם מאָנאָלאָג, כדי אַ ביסל אַ טראַכט צו טאָן, און אויך אייך געבן די מעגלעכקייט צו טראַכטן דעריוף, וואָס ס'האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די רייד, וועלכע האָבן געקלונגען אין דער אַנטיבער צוקערניע פאַר די פירקאַנטיקע מאַרמאָר-פלאַטן, אין אַ ווינקל פון דעמדאָזיקן זאַל, וווּ די טיר האָט זיך זעלטן געעפנט, ווו בלויז עטלעכע פּראָווינציעלע סילועטן, באַפּוצט די טישלעך, און אַ גוטמוטיקער יינגל איז שנעל אַרומגעלאָפן, טראַסקענדיק מיט זיין אָנגעלאָדענעם טאַץ.

דאָס אַרגאָ=וואָרט „נעמען אין דער אַרבעט", וואָס דער קאָמאַנדיר מאַטי האָט באַנוצט איז געווען אַ מין וואָרט־שפּיל, כדי ניישט אַרויסצוזוויין פּינקטלעך דעם כאַראַקטער פון זיין שחיטה. וועגן וועלכער ער האָט דערציילט. פאַקטיש האָט עס

באַדייט, אַז דאָרט זענען געווען אומבאַוואָפנטע מענטשן, איבער־געשראָקענע, וועלכע האָבן געציטערט, און זייער איינציקער פאַר־ברעכן האָט זיך אויסגעדריקט דערמיט, וואס זיי האָבן געפאָלגט זייערע אָנפירער; אַז מען האָט אויסגעשטעלט אין אַ גראָבן הונדערט און אכציק מאַן, אַן אומענדלעכע רייע, און אַז מענטשן, באַוואָפנט מיט מעסער און באַגנעטן האָבן זיך געוואָרפן אויף דידאָזיקע יונגע קערפּער, זיי געהרגעט און געשטאָכן, קאַלט, אָן אויפרעגונג, גלייך ווי ס'וואָלט געווען אַ ספּאָרט.

מען קען זיך פאָרשטעלן דידאָזיקע סצענע. דער ווילדער באפעל איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. די זעלנער וואַקלען זיך. הרגענען דידאָזיקע אומגעהויערע יונגעלייט־מחנה, פון אַזוי נאָ־ענט! ס'איז שוין צופיל, זייער ווילן איז פאַרשטיקט. דער קאָמאַנדיר דערמאַנט וועגן דערדאָזיקער וואַקלעניש, היות דאָס גיט אים צו כבוד, ווייל ער איז געבליבן דער זיגער. פאָלגן זיי אים נישט, וואָלט זיין פּרעסטיזש געווען קאָמפּראָמיטירט. וואָס הייסט, זיי מוזן פאָלגן. ער באַדראָט, ער גיט הבטחות. וואָסערע באַוועגונגען האָט ער אין יענער רגע געמאַכט? וואָס האָט ער געשריגן? ער האָט אַ שטופּ געטאָן צום אָקאָפּ איי־נעם פון די וואַקלענדיקע, וועלכער האָט, נישט לאַנג טראַכטנ־דיק, אַ כאַפּ געטאָן אַ לעבעדיקן מענטש, אים צעשניטן דעם האַלדז, אָדער אויפגעריסן דעם בויך. נאָך איינער, אַ צווייטער, אַ דריטער האָבן דאָסזעלבע נאָכגעטאָן. זיי זענען באַהערשט געוואָרן מיט אַ פינסטערער, געמיינער שיכרות, ווערנדיק אויפ־געררייצט דורך די געוואַלדן פון דעמדאָזיקן פרישן לייב, צע־שניטן ביז די איינגעווייד.

דער קאָמאַנדיר מאַטי האָט פאַרגעזעצט בזה הלשון:

„מען האָט זיי אַלע אויסגעהרגעט. ווען איך האָב גע־בראַכט די צוואַנציק איבערגעבליבענע, האָט מיין פּאָלקאָווניק צו מיר געזאָגט: „איך האָב געמיינט, אַז איר האָט גענומען אַ גאַנצן באַטאַליאָן געפאַנגענע". איך האָב אים אָפּגעענטפערט: „איך האָב גענומען 200 געפאַנגענע, אָבער 180 זענען פאַרבליבן אין אָקאָפּ, פונוואַנען זיי וועלן שוין נישט אַרויסגיין". מיין

פּאָלקאָווניק האָט מיט אַ פֿאַרדאַגעטן אויסזען צו מיר געזאָגט · „באַרימט זיך נישט דערמיט, ווייל אייער ערן־קרייץ איז אין סכּנה”. „דאָס וועט מיר נישט שטערן צו ווערן באַפּוצט מיט אַ קרייץ”, האָב איך אים אָפּגעענטפערט. און באמת, איך האָב איינגיכן באַקומען דעם קרייץ.

נישט לאַנג געוואָרט און דער קאַפּיטאַן מאַטי איז געוואָרן באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר. ער האָט שפּעטער אַרומגעשפּאַצירט איבער פאַרשידענע גאַרניזאָנען מיט זיין אָרדען פון ערן־לעגיאָן, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. און דאָס איז דאָך א מנהג פון א ציוויליזאַציע, וואָס שפּרייזט אַרום איבער דער גאַנצער וועלט, אומעטום ווו זי קען, און שעכט אויס אומבאַוואָפנטע פעלקער אונטערן אויסרייד, אַז זיי זענען ווילד.

איך האָב דאָ נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע דעמדאָזיקן געמיינסטן פאַקט, וואָס האָט געקענט פּאַסירן אין אונדזערע פאַרשאָלטענע צייטן. „דער בירגער פּראָגרעס” איז געווען געעררט אין די ליגע פון מענטשן־רעכט, האָט אויפגעהייבן אירע הענט ביז צום הימל. „דאָס איז אַ שרעקלעכע מעשה האָט געטענהט „דער ציוויל־פּראָגרעס” און די ליגע פון מענטשן־רעכט. מען מוז מאַכן אַן אומברחמנותדיקע אויספאָרשונג, ס׳מוזן אָנגענומען ווערן באַשלוסן און מען מוז זען, דער קאָמאַנדיר מאַטי זאָל באַשטראָפט ווערן; אויב ס׳איז נישט אמת — איז דעם אויטאָר פון דידאָזיקע רכילות”. און די ליגע פון מענטשן־רעכט האָט דידאָזיקע מעשה גענומען אין אירע הענט אריין. קיינמאָל בין איך נישט געווען פול מיט אַזויפיל האָפענונגען, ווי דעמאָלט. אין עטלעכע יאָר אַרום האָב איך געפרעגט די ליגע, ווו האַלט זי מיט דעמדאָזיקן ענין. זי האָט מיר געענטפערט.. אַז זיי זענען גרייט דערמיט כּסדר זיך צו פאַרנעמען, אויב איך וועל ברענגען נאָך אַנדערע עדות. היות איך האָב מער נישט אָנגערופן ווי איינעם; און ס׳איז דאָ אַ לאַטייניש שפּריכוואָרט, וועלכעס האָט באַשלאָסן, אַז איין דות איז גאָרנישט: Testis unus, testis nullus. אומויסט האָב איך באַוויזן, אַז דאָס עדות זאָגן פון דעם מענטש; האָט

אַ ספּעציעלע וויכטיקייט, ווייל דאָס האָט געמאָלדן אַן אָפיציר אין זעלבן ראַנג מיטן פאַרברעכער, וועלכער האָט עס עפנטלעך דערציילט. באַכמער, נישט געקוקט דערויף, וואָס דידאָזיקע ווערטער האָבן אַוועקגעשפּאַצירט אומעטום, האָט זיי דאָך קיינער נישט אָפּגעלייקנט. די ליגע ענטפערט מיט אַ ווירדיקן שווייגן.

יאָ, דאָס אינטערעסירט דער ליגע!... אָבער ביז וואַנען וועלן אַזעלכע מערדער, ווי מאַטי, קאָנען געפינען אונטער זייערע הענט, צו זייער דיספּאָזיציע, די מערדערישע פעדעם?

דער פאַרברעכערישער צוג.

אין דער נאַכט פון 11־טן אויפן 12־טן דעצעמבער 1917 איז דער וואָקזאַל פון מאָנדאַן, וואָס ליגט אויף דער פראַנצויזיש=איטאַליענישער גרענעץ, געווען געפּאַקט מיט רייזענדער.

די רייזענדער, וועלכע האָבן ווי געשפּענסטן אַרומגעשפּאַצירט אין וואַרטע-זאַל און אויפן פּעראָן, זענען אַלע שרעקלעך ענלעך געווען איינער צום אַנדערן. זיי זענען אַלע געווען געקליידט אָרעם, און אויפן זעלבן פאַסאָן. אַ סך האָבן געהאַט דעם אויסזען, ווי זיי וואָלטן געליטן, האָבן געבויגן די רוקנס, אָדער געשלעפּט אַ פוס. די פּלינקערע האָבן געהאַט צעקרימטע פּנימער פון בלאָטע און פון מידיקייט און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אַ מאַסקע אויפן פּנים. נאָר עטלעכע זענען געווען ענלעך צו אַלע מענטשן פון אַ גאַנץ יאָר.

דידאָזיקע אַלע שאָטנס, אין זייערע אָפּגעקראָכענע מלבושים זענען געגאַנגען אַהין און צוריק אויף די טרוקענע פּליטן, ווי זיי פלעגן זיך נאָכדעם אַנידערזעצן אויף דער ערד. ביי דער שניידנדיקער שיין פון די וואָקזאַל=לאָמפּן, האָבן אַלע מענטשן אויסגעקוקט ווי אויסגעשניצט: אויף דער העלפט ווייס און אויף דער העלפט שוואַרץ. ביי מאַנכע האָבן די פּנימער אויסגעקוקט ווי לעכער, ביי אַנדערע ווי לעמפּלעך.

אָבער אַן אויסזען האָבן זיי געהאַט אַ גליקלעכן. אַ סך פון זיי האָבן גערעדט הויך, אַ סך האָבן געזונגען, און אפילו ביי די נידערגעשלאָגענע האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועלכע האָבן געפייפט.

מען האָט גלייך געקענט זען, [illegible] דידאָזיקע אומגליקלעכע,

וועלכע האָבן געהאַט אַ גליקלעכן אויסזען, זענען געווען זעלנער, וואָס האָבן באַקומען אורלויב. דאָס זענען געווען פראַנצויזישע זעלנער פון איטאַליענישן פראָנט, וועלכע זענען געפאָרן אויף אַ קורצע צייט אַהיים נאָך די שלאַכטן ביי פּיאַווע.

פּיאַווע. דאָסדאָזיקע וואָרט האָט שוין פאַרלוירן זיין קראַפט, און, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, אויך זיין זאַפט, ווייל גאַנצע צען יאָר זענען שוין אַדורכגעלאָפן. און צען יאָר מאַכן אַ גרויסן חלל אין די מענטשלעכע מוחות.

דעמאָלט האָט „פּיאַווע” באַדייט פאַרלוירענע אָנשטרענגונגען, מאַטערנישן, אַ ווילדער קאַמף קעגן אַנדערע זעלנער, וועלכע זענען געווען אין די הענט פון אַנדערע גרויסע מענטשן־אייגנטימער. די אַלע האָבן געטאָן דאָס, וואָס מען האָט זיי געהייסן טאָן. דידאָזיקע מאַסע איז געגאַנגען, געלאַגערט, געלאָפן, ווידער געגאַנגען, געשאָסן, געוואָרפן זיך אין פייער, צעשמאָלצן געוואָרן און פאַרפּילט די גריבער. מען קען גאַנץ פּשוט זאָגן: זיי האָבן אַלע זיך גענומען דאָס לעבן, אָבער מאנכע זענען בלויז געווען טויט. ענדלעך, האָט די אַרמיי געקענט פאַרשטאַרקן אירע פּאָזיציעס און מען האָט געקענט אַ סך זעלנער אָפּלאָזן אַהיים אויף אורלויב. דידאָזיקע זעלנער האָבן איצט געהאַט הנאה צו דערציילן וועגן זייערע געשעענישן אויפן שלאַכט־פעלד און זיי האָבן זיך געשפּילט מיט די ערינערונגען, ווי קינדער.

איצט זענען זיי שוין געווען זייער ווייט פון פּיאַווע, שוין אין פראַנקרייך, און האָבן שוין נישט געקענט הערן די בצחונות־דיקע געשרייען, וועלכע האָבן זיך געענערט מיט זייער העלדיש־קייט. זיי האָבן געוואַרט אויף אַ צוג אין מאָבדאַן, אויף דעמדאָזיקן פראָנט־וואָקזאַל, ווו מען האָט נישט געקענט זיין זיכער ס'זאָל זיך נישט מאַכן אַ נייע מיליטערישע מהומה.

און אָט איז אָנגעקומען דער גרויסער צוג, וועלכער האָט זיך אויסגעשטעלט לענגאויס דעם פּעראָן אויף זיין לאַנגן מעטאַלישן וועג. און אָט דערדאָזיקער מלחמה־ערב־רב, ווערנדיק פלוצלונג פריי, — מיטן בילד פון זייער היים אין זייער הארצן און אין די געדערים, — האָט אָנגעפּילט דעם צוג און זיך אַריינ־

געגראָבן אין יעדן ווינקעלע. פינפהונדערט זענען זיי געווען.

דער צוג האָט אָבער נאָך נישט גערירט. דער מאַשיניסט, אָנשטאָט צו זיין אויפן לאָקאָמאָטיוו, האָט זיך אַרומגעשפּאַצירט אויפן פּעראָן און געשמועסט.

ער האָט גערעדט מיט הויכע פּערזענלעכקייטן, מיט גאַ־לאָנעס און אָרדענס, וועלכע זענען געווען די פירשטן פון דעמ־דאָזיקן וואָקזאַל. ער האָט זיך דערלויבט נישט מסכּים צו זיין מיט זיי. ער האָט צו זיי געזאָגט:

— ס'איז אוממעגלעך אַוועקצופאָרן.

דאָסדאָזיקע וואָרט האָט אויפגערעגט די איידעלע אָפיצירן.

— ס'טייטש! אוממעגלעך! אַ פראַנצויז דערלויבט זיך אַזוינס צו זאָגן! צי ווייסט איר נישט דעפּעטיסט איינער, אַז דאָס וואָרט „אוממעגלעך" איז נישט קיין פראַנצויזיש וואָרט.

דער מאַשיניסט האָט אָפּגעענטפערט:

— אַ צו שווערע משא, צופיל וואַגאָנעס.

ער האָט זיי דערקלערט, מיינענדיק אַז זיי ווייסן אפשר נישט, אַז דער וועג אויף וועלכן מען דאַרף לאָזן דעם צוג איז אַ סכּנותדיקער: אויסבייגונגען, משופּעדיקייטן. לאָזן זיך אין וועג אַריין מיט אַ צו שווערע משא, איז פאַרבונדן מיט דער ריזי־קע — אַז מען זאָל אויפהערן צו זיין דער באַלעבאָס פון דער מאַשין.

מען קאָן נישט פאָדערן פון הויכע אָפיצירן זיי זאָלן האָבן אין דעם אַ ידיעה, דאָך האָבן די־דאָזיקע שעפן געוווסט, ווי אַזוי ס'קוקט אויס דער וועג: אַ באַרג־וועג, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון די אַלפּן. אָבער דאָ האָט מען זיך קודם־כּל אָנגעשטויסן אויף אַ פּרינציפּיעלע פראַגע: אַז די באַפעלן פון די שעפן זע־נען הייליק. אַלזאָ, אַלע לאָגישע מאָטיוון מוזן אָפּטרעטן פאַר דעם העכסטן מאָטיוו: מען האָט געגעבן אַ באַפעל צו פאָרן.

אומזיסט האָט דאָס קליין שוואַרץ מענטשעלע זשעסטיקו־לירט, געשריגן, כּדי זיי איבערצוצייגן, אַז מיט אַזויפיל וואַגאָ־נעס קען אַמאָל דער לאָקאָמאָטיוו אַראָפּ פון די רעלסן. די אָפי־

צירן, וועלכע האָבן געפינקלט ביים ליכט פון פּראָן, האָבן געזאָגט: מען דאַרף לאָזן דעם צוג.

די אורלויב=זעלנער, נישט האָבנדיק שוין קיין געדולד צו זיצן אין די וואַגאָנעס, האָבן דורך די פענסטער אַרויסגערוקט זייערע בעז און געפרעגט, ווי מענטשן, וועלכע מען נאַרט אָפּ: פאַרוואָס פאָרט מען נישט?

אבער דער מאַשיניסט האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס און אָפּגעזאָגט זיך צו פאָרן.

די שעפן האָבן געמאָלדן פאָרמעל, ער זאָל פאָרן. דעמאָלט איז דער מאַשיניסט אַרויף אויפן לאָקאָמאָטיוו. דער צוג האָט גערירט און פאַרלאָזן דעם וואָקזאַל.

אָבער פונקט ווי דער מאַשיניסט האָט פאָרויסגעזען, איז דער צוג נישט לאַנג וואַרטנדיק צוגעקומען צו אַ באַרג־אַראָפּ. ער איז געווען צו שווער און נישט אַזוי שטאַרק, כדי צו רעגולירן זיין גאַנג, ווי מען האָט באַדאַרפט. נישט די פאַרע, נישט דער מעכאַניזם איז געווען ביכולת איינצוהאַלטן דעם צוג. די וואַגאָנעס האָבן זיך אַ שטופּ געטאָן פאָרויס. ס׳איז פאָרגעקומען אין בויגן־טאָל, ווו די רעלסן לאָזן זיך אַראָפּ און שלענגלען זיך אויפן פּלויטן זוים פון אַ טייך.

ווערנדיק כסדר אַלץ מער און מער געשטויסן דורך זייער אייגענער משא, האָבן זיך די וואַגאָנעס געשטופּט איינער אויפן אַנדערן און אַראָפּגעלאָזט זיך פון די בערג. די אויפהאַלטפאַרע האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן, און די לאַנגע וואַגאָנען־מאַסע איז געפלויגן אַלץ שנעלער און שנעלער. זי האָט זיך געשטופּט אויף דעם באַרג=אָפּהאַנג, ווי אַן עקספּרעס, ווי אַ שנעל־צוג, נאָכדעם ווי אַ גיהנום־צוג.

קיין שום מענטשלעכע כוחות האָבן פון איצט אָן נישט געקענט אויפהאַלטן דער לאַנגער וואַגאָנען=קייט, וועלכע איז געפלויגן אין אָפּגרונט. צווישן דער מוראדיקער טראַסקעריי און קנוילן פון רויך, האָט דער מאַשיניסט געהאַמעוועט, געוואָלט מיט אַלע כוחות אָפּשטעלן דעם צוג, אָבער ער האָט קיין שליטה נישט געהאַט אויף דער אייזערנער פאַרזעניש, פון צווייהונ-

דערט פופציק טויזנט קילאָ אייזן און פון דריי טויזנט קילאָ פלייש. אָבער פון שטאַרקן רייבן איז געוואָרן אַ פייער.

דער אוראַגאַן פון שוואַרצע הייזעלעך, האָט געשפריצט מיט פונקען און נאָכדעם האָט עס זיך אַלץ אָנגעצונדן. דער צוג האָט אויסגעזען, ווי אַן אויסטערלישע קאָמעטע, וועלכע האָט זיך געטראָגן אין דער ריכטונג צו סען־מישעלער וואָקזאַל.

די, וועלכע זענען געווען איינגעשלאָסן אין די שטייגן פונם אייזן, וואָס האָט אָנגעהויבן רויט צו ווערן, און פונם האָלץ, וואָס האָט זיך אָנגעצונדן, די, וועלכע זענען געווען א י נ ג ע־ מ ו י ע ר ט, — אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, — אין דער פאַנטאַסטישער שנעלקייט, — די פינפהונדערט באַפרייטע זעל־נער פון פיאווע, — האָבן זיך שוין אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעמדאָזיקן טויטן־צוג. מיט פויסטן האָט מען אויסגעבראָכן די טירן, וועלכע דער צוג־ציקלאָן האָט אַרונטערגעריסן. אַ סך זענען אַריינגעשפרונגען אין די פינסטערע תהומות. קיינער פון די אַלע איז נישט אנטרונען געוואָרן; און אַ לאַנגע גירלאַנדע צעהאַקטע קערפּערס האָט זיך געצויגן ביז צו דעם אָרט, וווּ ס'האָט זיך מאַטעמאַטיש געדאַרפט ענדיקן די קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט זיך נאָך באַוועגט און איז געווען גרייט צעשמע־טערט צו ווערן אויף דער זייט פונם באַרג.

דערדאָזיקער העכסטער פונקט איז געווען אַ שטאַרקער אויסבייג, ווו דער וועג פירט אויף אַ בריק, נישט דערפאָרנדיק צום סען־מישעלער וואָקזאַל.

דער זעקסקאַנטיקער שטורעם, וואָס האָט זיך געטראָגן אויף די רעלסן, דער מעטעאָר מיט מענטשלעכע קערפּער, האָט זיך ווי אַ האַרמאַטן־קויל געטראָגן איבער דער קרומער באַרג־ליניע און זיך אַראָפּגעריסן פון וועג. דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעקוילערט אויף אַ זייט. די וואַגאָנעס, וועל־כע האָבן זיך געצויגן נאָך אים, זענען געשפרונגען, האָבן גע־טאַנצט איבער דער פעלזיקער וואַנט פונם תהום, האָבן זיך אָנ־געלייגט איינער אויפן אַנדערן פון אונטן ביז צו דער בריק. דער גאַנצער צעשמעטערטער צוג איז געשטאַנען אַזוי ווי אַ וועק־

געשטעלט. דידאָזיקע פּיראַמידע, וועלכע האָט זיך פאַרמירט אין איין אויגנבליק פון די חורבות פון צוג, איז תיכף געוואָרן איינגעהילט אין פלאַמען און זיך פאַרוואַנדלט אין א גיגאַנטישן פייער־שטויס.

פון דעמדאָזיקן פייער־שטויס האָבן זיך נישט לאַנג גע־הערט קיין קולות. פון אונטער די ברענענדיקע שטיקלעך האָט מען אין דער פינסטערניש אַרויסגעצויגן הונדערט אין פופציק פאַרוווּנדעטע, אַ סך פון זיי גאַנץ שווער. די איבעריקע זע־נען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קויל: דרייהונדערט און פופ־ציק זעלנער, וועלכע זענען מיט פרייד אין האַרצן געפאָרן אויסרוען זיך אויף עטלעכע טעג, כדי נאָכדעם ווידער אָנצו־הייבן זייער פאַרשאָלטן לעבן.

די שרעקלעכע פרטים פון דער סען־מישעלער קאַטאַסטראָפע זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף איבערמאָרגן. דעמדאָזיקן באַריכט האָבן גאַנץ רויק געלייענט מענטשן, זיצנדיק ביים אויוון, די פיס וואַרעם, און אין האַרצן צופרידן, פונקט אַזוי צופרידן מיט לייב און געוויסן, ווי יענע שעפן, וועלכע האָבן געגעבן אַ באַפעל דעם מאַשיניסט, ער זאָל פאָרן. דידאָזיקע שעפן האָט מען נישט באַאומרויקט, מען האָט פון זיי נישט געפאָדערט קיין דערקלערונגען און שפּעטער האָבן זיי נאָך באַקומען העכערע ראַנגען.

מיר דאַרפן זיך תמיד דערמאָנען וועגן דעמדאָזיקן צופאַל, מיר וועלכע רופן אָן אַלע זאַכן מיט זייערע אמתע נעמען.

די נקמה פון אויבן

— זיי האָבן זיך צעבונטעוועט, זאָגט איר?

— יאָ, עטלעכע רעגימענטן. ס'איז געווען אין סואַסאָן, אין 1917.

— צוליב וואָס?

— זיי זענען געווען שלעכטע פראַנצויזן. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווילן מער נישט מלחמה האַלטן, אַז דערין האָבן אַ שולד די מיניסטאָרן, די רעגירונג, און די רייכע; אַז די פראַנצויזישע, דייטשע ספעקולאַנטן מעגן זיך אַליין פאַרדרייען דעם קאָפּ. נו, און נאָך אַזעלכע רעוואָלוציאָנערע משוגעתן.

— און וואָס האָבן זיי געטאָן?

— זיי האָבן געפאַנגען ווייערע אָפיצירן! יאָ, מסיע, זיי האָבן אַזוי געטאָן.

— זיי האָבן זיי געפטרט?

— ניין. זיי האָבן זיי פאַרשלאָסן אין די ווילעס. נאָכדעם האָבן זיי צעשניטן די גומעס פון די אויטאָס. זיי האָבן אפילו אָוועקגעשטעלט קעגן זיי קוילנוואַרפער, כדי זיך צו פאַרטיידיקן. אָבער זיי האָבן זיי נישט באַנוצט. מען האָט אָבער באוויזן זיי אַרומצורינגלען און צו אנטוואָפענען. נאָכדעם האָט מען פון זיי אויסגעקליבן 250 מאַן.

— פאַרוואָס 250?

— ווייל מער, וואָלט אפשר געווען צופיל, איר פאַרשטייט? און קנאַפּער וואָלט געווען צו ווייניק.

דידאָזיקע 250 צעבונטעוועטע, וועלכע מען האָט אויסגעקליבן, האָט מען אריינגעזעצט אין אויטאָס. זיי זענען דאָרט

איינגעשטיגן מיט אַ געלן געלעכטער. מען האָט זיי אַרומגעפירט אַ גאַנצן טאָג.

— מען האָט זיי אַרומגעפירט?

— מען האָט זיי אַרומגעפירט אַהין און אַהער איבער פעלדער, כדי זיי זאָלן זיך נישט קענען אָריענטירן, ווו זיי געפינען זיך. אין אָוונט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט...

— מיר? הייסט עס, אַז איר זענט אויך געווען?

— נאַטירלעך, אַז כ'בין אויך געווען, אָבער נישט צווישן די 250. איך האָב זיי באַגלייט.

דאָרט האָט מען זי געהייסן וואַרטן. גאַנצע שעהן האָבן זיך געצויגן. איין אָפיציר האָט זיך אָנגערופן: מען דאַרף פאַר-צייכענען די נעמען פון די מענטשן — אויף שפּעטער. „גיט אויף אייערע נעמען, ווייל מען וויל אייך פאַרנאַנדערטיילן בראָנפן" — האָט צו זיי געזאָגט איינער פון די הערן. וועלכער האָט געקענט אַלע זעלנער, ווי אַ ראָמאַניסט קען זיינע פּערזאָ-נען. זיי האָבן אויפגעגעבן זייערע נעמען; אָבער אויפן בראָנפן וואַרטן זיי נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן האָט מען זיי געפירט דורך פעלדער; פון צייט צו צייט האָבן זיי געמוזט דורכשפּרייזן גראָבנס, וועלכע זענען געווען פול מיט מענטשן און ביקסן. ווען מיר זענען שוין אַלע גראָבנס דורכגעקראָכן, האָט מען זיי צוגעפירט נאָך אַ ביסל ווייטער. מען האָט אַ געשריי גע-טאָן: האַלט! און מען האָט זיי אויפגעפּרעסט אויף דער ערד איינעם לעבן צווייטן. „זעצט אייך און רירט זיך נישט פון אָרט". פון איינעם צום אַנדערן האָט מען שטילערייט דורכ-געפירט אויך דעם באַפעל: „קוקט פאָרויס. זייט אויפמערקזאַם".

מיטן לעצטן באַפעל איז מען אויסן געווען. זיי זאָלן נישט קענען זען, ווי אַזוי די, וועלכע האָבן זיי געבראַכט צו-פירן, פאַרלאָזן זיי, און גייען אינדערשטיל אַוועק דאָרט. פונוואַ-נען זיי זענען געקומען.

און אַ טויטע שטילקייט האָט איינגעהילט די מחנה, פונ-

וואנען 250 פּאָר אויגן האָבן זיך אָנגעצילט אויף דער אומבאַ־שטימטער ליכט־גירלאַנדע פון דער באָמבאַדירונג־זאָנע.

אויף הינטן איז מען נישט געבליבן אומטעטיק. אַ פּשוטער קלאַנג אין טעלעפאָן. אונדזערע באַטאַרעעס האָבן באַקומען דעם באַפעל אָנצוצילן די האַרמאַטן און קאָנצענטרירן אַ פייער אויף אַ קאָמפּאַקטער גרופּע, דאָ און דאָ, לעבן דער ערשטער ליניע, ווו אַ ליכטיקע ראַקעטע האָט זיי אָנגעוויזן פּינקטלעך דאָס אָרט.

250 לעבעדיקע און געזונטע מענטשן זענען דאָך עפּעס! אָבער עטלעכע פּאַסן פייער, עטלעכע קלעפּ מיט אַ פלאַמענדיקן האַקמעסער אין איין ריכטונג, אין דער צווייטער ריכטונג, אַ קרייץ-פייער, עטלעכע פאַרבלענדנדיקע לייקעס, אַ האָגל־טראַס־קעריי, גלייך ווי דעכער וואָלטן זיך אומגעלייגט און חוץ דעם אַ שפּאַציר מיט קוילן־וואַרפער אויף אַלע פאַרגעסענע פּונקטן — און די גאַנצע מחנה מענטשן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין קאָ־טלעטן-פלייש און איןביינער.

די אָפיצירן האָבן אַלץ פּאָרויס באַרעכנט. זיי האָבן דעם גאַנצן ענין איינגעהילט אין אַ טיפן סוד. און אונדז האָט מען פאַרשווירן, מיר זאָלן דערפון פאַר קיינעם נישט דאַכטן. מיר האָבן געשווירן און מיר האָבן געהאַלטן וואָרט ביז וואַנען ס'איז געוווען נייטיק.

און אָט דאָס איז איין עפּיזאָד פון הונדערטער, וואָס פראַנצויזישע אָפיצירן האָבן זיך דערלויבט אָפּצוטאָן. אָט אַ־זעלכע העלדישקייטן האָבן אָפּגעטאָן חיות, וועלכע האָבן מיט אונדז אָנגעפירט, און אייניקע פון זיי וועלן נאָך מסתם אין דער צוקונפט ווידער אָנפירן, אויב ס'וועט אויסקומען.

דער חיהשער סאַדיזם פון אַטילן און טאַמערלאַנען האָט זיך געשטעלט אויף דער הויך פונם דורות־פּראָגרעס. נישט בלויז די מאַשינען האָט מען פאַרפּאָלקאָמט, נאָר אויך די פאַלש־קייט, די נידערטרעכטיקייט און די שמוץ.

איך ווייס שוין פון לאַנג וועגן דעמדאָזיקן פאַרברעך. אַ

פריינט מיינער האָט געהערט דידאָזיקע דאָקומענטאַלע דערציי־לונג און מיר זי איבערגעגעבן מיט אַלע פּרטים. אָבער מיך געבעטן איך זאָל דעמאָלט פאַר קיינעם נישט דאַכטן. ס'איז דעמאָלט געווען די צייט פון די וואַלן, אין מאַי, 1924. אַ גע-וויסע צאָל פּאָליטיקער זענען דעמאָלט געוואָרן איבעררעאַשט פון דערדאָזיקער מעשה. זיי האָבן געשאָטן מיט פעך און שוועבל. ביי די וואַלן זענען זיי געווען קאַנדידאַטן, האָבן זיי געהאַט גענוג אַנדערע דאגות אויפן קאָפּ. זיי האָבן איינגעהאַלטן זייער כעס. אָבער זיי האָבן צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר זיי וועלן ווערן אויסגעוויילט, וועלן זיי דעמאָלט דערלאַנגען דעם ריכטיקן קלאַפּ! זיי זענען אויסגעוויילט געוואָרן, און מען האָט דעמאָלט אַרויס־געזען אַז... קאַנדידאַטן זענען נישט קיין דעפּוטאַטן. זיי אַלע (איך וועל נאָך אַמאָל אָנרופן זייערע נעמען), האָבן געמאַכט א שווייג וועגן דערדאָזיקער לאַנגווייליקער מעשה, וועלכע איז קאָמפּליצירט דערמיט, ווייל אין איר זענען פאַרמישט און פאַר-אַנטוואָרטלעך אַ סך הויכע פּערזענלעכקייטן. מיט איין וואָרט, זיי האָבן אָנגענומען פולע מיילער מיט וואַסער, און נישט אַרויס־געבראַכט אויפן טיש דאָס, וואָס איז אינטערעסאַנטער פון אַלץ. די וואַלן זענען אַריבער, איז נישטאָ וואָס אויפצוּוועקן עפּעס אַן אלטע מעשה!

אַלזאָ, היינט צו טאָג, שטעל איך זיך אויפן אָרט פון די אַלע געוויסן־מענטשן און רייד וועגן דעמדאָזיקן ענין, ווייל מען דאַרף דאָך דערפון רעדן, און איך וויל אויך זאָגן, אַז די אמתע מיטהעלפער פון דידאָזיקע מיליטערישע פאַרברעכער און אויך לצים פון דער דעמאָקראַטיע — זענט איר, וועלכע פאַרבלייבט רויק און זאָגט אמן, איר „אָרנטלעכע לייט" און איר „גוטע בירגער"

די וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן

ס'אַרא שטורמישע און רעשעדיקע קינאָ=פראַגמענטן וואָלט מען געקענט אַרויסשלעפן פונם מאָדערנעם היסטאָרישן כאַאָס, און איינשטעלנדיק זי איינע לעבן די אַנדערע, וואָלט מען דערפון געקענט מאכן אַ גאַנצע עפּאָפּייע! איינע פון דידאָזיקע עפּאָפּייען שניצן זיך אויס בולט און מיט רויטע פאַרבן אויפן פאָן פון דער וועלט-מלחמה. דאָס איז אַן עפּישע פּאָעמע פון געוויסן און ווילן. איר שרייענדיק=שווייגעוודיק בילד פאַרפאָלגט מיך, זינט איך האָב אָנגעהייבן זיך צו חברן מיט עטלעכע פון די, וואָס זי האָט געלאָזט לעבן, און זענען נישט טויט.

אויפן עקראַן, וועלכער איז דער עקראַן פון דער וועלט, זעט איר צוערשט אַ סצענע, וואָס דאָמינירט איבער אַלע אַנדערע. אַ גרויסער מיטינג פון מענטשן אין אוניפאָרמען. דאָס איז אַ מיטינג פון די פ אַ ר מ ש פּ ט ע צ ו ם ט ו י ט. דער מיטינג האָט זיך אָנגעהייבן אַכט אַ זייגער אינדערפרי; ער וועט זיך פאַרענדיקן צען. נישט דורך קיין פאַראָרדענונג. נאָר פונם גורל איז באַשטימט געוואָרן דידאָזיקע שעה. דער מיטינג וועט זיך פאַרענדיקן צען אַ זייגער. די מחנות זעלנער זענען דעקאָרירט מיט רויטע פאָנען. ווען זיי זענען אָנגעקומען אויפן אָרט פון דער פאַרזאַמלונג האָבן די פאָנען געשטופּט דעם עולם, ווי זעגלען ווערן געשטופּט דורכן ווינט. די רעדנער שרייען אויפן קול און פאַרענדיקן אַלע זייערע רעדעס אויפן זעלבן אופן: „מיר ווילן צוריק קיין רוסלאַנד, און מער גאָרנישט". „מיר ווילן העלפן דער רעוואָלוציע!" אַן אַנדערער רופט אויס: „מיר זענען עלף טויזנט". מען הערט אויך אַ הונפדיקע שטימעלע: „מען דאַרף זיך בעסער אונטערגעבן". אַלע, ווי איין מענטש,

רופן אויס: „ניין"! און נאָכדעם גיבן זיי אַלע צו: „מיר ווילן שטאַרבן אונטער דער רויטער פאָן". זיי זינגען די מאַרסעליעזע און דעם אינטערנאַציאָנאַל. פינף מינוט צו צען איז דער מיטינג געשלאָסן. די מוזיק שפּילט אַ טרויעריקן מאַרש. אָבער פּלוצלונג הערט מען אויפן האָריזאָנט א טראַסק, און אַ ווולקאַן ברעכט אויס צווישן די מענטשן, אויפן דער ערד. צוויי מוזיקאַנטן פאַלן טויט אויפן אָרט, אָבער די איבעריקע שפּילן ווייטער. מען זעט, ווי מענטשן פאַלן אינם רויך און קאָרטשען זיך אין שטערבלעכע יסורים. און אויף אַלע זייטן פון הימל האַלט אין איין דונערן און בליצן.

דידאָזיקע שחיטה־פעלד איז אין פראַנקרייך, אויף דער קרעזע. די מענטשן זענען רוסישע זעלנער. זייערע שונאים, זייערע באַזיגער—זענען רוסישע זעלנער און פראַנצויזישע זעלנער.

*

אַזוי ווי מיר פליען איבער דער ווירקלעכקייט און מיר לאָזן זי נישט אַרויס פון די אויגן, טאָ לאָמיר אַ ביסל צוריקגיין אין עבר און אָנהייבן פון אָנהייב. לאָמיר זיך אַריבערטראָגן ווייט, דאָ און דאָרט, אין עלנדע כאַטקעס פון דעם גרויסן רוסלאַנד: אין אַ הילצערנער כאַטקע פון דער מאָסקווער רעגירונג; אין אַ פּויער־שטיבל אין אוקראַינע, געל, נידעריק, מיט אַן הויף אין דער פאָרם פון אַ דרייעק; אין אַ הייזל פון אַרמעניע אָדער פון גרוזיע, פלאַך ווי גיגאַנטישע פּליטעס, אַרייַנגעבויט אין בערג אָדער אויף פעלזיקע פּלעצער; אָדער אין אַן אָפּגעקראָכענער נאָרע, וווּ ס'האָבן אַמאָל געוווינט די נאַפטאַרבעטער פון באַקו. די פּויערים, די אַרבעטער, די אָרעמע זיצן און שמועסן. אויף די ווענט הענגט דעם קייזערס פּאָרטרעט. מען רעדט פונם טרויעריקן דחקותדיקן לעבן. דידאָזיקע אַלע זענען נידערגעשלאָגענע צעבראָכענע אַרבעטער. זיי זענען צוגעבונדן צו זייער אַרבעט, ווי מיט קייטן. עטלעכע האָבן זיך געפּרוווט טרייסטן און אַנטלויפן פון זייער נויט דורכן קאַשמאַר פון שיכּרות. אָבער די לאַגע ווערט נאָך ער-

גער: די הערשער האָבן פאַרפירט די מלחמה. די עלנד און די נויט האָבן זיך פאַרגרעסערט. פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן לאָזן אַראָפּ די קעפּ דידאָזיקע מענטשן, דידאָזיקע אייביקע באַזיגטע, אַרבעטער און פויערים.

*

מיר טראָגן זיך איבער אין אַן אַנדער אָרט. אין איין אויגנבליק זענען מיר ביי אַ גרויסן באַלויכטענעם פּאַלאַץ. מיר גייען אַריין אינעווייניק: פּרעכטיקע גאַלעריעס פון זעלטענער אַרכיטעקטור, מיט שפּיגלען און סטאַלאַקטיטן זענען פול די זאַלן. אַ גרויסער טיש, באַדעקט מיט אַ גרינעם טוך, שטייט אין אַ זאַל. דיפּלאָמאַטן שמועסן צווישן זיך. אַ פראַנצויז זאָגט צו אַ רוס: „מען דאַרף אומבאַדינגט אַוועקשיקן רוסישע זעלנער קיין פראַנקרייך. די מלחמה שלעפּט זיך צו לאַנג, מיר נויטיקן זיך אין יינגע לייט. מיר האָבן אַריינגעצויגן אין דער אַרמיי נעגערס, אָבער ס'איז צו קנאַפּ. מיר דאַרפן אויך האָבן רוסן. פראַנקרייך האָט געליען געלט רוסלאַנד — און אומזיסט לייט מען נישט". אומגעפער דידאָזיקע ווערטער האָט געזאָגט פּאַלעאָלאָג צום רוסישן מיניסטער סאַזאָנאָוו. די הויכע רוסישע פּערזענלעכקייטן נעמען אָן דעמדאָזיקן פאָרשלאַג. מען פאַרשרייבט תיכף אויפן פּאַפּיר די ציפער פון דער מענטשלעכער משא: פערציק טויזנט זעלנער וועלן ווערן אַוועקגעשיקט אויפן פראַנצויזישן פראָנט.

*

אין די כאטקעס, אין די שטיבלעך, אין די הייזלעך, אין די נאָרעס, וווּ ס'ווינען די אַרבעטער האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ פונק פון האָפענונג. מען פּאָדערט פרייוויליקע זעלנער קיין פראַנקרייך. אפשר אַמאָל דער זון, דער טאַטע, וועלכע זענען זעלנער, וועלן פאָרן קיין פראַנקרייך! פראַנקרייך איז אַ רעפּובליק. דאָס איז אַן אידעאַלער טיפּ פון די פרייע לענדער, וווּ ס'זענען נישטאָ קיין פּרינצן, און דאָס פאָלק איז

דער באַלעבאָס. פראַנקרייך האָט געמאַכט אַ רעוואָלוציע. „אויך מיר האָבן געפּרווט מאַכן אַ רעוואָלוציע אין 1905 יאָר, אָבער מיר האָבן גאָרנישט אויפגעטאָן, און דערדאָזיקער אויפשטאַנד האָט אומעטום געהאַט דעמזעלבן סוף: מחנות זעלנער האָבן געשטאָכן און געשאָסן אין המון". פאָרן פון רוסלאַנד קיין פראַנקרייך — איז אַ טרוים! דערדאָזיקער טרוים האָט אויפּ־געוועקט יונגע לייט פון דערפער און שטעט. ער האָט אויך אַרייַנגעגאָסן אַ ליכט אין די הערצער פון די זעלנער אין די לאַנגע שינעלן, וועלכע זענען איינגעשפּאַרט אין קאַזאַרמעס אָדער ערגעץ אין אַ פראָנט־לאַגער, מיט איין ביקס וואָס דינט פאַר פינף זעלנער.

•

די ווערבירונג. פרייוויליקע שיטן זיך מחנותווייז. מע קלייבט אויס די בעסטע: גרויסע, פעסטע, קלוגע, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס קענען לייענען. פון די פרייוויליקע קלויבט מען בלויז אויס פופצן פראָצענט. די איבעריקע, וועלכע מען וואַרפט אָפּ זענען אַנטוישט און פאַרטריערט, ווי די, וואָס כאַפּן זיך אויף פון אַ שלעכטן שלאָף די אויסדערוויילטע וואַרטן מיט אומגעדולד אויף זייער אַוועקפאָר. דאָרט וועט מען נישט נאַגשן און נישט שמייסן, ווי אין דער רוסישער אַרמיי, און יעדערער וועט האָבן זיין ביקס. די פרייוויליקע זענען באַצויבערט פון זייער אומגלויבלעכער צוקונפט.

די נסיעה. מען זעט דאָרט אַ האַלבע וועלט. מען זעט דאָרט די טפערישע פאָרמען פון דער וועלט־מאַפּע. די אומ־געהויערע רוסלאַנד און די נאָך גרעסערע סיביר. די מיליי־טערישע מחנות האָבן זיך ווי די מוראַשקעס אויפגעזאַמלט, זיך געשטופּט און זיך אַרויפגעזעצט אויף די שיפן. איינע קומען אָן קיין מאַרסעל דורך סיביר און וולאַדיוואָסטאָק. אַנדערע דער־גרייכן ברעסט דורך אַרכאַנגעלסק. מיט גרויס פּאָמפּע שטייגן

די רוסישע זעלנער אַרויס פון די שיפן אין פראַנצויזישן גן־עדן. אָוואַציעס, הימנס, מאַרסעליעזע. אַ פאַרשיכּורטער עולם. מען טיילט די זעלנער פּאַפּיראָסן און שאָקאָלאַד, און די פּאַטריאָטישע אויפגערייצטע פרויען קושן די שיינע יונגען.

*

די ערשטע אַנטוישונג. די מלחמה איז אין פולן גאַנג. די אָנפירער באַמיען זיך צו פאַרשטאַרקן די דיסציפּלין, ווייל דאָס איז די שולד פון די זעלנער, אויב מען פליט נישט פון איין נצחון צום צווייטן. דער מיליטערישער כּבוד מוז ווערן שטרענג אָפּגעהיט, בעסער נאָך ווי אין פרידן, און מען פאַרוואַנדלט די מענטשן, אין אויטאָמאַטן פון איין סעריע. מען האָט ווידער איינגעפירט פּעטש און שמיץ. מאָטיווירט האָט מען עס דערמיט, אַז רוסן מוז מען געבן צו פאַרשטיין מיט קלעפּ. אי־בעריקנס, זענען זיי נישט די איינציקע, וואָס ווערן אַזוי באַהאַנדלט. אַן ענלעכן באַווייז האָבן זיי פאַר זייערע אויגן: די סענעגאַלער, וועלכע מען האָט מהנותווייז אַרויסגעריסן פון זייערע עקזאָטישע היימען, מיט דראָונגען אָדער מיט הבטחותן — ווערן אָנגעפירט און דיסציפּלינירט מיטן שטעקן. און ס'קומט אַרויף אויפן זינען אַ גאַנצע רייע וועזנס — די גרעסטע טייל פון לעבעדיקע וועזנס — : אָקסן, פערד, סענעגאַלער און זעלנער. דעם גרעסטן טייל פון דידאָזיקע ברואים מוז מען אַלץ געבן צו פאַרשטיין מיט קלעפּ. בשעת מעשה האָט מען, מסתּם, די קלאַנגען פון דער מאַרסעליעזע אין די אויגן און דעם טעקסט פון מ ע נ ט ש ן - ר ע כ ט — פאַר די אויגן. אָבער די מאַרסעליעזע איז בלויז אַ שיינע פאָרם פון ווינט, און די מ ע נ ט ש ן־ר ע כ ט זענען געשריבן אויף אַ פאַראַוואַנע צווישן די מאַסן און די אָנפירער. מען פרעגט: „ווו איז דאָס דעמאָקראַטישע פראַנקרייך?" ענטפערט מען: „איך ווייס נישט. אָבער, ווי ס'שיינט איז די דעמאָקראַטיע נישטאָ איז פראַנקרייך."

די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. אַ זשורנאַל „נאַשע סלאָוואָ", באַשטימט פאַר די רוסן אויפן פראַנצויזישן פראָנט, שטייט נישט

אויף דער דינסט פון די הערשער און פּראָטעסטירט קעגן געוויסע מיסברויכן. מען ווייסט, אַז עס עקזיסטירט אַ געוויסע באַוועגונג צווישן די זעלנער, און אַז דער „בייזער גייסט" נעסטלט זיך דאָרט איין. אין די הויכע מקומות איז מען אין פאַרלעגנהייט: ס'שמעקט זיי זייער נישט דידאָזיקע מעשה. דער שטאַב צוזאַמען מיט דער מאַכט האָבן אָרגאַניזירט פּראָוואָקאַציעס, כּדי אויף אַזאַ אופן קענען אָננעמען שטרענגע מיטלען. אַזאַ מין פּראָוואָקאַציע האָט אַרויסגערופן אַ געוויסער וויבינג, אַן אַגענט פון דער רוסישער אַמבאַסאַדע. דידאָזיקע מאַכינאַציע, וועלכע איז פון זיך אַליין אַ וויכטיקער און שרעקלעכער עפּיזאָד פון אַ גרויסער שרעקלעכער דראַמע, האָט זיך צונויפגעפאָרט מיט אַ מאָרד פון אַ געוויסן פּולקאָווניק קראַוזע, וועלכן אויפגערעגטע אָדער געדונגענע האָבן געהרגעט. מען האָט דערגרייכט דאָס, וואָס מען האָט געוואָלט: מיטלען, רעפּרעסיעס. מען האָט תיכף אָפּגעשטעלט די „נאַשע סלאָוואָ", מען האָט פון פראַנקרייך אַרויסגעשיקט אַ געוויסע צאָל רעוואָלוציאָנערן. מען האָט דערשאָסן אַכט זעלנער, אַלע אומשולדיק און האָבן קיין שום שייכות נישט געהאַט צום מאָרד פון פּולקאָווניק קראַוזע. ס'איז נישט געווען קיין עפּאָכע פון אַנטוישונג, ס'איז געווען אַן עפּאָכע פון ברוטאַלן טעראָר.

*

אַלזאָ, די רוסישע אַרמיי האָט איצט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט איר לאַגע. זיי האָבן איצט גוט פאַרשטאַנען אין וואָסער אָפּגרונט די שיינע ווערטער און די הבטחות פון די ווערבירער האָבן זיי אַריינגעשליידערט. אָבער מיטאַמאָל האָט אַ ליכטיקע ידיעה אַ שטראַל געטאָן: די פעברואַר רעוואָלוציע! ס'פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע ידיעה איז נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַר די רוסישע זעלנער. אדרבה, מען האָט עס פון זיי פאַרבאַהאַלטן. צוערשט איז דער סוד אַריינגעדרונגען צו די עקספּעדיציע־באַאַמטע. איינער לייענט אין אַ ווינקעלע אַ בריוו. ער דריקט אויס זיין צופרידנקייט מיט אויסרופן, קוועטשט

דאָס פּאַפּיר. מען רינגלט אים ארום פון אַלע זייטן. אַ רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. (די צענזור איז נישט געווען אויפמערקזאַם!). ס'קומט אַריין אַן אָפיציר, רייסט אַרוים דאָס פּאַפּיר, טרעט עס מיט די פיס. עס וואַרפט אים, ווי אין קדחת. ער גייט אַרויס, און קומט אַריין ווידער, הייבט אויף דעם צעקנייטשטן בריוו און טוט אים אַריין אין קעשענע. ער פּרוּווט דערקלערן די זעלנער, אַז דאָס זענען באָבע-מעשות פון די צייטונגען. די שרייבערלעך, וואָס מוזן טאָג=טעגלעך געבן זייערע ע יבעלצן, זענען פּלוידער=זעק און מען דאַרף זיין אַ נאַר, זיי צו גלויבן... ס'האָבן זיך געפונען אַ סך אַזעלכע, וועלכע האָבן באמת, אָנגעהייבן צו צווייפלען. אָבער דער אמת דרינגט תמיד דורך, ווייל ער איז האַרטער פון שקר. דער אמת איז אַ דימענט. די גאַנצע וועלט האָט זיך דערוווּסט, אַז ס'איז נישטאָ מער קיין קייזער אין רוסלאַנד. אַלע מענטשן קענען איצט פרייער אָפּעטעמען. דידאָזיקע אַלע מענטשן, וועלכע מען האָט אַוועקגעוואָרפן אויף פרעמדער ערד, זענען איצט, דורך דער רעוואָלוציע באַלויכטן געוואָרן. צי דען זשע האָט זיך דער פענסטער פון הימל נישט געעפנט אויך פאַר דידאָזיקע אומגליקלעכע?

*

נאָכדעם איז אַוועק אַ קאַמף צווישן די אָפיצירן, וועלכע ווילן פאַרבאָרגן אָדער צעדרייען די אַלע סאָציאַלע און פּאָליטישע געשעענישן, וואָס האָבן אַ שייכות צום צאַר, און די זעלנער וועלכע ווילן אַלץ וויסן. ס'איז פאָרגעקומען אין אַ קעלער פון אַ הוטע. די זעלנער פון 1-טן רעגימענט פון דער ערשטער בריגאַדע, אין קאָנטאַקט מיט דעלעגאַטן פון אַנדערע רעגימענטן האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג. ענדלעך, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אַזאַ מין באַשלוס: „מיר ווילן צוריק קיין רוסלאַנד. מיר האָבן דאָ מער גאָרנישט וואָס צו טאָן". דערדאָזיקער געשריי האָט זיך געריסן פון ס'רוב רוסישע זעלנער אויפן פראַנצויזישן פראָנט. אָט דער געשריי גע-

וועלטיקט, באַפעלט און פירט אָן מיט דער גאַנצער דראַמע; ער ברענגט אַרויס שטיקער ליכט אויפן לייוונט פון אונדזער קינאָ. וועגן דעם באַשלוס האָט מען געמאָלדן דעם פּולקאָווניק נעטשוואָלאָדאָוו. דערדאָזיקער מיליטער־מאַן איז נישט געווען געוווינט אויסצוהאָרכן פון די זעלנער אַזאַ מין לשון. דערהערט פון זיינע זעלנער אַזעלכע דבורים, אַז זיי ווילן צוריק קיין רוסלאַנד, איז ער געפאַלן אין חלשות. מען האָט אים אויפגע־מינטערט.

*

דער לאָזונג: „מיר ווילן צוריק קיין רוסלאַנד”, האָט זיך כּסדר פאַרשמאַרקט צווישן די רוסישע זעלנער. מען האָט דעמאָלט אַ טראַכט געטאָן—זיי אַריינצושטופן אין עפּעס אַ מי־ליטערישער אַקציע, כּדי די גאַנצע מעשה זאָל אָנגעמען אַן אַנדער ווענדונג, וואָס זאָל זיין נוצלעך אין אַלע הינזיכטן. ווען דער זעלנער קעמפט, איז ער געצוווּנגען זיך צו פאַרטיי־דיקן מיטן כּלי־זין אין דער האַנט, און אַליין צו הרגענען, כּדי נישט דערהרגעט צו ווערן; ער האָט דאַמאָלט נישט קיין צייט צו טראַכטן וועגן אַנדערע זאַכן, און מוז דאַמאָלט אַרויס־שלאָגן פון קאָפּ אַרויס זיינע אַלע אוטאָפּיעס. נאָכמער, די שלאַכטן צוקאַלעטשן, צעבלוטיקן, שוואַכן אָפּ דעם בייזן ווילן און שאַפן אַ געוויסע פאַרייניקונג. אויף אַזאַ אויפן פאַר־זיכערט מען די עקזיסטירנדע אָרדענונג. איבעריקנס, זענען די אָפיצירן תּמיד פאַראינטערעסירט צו פאַרשטאַרקן די אַטאַ־קעס אויפן פראָנט. זיי באַקומען דאָך דערפאַר אויסצייכענונגען; אָרדענס! און די ריזיקע איז נישט קיין גרויסע! ד. ה. וואָס העכער דער אָפיציר איז, באַקומט ער אַלץ מער אָרדענס, און וואָס העכער זיין אַמט איז, אַלץ ווייניקער ריזיקירט ער. ס׳איז אַפילו דאָ אַ שפּריכוואָרט, אַז כּדי דער זעלנער זאָל זיך בעת אַ מלחמה אויסצייכענען, מוז זיך פריער דער אָפיציר אויס־צייכענען.

אָט דעריבער האָט מען די ערשטע רוסישע בריגאַדע גע־

וואָרפֿן אויף אַן אַטאַקע אויפֿן פּאָרט ברימאָן. די רוסישע זעל־בער זענען דורכגעגאַנגען זעקסאונצוואַנציק שורות שטעכעדיקע דראָטן און פֿאַרנומען די דערפֿער ביז צום פּאָרט ברימאָן. אָבער דעם פּאָרט אַליין האָבן זיי נישט געקענט נעמען, ווייל די פֿראַנ־צויזן האָבן נישט געשיקט קיין פֿאַרשטאַרקונג, ווי ס׳איז פֿריער געוואָרן אָפּגערעדט. צוליב דעם האָבן די רוסן געמוזט אָפּטרעטן, פֿאַרלירנדיק זיבעציק פּראָצענט פֿון זייערע מענטשן. זיבעציק פּראָצענט, דאָס איז מער פֿון צוויי־דריטל. איצט שטעלט אַוועק זיך בײַ זיך מיט די צעהאַקטע און צעבראָכטע די אומבאַשע־דיקטע און איר וועט זען, אַז ס׳איז אַפֿילו קיין דריטל פֿון זיי נישט פֿאַרבליבן. די איבערגעבליבענע האָט מען פֿאַנאַנדערגע־שיקט אין די דערפֿער פֿון דער פּעריפֿעריע, כדי זייער בייזער גייסט זאָל זיך נישט פֿאַרשפּרייטן.

•

דאַמאָלט הייבט זיך אָן אַ קאַמף צווישן די אָפֿיצירן מיט די זעלנער. די זעלנער, וועלכע זענען תּמיד געווען אין דער מערהייט פֿאָדערן מיט גרויס עקשנות מען זאָל זיי באַפֿרייען: „מיר ווילן דאָ נישט פֿאַרבלייבן, מיר ווילן פֿאָרן קיין רוסלאַנד, וווּ מען שלאָגט זיך, לכל־הפּחות, פֿאַר עפּעס, פֿאַר דער מענטש־לעכער גערעכטיקייט, פֿאַר די שוואַכע און אונטערדריקטע!" די רוסישע אָפֿיצירן, אויפֿגעצייכנעט מיט די פֿראַנצויזישע אָנפֿירער פּרוּוון דורך פֿאַרשידענע מיטלען, דראָאונגען, בקשות, שאַנטאַזשן, אויפֿרעגונגען, שטרענגקייטן, פּראָוואָקאַציעס אָדער אינטריגעס — אַרײַנפֿירן דיזאָציקע „באַוווּסטזיניק־געוואָרענע" רעגימענטן אין די מחנות פֿון די בלינדע קנעכט פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער, אימפּעריאַליסטישער „אָרדענונג", פֿון די הענקער און פּאַראַזיטן „אָרדענונג". די זעלנער אָרגאַניזירן זיך. זיי באַשטימען זייערע ראַטן און באַמיען זיך צו שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט די אי־בעריקע רוסישע קעמפֿער. די אָפֿיצירן פּרוּוון שטערן דידאָזיקע באַוועגונג, ווילן ענדערן איר כאַראַקטער, ווילן לאָזן אויף אַן אַנדער ריכטונג די טעטיקייט פֿון די ראַטן. ס׳פֿאַרפֿלאָנטערט

זיך אַ דראַמע מיט אַ קאָמעדיע. די פראַנצויזן שפּילן זייער ראָל. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז נאָך דער רוסישער פעברואַר-רעוואָלוציע, וועלן די רוסישע זעלנער, וואָס קעמפן אויפן פראַנצויזישן פראָנט, אַרונטערפאַלן נישט די רוסישע געזעצן, נאָר די פראַנצויזישע. אָבער די רעכט אַפילו פון פראַנצויזישע זעלנער גייען זיך פאַרנאַנדער מיט די פראַנצויזישע געזעצן.

*

אַזוי ווי די רוסן ווילן נישט אָפּטרעטן פון זייער באַשלוס און פאָדערן דורכאויס מען זאָל זיי אָפּשיקן אַהיים, פירט מען אַוועק די ערשטע און צווייטע בריגאַדע און מען שפּאַרט זיי איין אין אַ שטעטל ביי דער קרעזע, וועלכע מען רופט אָן לאַ-קורטין. די רוסן האַלטן דאָרט אָפּ מיטינגען אין די באַראַקן, כדי גאַנץ פשוט און ענערגיש אויסצודריקן זייער פאַרלאַנג. דערדאָזיקער פאַרלאַנג הילכט ווי א הויכער פאַרשטיקטער געשריי, ווי אַן אייגנאַרטיקער ניגון פון אַ התלהבותדיקער תפילה, וואָס דריקט זיי צונויף און באַהעפט. זיי גיבן נישט נאָך. מען צווינגט זיי צו ענדערן דאָס וואָרט „ראַט" אויף קאָמיטעט. זיי זאָגן אָפּ, דעם 20 יוני גיט דער גענעראַל לאָקאָווסקי אַרויס אַ באַפעל, מען זאָל די צוויי בריגאַדעס פון לאַ=קורטין שיקן אויף איבונגען. זיי פאָלגן נישט.

מען נעמט אָן שטרענגע מיטלען: מען צוטיילט זיי אויף צוויי טיילן. מען באַמיט זיך צו מאַכן אַ שפּאַלטונג צווישן דער ערשטער און צווייטער בריגאַדע. מען מאַכט עס אויף אַן איידעלן אופן. די, וועלכע גיבן זיך אונטער אָן באַדינגונגען שיקט מען אַוועק אין לאַגער קורנאָ אָדער פעלעטען, ווו מען קען זיך לאָזן ווויל גיין. די דאָזיקע אָפּעראַציע גייט נישט דורך אָן מחלוקת און סקאַנדאַלן. די פאַרעקשנטע לאָזט מען איבער אין לאַ=קורטין און מען באַהאַנדלט זיי, ווי מורדים. זיי זעבן עלף טויזנט, אַ גאַנצער באַרג מענטשן. נאָך די אַלע קאָמפּראָמיסן געלינגט אָפּצורייסן מער נישט ווי זיבעציק מאַן. די איבעריקע האַלטן זיך פעסט ביי זייערע פאָדערונגען און ווילן בשום אופן

נישט נאָכגעבן. זיי זאָגן זיך אָפּ פון בראָנפן. דער קאָנטראַסט איז זייער א גרויסער צווישן די רעכט, פון די אָרנטלעכע מורדים אין לא-קורטין, און די רעכט פון לא-קורנאָער קנעכט, וואָס געביסן פון זייער פאַרשקלאַפקייט און גייען אַרום מיט פאַרריסענע בגדים. דער ראַט פון לא=קורטין פאָדערט נאָך אַמאָל פון זייערע אימפּעריאַליסטישע אָנפירער: מען זאָל זיי לאָזן צוריק קיין רוסלאַנד. „מיר שווערן, אַז מיר וועלן דערפילן אונדזער חוב פון זעלנער אויף אונדזער אייגן ערד!" עפּעס איינער. מיטן נאָמען וואַרקאָוו איז אַראָפּגעקומען ספּעציעל פון פעטערבורג, כדי צו פרעדיקן אַ פּאַסיווע געהאָרכזאַמקייט. אָבער זיי גיבן כסדר דעמזעלבן ענטפער. ס'קומט אַראָפּ אַ פּאָפּ און פּרוווט זיי איינרעדן מיט אַ פּאַטעטישער שטימע: „זייט אייך מתוודה און טוט תשובה!" אָבער זיי זענען אים משלם. „מיר ווילן בעסער שטאַרבן, אָבער נישט ווערן באַזיגט".

*

לאָמיר זיך לאַנג נישט אָפּשטעלן אויף די מזונות סטאַטיסטן: שפּיאָנען, מוסרים, אַגענטן, וואָס יעדער איינער ציט דעם פאָדעם און וועבט אינטריגעס אין דערדאָזיקער געשיכטע. די זעלנער פון לא־קורטין זענען ווי אַ פעסטונג באַלאַגערט פון אַלע זייטן און ווילן זיך נישט אונטערגעבן. מען זאָגט צו זיי: „איר פאַרראַט דעם מיליטערישן כבוד". ענטפערן זיי: „מיר רעספּעקטירן די מענטשלעכע חשיבות". מען זאָגט צו זיי: „איר האָט אונדז אָפּגענאַרט. איר זענט פאַררעטער". זיי ענטפערן: „מען האָט אונדז אָפּגענאַרט. מיר זענען פּלייצן פון שקר".

*

מען דאַרף אין פולן זין פון וואָרט פאַרשטיין דעם הויכן מוסר=השכל פון דעמדאָזיקן פּאַסיוון אויפשטאַנד און דעם טיפן באַוווסטזיין=איבערברוך, וואָס ס'האָט זיך געשאַפן.

די רוסישע זעלנער האָבן זיך געוואַקלט, האָבן דיסקוטירט. און דאָך, הגם דאָס וואָרט „רוסישע רעוואָלוציע" האָט אין זיי

געבראָכן און אָנגעפילט זייערע הערצער, האָבן זיי פונדעסטוועגן נישט געהאַנדלט אימפולסיוו, ווי פאַנאַטיקער. זיי האָבן נישט אָנגעווענדעט קיין אַגרעסיווע מיטלען. זיי האָבן קעגנגעשטעלט זייער פּאַסיוויטעט און האָבן זיך געלאָזט הרגענען — פונקט ווי מען האָט זיך מיט צוועלעכע יאָר שפּעטער באַגאַנגען מיט גאַנדיס אינדוסן, בעת זיי האָבן אויסגעשטעלט זייערע גאַקעטע קערפּער די ענגלישע קוילנוואַרפער, באָמבעס און באַגנעטן.

זייער לאָזונג איז געווען אַזעלכער: מיר האָבן דאָס רעכט איצט צו זאָגן אַ דעה איבער זיך אַליין, ווייל א דאַנק דער רוסישער רעוואָלוציע האָט זיך די לאַגע געענדערט. אונדזער וואָרט איז מער קיין וואָרט נישט, ווייל די, וועמען מיר האָבן אים געגעבן, זענען אָראָפּגעשליידערט געוואָרן, ווייל אונדזערע אַלע מושלים זענען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן אויף אַלע פיר ווינקלען פון דער וועלט. אונדזער גורל האָט זיך געענדערט, אין דערוזאַלבער צייט, ווען אונדזערע אויגן האָבן זיך אויפגעעפנט. מיר זענען נישט פאַרקויפט געוואָרן לצמיתות, ווי שאָף צו אונדזערע קצבים, דערפאַר ווייל ניקאָליי דער צווייטער האָט געהאַלט פאַרכאַפּן קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווייל ער האָט זיך נאָכדעם געבויטיקט אין פראַנצויזיש געלט, ווייל דער ענגלישער אימפעריאַליזם האָט געוואָלט די הערשאַפט איבער אַלע ימים און דער דייטשישער אימפעריאַליזם האָט עס געוואָלט באַזיגן, ווייל די פאַרייניקטע-שטאַטן האָבן זיך געוואָלט אָנשטאָפּן מיט געלט, פונקט ווי די איבעריקע גרויסע אינדוסטריעלער פון דער מענטשהייט. מיר קענען איצט בשום אופן נישט פאַרדייצן דעם פּאַראַדאָקס, אַז דייטשלאַנד איז געווען די איינציקע רויב־נאַציע צווישן דעם געטלעכן קאָנצערט פון די גרויסע מלוכות. אויף אונדז אַליין ליגט דער חוב צו פאַרניכטן דעם האַנדל מיט אונדזערע קערפּער און נשמות. מיר האָבן דאָס רעכט צו ווערן באַלעבאָטים פון זיך אַליין.

די אָפּיצירן האָבן געטענהט: זאָל לעבן די רעוואָלוציע! זאָל לעבן די פרייהייט! אָבער מען מוז ווייטער פירן מלחמה צום גונסטן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. אויב איר

וועט זיך נישט גיין שלאָגן, וועט איר קודם-כל זיין פחדנים, באַכדעם וועט איר ברענגען שאָדן דער רעוואָלוציע אין דער סוף וועט זיין, אַז די פראַנצויזישע אַרטילעריע וועט אייך אין דער ערד אַריינלייגן.

פונקט ווי אַלע פאַרנונפטיקע מענטשן, וועלכע ווילן פאַר־ווירקלעכן זייערע פּלענער; אַזוי האָבן די רוסישע זעלנער לאַנג געטראַכט און אַרומגערעדט וועגן דעם, וואָס זיי האָבן צו טאָן. איך שטעל פעסט, אַז ביי די אָפּעראַציעס פונם פאָרט ברימאָן האָבן זיי דיסקוטירט וועגן דער שטעלונג, וואָס זיי דאַרפן אָנ־נעמען. זיי האָבן זיך זייער לאַנג מיישב געווען. אַלס באַווייז, אַז זיי זענען נישט געווען באַהערשט פון שרעק, קען דינען דער פאַקט, וואָס זיי האָבן דאַמאָלס אָנגענומען פאָלגנדיקן באַ-שלוס: „מיר וועלן גיין, מיר וועלן טאָן דאָס, וואָס די אָפיצירן הייסן אונדז טאָן”. און זיי זענען אַוועק אין דער יאַטקע.

*

איצט לאָמיר זיך צוריקקערן צום פּלאַץ, וואָס מיר קע-נען. די פראַנצויזישע מאַכט האָט מורא פאַר דידאָזיקע דרייסטע מורדים, וועלכע זענען זעלנער פון דער רעוואָלוציע. אַזעלכע ביישפּילן זענען געפערלעך. ס'זענען שוין געווען זיבעצן פאַקטן פון אויפשטאַנדן ביי די פראַנצויזישע זעלנער. די מאַשינען-מחנות פאַרשטייען, אַז ס'איז אַ קאַפּיטאַליסטישע מלחמה און ווילן זיך שוין מער נישט שלאָגן. מען זוכט אַן עצה. די פראַנ-צויזישע אָנפירער זאָגן צו די רוסישע: „נעמט זיי צו צו זיך, אָדער הרגעט זיי, און מיר וועלן אייך העלפן”. אָבער אין דעם־דאָזיקן פּלאַץ זיצט זיך קערענסקי און מער כון די פראַנצויזן האָט ער מורא פאַר דידאָזיקע זעלנער פון איין אידעע. דער־דאָזיקער אָנפירער פון דער רעוואָלוציע האָט תמיד מורא פאַר דער רעוואָלוציע. ער טראַכט נייעט, ווי אַזוי שלום צו מאַכן מיט די רעוואָלוציאָנערן. ער בויגט זיך אויף אַלע זייטן, ווי

זיין שטייגער איז, און אָנשטאָט אַ תשובה שיקט ער צו דער־ווייל פאַרשטאַרקונגען דער צווייטער בריגאַדע — די שונאים פון דער ערשטער.

אַז מען האָט באַטראַכט דעם לאַגער לאַ־קורטין פון אַן עראָפּלאַן, האָט מען געקענט זען די אַרמייען, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט אונטער דער אָנפירונג פונם גענעראַל בעליאַעוו. דער ערשטער צירקל: דריי באַטאַליאָנען, דריי קאָמפּאַניעס מיט קוילנוואַרפערס און פיר באַטארייען. דאָס אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט פון רוסישן מיליטער און פון פראַנצויזישע אַרמייען. דער צווייטער צירקל — דער 19-טער, 78-טער, 82-טער, און 150-טער רעגימענטן פוסגייער, קאַוואַלעריע און אַרטילעריע פון פראַנצויזישן מיליטער. דעם 14-טן סעפטעמבער גיט דער גענעראַל בעליאַעוו אַרויס זיין לעצטן אולטימאַטום. מען וואַרפט אים אָפּ. מען עוואַקואירט די ציווילע באַפעלקערונג פון דערפל לאַ־קורטין, אַרום וועלכן ס'קאָנצענטרירט זיך דער צוגעגרייטער אוראַגאַן, — די אָרגאַניזירטע איבערקערעניש.

*

אַט דאָ קומט פאַר דער מיטינג פון די פאַרמשפטע צום טויט, וועלכע איך האָב אַרויסגעפירט אויף דער סצענע, כדי זיי צוערשט באַוויזן. לאָמיר זיך שנעל דערמאָנען די פאַזן פון דעמדאָזיקן באַוועגלעכן בילד. נאָכדעם הייבט זיך אָן די באָמבאַרדירונג. צוויי מוזיקאַנטן און אַכט זעלנער פאַלן אויפן אָרט. דער שונא האָט אויסגעגראָבן אָקאָפּעס אַרום לאַ־קורטין. מען אַטאַקירט פלאַנמעסיק דידאָזיקע עלף טויזנט מאַן, וועלכע קענען זיך נישט פאַרטיידיקן, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט אין טרויער זייער לעבן, אָבער נישט זייער אידעאַל. דאָס דויערט פינף טעג מיט אַלע שוידערלעכקייטן פון א מלחמה. ס'קומען דאָרט פאָר אינדיווידועלע מאָרדן, וועלכע אָפיצירן פירן אויס, אויס כעס און סאַדיזם. די לעצטע זעלנער ווערן גענומען אויף באַגנעטן, עט־

לעכע הונדערט געהרגעט, נאָכמער פאַרוואונדעט. און אַלט הונ־דערט לגמרי פאַרשוואונדן. פון עלף טויזנט פאַרבלייבט עטוואָס מער ווי אַכט טויזנט. מען קען געגוי נישט וויסן די צאָל פון די געה־געטע, ווייל מען האָט זיי בייגאַכט באַגראָבן, און מען האָט נישט געקענט דערגיין קיין סימן פון זייערע קברים. ווער ווייסט, צי ביי היינטיקן טאָג שפּאַצירט מען נישט אויף זיי.

די לעבעדיקע זעלנער האָט מען ווי זעק אַרויפגעפּאַקט אויפן פיגסטערן, שטינקענדיקן אונטערשטן דעק פון אַ שיף און זיי עקספּעדירט קיין אַפריקע.

*

אין יענע צייטן האָבן זיך געפונען רוסישע זעלנער אויך אין סאלאניק, וועלכע האָבן דורכגעלעבט אַזאַ מין עפּאָפּייע, ווי די רוסישע זעלנער אויפן פראַנצויזישן פראָנט. אָבער דאָס איז געווען צוליב דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע די צווייטע אמתע רע־וואָלוציע. ס׳איז נישט געווען די רעוואָלוציע, וועלכע האָט אי־בערגעדרייט די אַלטע וועלט; דאָס איז געווען די, וועלכע האָט אויף די חורבות געבויט אַ נייע וועלט. יענע האָבן אויך גע־טענהט: „שוין גענוג געפּאָלגט די צאַריסטישע דינער פון פראַנק־רייך אָדער די נעאָ־צאַריסטישע רוסישע דינער. מיר ווילן שוין מער נישט איינגעצן די הענט אין דער מלחמה פון עגל־הזהב און פון נעגער־האַנדל. אונדזער אָרט איז ביי אונדז אינדערהיים, אין דער מלחמה פון אַנטגילטיקער באַפרייונג". זיי האָבן געליטן די גרעסטע דחקות און נויט. מען האָט זיי אָנגעטאָן די גרעסטע יסורים, מען האָט געפּרוווט זיי לאָזן אויסגיין פון דורשט. מען האָט זיי אויסגעהרגעט איינציקווייז, אָבער זיי האָבן נישט נאָכ־געגעבן. און די, וואָס זענען געבליבן לעבן האָט מען אַוועקגע־שיקט קיין אַפריקע צו זייערע פאַרעקשנטע ברידער.

*

אין אַפריקע. דאָרט זענען זיי אויסגעגאַנגען, ווי ליכט. מען האָט זיי איבערגעוואָרפן פון לאַגער צו לאַגער, פון איין

גיהנום צום צווייטן, און יעדן טאָג פון יענע טעג, איז אַ באַוועגלעכער עטאַפּ פון יסורים פאַר די פאַרטריבענע פון דער רעוואָלוציע. אָבער אויב די דעקאָראַציע האָט זיך געענדערט ארום זיי, האָט זיך דאָך זייער באַשלוס נישט געענדערט. און זייער באַשלוס איז געווען פאָלגנדיקער: נישט העלפן די אימפּעריאַליסטן, און דינען דעם נייעם רוסלאַנד.

*

נאָך פאַרשידענע אַנגענומענע מיטלען, נאָך פאַרשידענע פאַרביטערטע אַרויסטריטן, וועלכע האָבן געצויגן די ערגסטע קאָנסעקווענצן, האָט מען, ענדלעך אין די הויכע מקומות באַשלאָסן: מען זאָל שלום מאַכן מיט די רוסישע זעלנער. אָבער דאָס, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ סוף צו זייערע יסורים, איז ערשט געווען אַן אָנהייב. מען האָט באַשלאָסן, אַז מען שיקט זיי אוועק קיין רוסלאַנד, אין דעניקינס אַרמיי, דער ווייסער באַנדיט, וועלכן פראַנקרייך און ענגלאַנד האָט באַוואָפנט און געצאָלט, כדי אראָפּצוּוואַרפן די רעגירונג פון די אַרבעטער און פויערים. זיי פּראָטעסטירן און ווילן נישט גיין. מען באַשטראָפט יעדן צענטן מאַן, נאָך פאַרשידענע בייזע, אַכזריותדיקע סצענעס, וואָס גיט אַ בולטע שילדערונג פון דעמדאָזיקן פּעריאָד פון אַ לעבעדיקער עפּאָפּייע. זייער צאָל ווערט אַלץ קנאַפּער און קנאַפּער. און וויפל מאָל האָט מען איבערגעחזרט די סצענע פון אויסמעקן די פרישע שפּורן פון די קברים! זייער צאָל ווערט קנאַפּער... אָבער ס'איז נישט וויכטיק: זיי האַלטן זיך תמיד ווי איין מאַן.

*

אָבער די היסטאָרישע געשעענישן מישן זיך דאָס מאָל אַריין אין דערדאָזיקער טראַגעדיע און טראָגן אַריין אַן אויסגלייכונג. דעניקין ווערט באַזיגט פון דער רעוואָלוציע. די טולער אַרבעטער שטעלן זיך מיט צאָרן קעגן די ווייסע מחנות, און

רעניקין מוז אָפּטרעטן, אַנטלויפן צום שווארצן ים צו, און נאָכדעם אַזש קיין פּאַריז.

דער קליינער המון זעלנער פאַרבלייבן נאָך דערדאָזיקער געשעעניש די זיגער. זיי זענען ענדלעך געוואָרן די אמתע זעלנער פון דער רעוואָלוציע. זיי האָבן אָפּגעטאָן אַ פּאָזיטיווע אַרבעט, ווען וועלכער זיי האָבן געטרוימט און וועלכע זיי האָבן פאָרויסגעזען, בעת זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דינען די הענקער פון די פעלקער. זייער פאַרביטערטע עקשנות האָט ענדלעך געזיגט. אין דער מענטשלעכער געשיכטע איז קיין שבועה נאָך קיינמאָל בעסער נישט געהאַלטן געוואָרן דורך אַ גרופּע מענטשן, וואָס זאָלן זיין גרעסער און מענטשלעכער פון די־דאָזיקע.

דידאָזיקע פּשוטע מענטשן, וועלכע כ'האָב [illegible] פריער זעלבער געקענט, האָבן מיט אַ געזונטן און גלייכן פאַרשטאַנד פאַרמשפט די פסיידאָ־דעמאָקראַטיע פון מערב מיט איר פאַלשן בורזשואַזן צאַריזם און מיט איר פרייהייט אויפן פּאַפּיר. באַלד פון אָנהייב אָן האָבן זיי די מאַרסעליעזע אַ שליידער געטאָן אין פּנים אַריין די שולדיקע און פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער רויבעריי. בעת זייער בלוטיקן מאַרש אינם גיהנום פון דער אַלטער וועלט, בעת זייער שטרעבונג צום אידעאַל, האָבן זיי מיט זייער ווילן, מיט זייער האַרץ און מיט לייב געקעמפט פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד. מיט זייערע אַלע כּוחות האָבן זיי אָנגעהייבן אַ קאַמף פאַר דער צוקונפט און ברוטאַליש אויסגעדרייט זייערע פלייצעס, צו די שאַרלאַטאַנעס פון דער ציוויליזאַציע, פון רעכט, פון מאָראַל, פּראָגרעס און פון דער רעפּובליק, וועלכע זשעסטיקולירן אויף די מיניסטאָרישע עסטראַדעס און אין מוזיק־זאַל פון זשענעווע.

אַנרי באַרביס

צווייטע טעריע דערציילונגען פונם בוך „בלערליי"

טעראָר

אינהאלט:

דער אומבאַצוימטער 98

דער פויער יאַן גרעסטאַ 99

דער לייב 104

ס'איז געווען אַ מלך 110

וועלכע זענען די ערגסטע יסורים ? . . 114

די פעסט 126

צוזאַמען 132

ווען מיר האָבן געפייערט דעם יום-טוב פון שלום 139

דער גאַקעטער מענטש 139

דער אומבאַצוימטער

איך וייס, וואָס ס'קומט פאָר אין די רומענישע תפיסות — אין די לעבעדיקע בית-עלמינס. איך בין געפאָרן אין רומע- ניע, ספּעציעל מיט זיי זיך צו באַקאָנען. איך האָב געזען אַרעסטירטע, איך האָב פון זיי באַקומען בריוו, איך האָב גע- זען אין רומעניע און אין אַנדערע ערטער די אַנטרונענע פון דידאָזיקע מערקווירדיקע מערות: דאָפטאַנאַ, זשילאווא, וואַקאַרעשטי א. אז. וו., ווו מען הרגעט אויס די פּאָליטישע אַרעסטירטע. וועלכע זענען באַשולדיקט און פאַרדעכטיקט אין באָלשעוויזם.

אַ סך בולטע, שרייענדיקע פאַקטן באַלאַגערן און מאַ- טערן מיך, ווי געוויסן-יסורים. אויף איינע פון דידאָזיקע פאַקטן וויל איך היינט וואַרפן אַביסל ליכט: אַ מענטש, אַן עפּיזאָד.

ג. בוזשאָר איז געווען אַ רומענישער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט סימפּאַטיזירט מיט רוסלאַנד. זיין גרעסטער חטא, וואָס מען האָט אים פאָרגעוואָרפן איז געווען דער, וואָס ער איז געווען ראַקאָוסקיס סעקרעטאַר. ער האָט פּראָטעסטירט קעגן דער אַנעקסיע פון בעסאַראַביע, אַן אַנעקסיע, וועלכע איז אין בעסטן פאַל אַן אַקט פון אינטערנאַציאָנאַלע רויבער, מעגלעך אָן שום פּרעצעדענט און איז אַ ציניש‏ער אַרויסטריט קעגן די רעכט פון די פעלקער, וואָס דאַרפן אַליין באַשטימען זיי- ער גורל.

שוין זעקס יאָר, ווי בוזשאָר זיצט אין דאָפטאַנער תפיסה. שוין זעקס יאָר, ווי ער איז פאַרשפאַרט אין אַ קליינער צע- לע, ווו ס'שטייט אַ הילצערן בעטל. געשמידט אין קייטן, ליגט ער אויף איר איינגעקורטשעט, די הענט און פיס אומבאַוועג-

לעך פונם אייזן. אויפן בעטל עסט ער און שלאָפט. נישט ווייט פון אים שטייט אַ פּאַראַשע. דאָס איז דאָס מעבל פון דער צעלע, פון וואַנען ער איז נישט אַרויס, זינט פיר און זיבעציק חדשים.

ער איז אַ סוד, אַן אַבסאָלוטער, הערמעטישער סוד. נישט בלויז דאָס, וואָס ס'איז אים נישט דערלויבט עמעצן אויפצונעמען, נאָר זינט ער געפינט זיך דאָרט האָט ער נאָך קיין מענטשלעך פּנים נישט אָנגעזען און קיין מענטשלעך קול נישט געהערט. ס'איז אים פאַרווערט צו לייענען און צו שרייבן. איבעריקנס, וואָלט ער נישט געקענט לייענען און שרייבן, ווייל ער געפינט זיך אינדערפינסטער. נישטאָ קיין ליכט אין דעם צוגעשלאָסענעם קופער. ער באַמערקט קוים די האַנט פון תפיסה-שומר, וועלכער קומט יעדע פּיראָונצוואַנציק שעה, רוקט אויף די שווערע קעלער-טיר און רוקט אים אַריין די עקלדיקע זופּ.

באַהערשט פון אַ פאַרצווייפלטן מענטשלעכן אינסטינקט, האָט ער די ערשטע צייט געפּרוווט ריידן מיטן תפיסה-וועכ-טער, כדי צו הערן דעם קלאַנג פון זיין שטימע. אָבער אומ-זיסט! די רומעניש אָליגאַרכיע האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל — מען זאָל קיינמאָל נישט ריידן מיט בוזשאָרן.

אומזיסט האָט מען אָנגענומען מיטלען, כדי אויסצופועלן אַ פאַרלייכטערונג פאַר דידאָזיקע שרעקלעכע יסורים, וואָס פאַרוואַנדלען אַ מענטש אין אַ בר-מינן און לייגן אים אַריין אין קבר, בעת ער לעבט נאָך. די רומענישע אָליגאַרכיע האָט כסדר געזאָרגט דערפון, וואָס קען אָפּשוואַכן זייער נקמה. די רומענישע אָליגאַרכיע האָט תמיד אָפּגעוואָרפן דעם סאָוויעטישן פאָרשלאַג — אויסצוטוישן בוזשאָרן אויף אַנדערע געפאַנגענע.

* *

*

אָבער דאָך איז געקומען אַ טאָג, ווען מען האָט אים געזען, ווען מען האָט צו אים גערעדט אָדער אים אָפּגעענט-פערט.

ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער איז געשטאָרבן, שפּעטער האָט מען גערעדט, אַז ער איז משוגע געוואָרן. אין מיינע הענט האָב איך געהאַלטן אַ טראַגישן בריוו פון איינעם אַן אַלטן געפאַנגענעם פון דאָפּטאַנאַ, וועלכער דערציילט, אַז אין דער נאַכט, אין אַ שטילן וועטער הערט מען אַ טויבן גע־רויש פון לידער, וואָס דערטראָגן זיך פון דער ערד. דאָס איז ער.

אַ יונגע פרוי, אַן אַרבעטערין לענוטצא פיליפּאָוויטש, האָט באַשלאָסן צוצוקומען צו בווזשאָרן אין זען, וואָס מיט אים איז געוואָרן.

אַ צופאַל האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט אויסצונוצן די געלעגנהייט. בעת דעם פּאָליטישן פּראָצעס, וועלכן מען האָט אָנגערופן דער פּראָצעס פון די 300, האָט דער פּראָקו־ראָר געמאָלדן, אַז די 18־יעריקע לענוטצא איז געווען בווזש־אָרס געליבטע. ס'איז געווען אַ שקר, אָבער דאָס יונג מיידל האָט געוואָלט אויסנוצן דעמדאָזיקן פאַקט. זי האָט זיך די־רעקט געווענדעט צו דער פּערזאָן פון דער רומענישער שטן, וועלכע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע רעפּרעסיעס קעגן די קאָמוניסטן, דער פינצטערער ראַנציאַוּלעסקו, „דער שעף פון דער קאָמוניסטישער בריגאַדע".

זי האָט צו אים געזאָגט: „מען שמועסט, אַז בווזשאָר איז געשטאָרבן".

— נישט אמת, — האָט געענטפערט ראַנציאַוּלעסקו, — ער לעבט.

לענוטצא האָט אים דרייסט געמאָלדן וועגן איר בקשה: „איר ווייסט דאָך, אַז ער איז געווען מיין געליבטער. איך וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אַז ער לעבט נאָך".

צוליב די ספּעציעלע באַפעלן, וואָס ראַנציאַוּלעסקו האָט באַקומען, נישט צו דערלאָזן קיין שום לעבעדיקן מענטש צו דעם געפאַנגענעם, האָט ער זיך געמאַכט כּלאָ־ידע.

לענוטצא איז צוגעשטאַנען. זי האָט געדראָט, אַז זי וועט אַרויסרופן אַן עפנטלעכן סקאַנדאַל. נאָכדעם האָט זי זיך אָנ־

געהייבן ביי אים צו בעטן, זיך געשטעלט פאַר אים אויף די קני, געוויינט מיט ביטערע טרערן, דאָס, וואָס ס'האָט זיך נישט געלאָזט גלויבן איז פאָרגעקומען. נאָכדעם ווי ער האָט זיך א לענגערע צייט געוואַקלט, האָט דידאָזיקע פערזאָן געענדערט די טאַקטיק און נאָכגעגעבן (מען חייסט נישט צוליב וואָסער טעם, אַלנפאַלס נישט צוליב רחמנות). ער האָט אויסגערופן: „צו אַלדע רוחות, דו ווערסט אים זען און ריידן מיט אים דריי מינוט".

באַקומענדיק א פּאַפיר, וואָס האָט אויף עטלעכע רגעס אויפגעעפנט פאַר איר אַלע שלעסער און ריגלען, האָט זי דורכגעשפּרייזט דעם לאַנגן פינסטערן קאָרידאָר, ווו א קאַלטער ווינט האָט געיאָגט פון די ווענט. אין דעמדאָזיקן אומענדלעכן קאָרידאָר האָט זיך דער תפיסה-וועכטער אָפּגעשטעלט; דער שליסל האָט א גרילץ געטאָן אינם שלאָס, די טיר האָט זיך אויפגערוקט, און זי איז געבליבן שטיין פאַר אייזערנע קראַטעס. דורך דידאָזיקע קראַטעס האָט זי אים דערזען. זיינע קליידער זענען געווען צעריסן און זיין באָרד פאַרלאָזט. ער איז געלעגן אויפגעקאָרטשעט אויף זיין הילצערן בעט. לענוטצאַ האָט באַמערקט, אַז דאָס ביסל ליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין דער צעלע ביים אויפעפענען די טיר פון פינצטערן קאָרידאָר, האָט אים ווי די זון פאַרבלענדט די אויגן.

די פיזיאָנאָמיע פון געפאַנגענעם האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון א צומישטן. מ'האָט געזען, אַז דער מענטש איז שוין נישט קיין נאָרמאַלער מענטש און אַז זעקס יאָר מאַטערניש אין דערדאָזיקער תפיסה האָבן צעפּלאָנטערט זיין געדאַנק. אינסטינקטיוו האָט אים לענוטצאַ אויסגעשטרעקט די האַנט דורך די קראַטן, אָבער תיכף האָט דער וועכטער מיט כעס זי אַוועקגעשלעפּט צוריק. עטלעכע רגעס איז זי פאַרבליבן אָפּהענגטיק, נישט קענענדיק ריידן און וויינען.

ענדלעך האָט זי אַרויסגערעדט;

— חברוּנו שאָר. איך בין געקומען אייך באַגריסן אין נאָמען פון גוטע פריינט.

ביים קלאַנג פון דעמדאָזיקן קול, איז אים געפּאַגנבעט פאָרגעקומען אַזאַ אויפבּרויז, גלייך ווי אַן אינערלעך ליכט וואָלט אים באַלויכטן. ער האָט אָנגעהייבן צו רעדן מיט אַ שווערער, גוסטדיקער אָבער דייטלעכער שטימע. און דאָס, וואָס ער האָט אויסגעדריקט, איז געווען זיין געדאַנק, וועלכן ער האָט חדשים, יאָרן, געשפּייזט אין דעמדאָזיקן פינצטערן קבר. ער האָט נישט גערעדט פון זיך, נישט פון זיינע חברים און פריינט. ער האָט גערעדט פון וויכטיקערע זאַכן. ער האָט זי בלויז געפרעגט;

— צי איז נאָך די סאָוויעטישע מאַכט אין רוסלאַנד בסדר פעסט?

— יאָ! — האָט זי אָפּגעענטפערט.

אָבער דער שומר האָט זיך שטרענג אַריינגעמישט:

— אָן פּאָליטיק!

אַ שטיל שווייגעניש.

זי האָט אַ פרעג געטאָן: „פאַרלאַנגסטו גאָרנישט, חבר בוזשאָר?“

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — איצט בין איך גליקלעך.

זיי האָבן זיך אָפּגעזעגנט און זי איז אַוועק, מיטנעמענ־דיק מיט זיך די ביכער און די פּראָוויזיע, וואָס זי האָט גע־וואָלט אים איבערלאָזן. זי האָט נישט געקענט עובר זיין דעם באַפעל: קיין זאַך טאָר בוזשאָר נישט באַקומען פון קיינעם.

דידאָזיקע זאַכן זענען פאָרגעקומען דאָ נישט לאַנג. זיי שילדערן בולט דעם באַרבאַריזם פון לייט, וואָס געוועלטיקן צווישן די גרויסע נאַציעס און אַרבעטן מיט דער מיטהילף אָדער צושטימונג פון אַנדערע הערשער. זיי באַווייזן אויך, ווי אַזוי דער עקשנותדיקער טרוים טליעט אין די הערצער פון די קרבנות, אין די הערצער פון די צעקאַלעטשעטע, צעשלאָ־גענע, אין די קעלערס, ווו די רעליגיעזע „געזעלשאַפטלעכע ליבונג“ טראַכט גאָרנישט אַריינצודרינגען. שטאַרקער פון יסורים, שטאַרקער פון ווייטאָקן, שטאַרקער פון משוגעת עקזיסטירט און

שפּייזט זיך דער גלויבן אין דעם איינציקן פרייען פאָלק פון דער וועלט און אין דער פּאַטאָליטעט פון זיין ביישפּיל.

און דערדאָזיקער גלויבן איז געפערלעכער פון אַלע אויפרייס־שטאָפן.

יאַנ׳ 1926

דער פויער יאַן גרעסטאַ

יאַן גרעסטאַ איז געווען אַ פויער אַן בילדונג. ער האָט קיין השגה נישט געהאַט וועגן די גרויסע סאָציאַלע פּראָבלע־מען און ס׳האָט אים קיין שום זאַך נישט אינטערעסירט איבער די גרענעצן פון דעם קליינעם ווינקל אין רומעניע, ווו ער האָט געפּראַצעוועט. זיינע עלטערן און זיינע אור־עלטערן האָבן תמיד געאַרבעט אויף די גיטער פון די באַיאַרדן. און ער האָט אויך תמיד געטראַכט און געטאָן, ווי די ערד אַליין, דאָס אייגנ־טום פון די באַיאַרדן.

ווען גרעסטאַ האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו, האָט מען אים אָפּגעגעבן פאַר א מאַטראָז. ס׳איז געווען מלחמה־צייט. אָבער ער האָט אַזוי גוט נישט געוווּסט, מיט וואָס מלחמה שמעקט. ער האָט נאָר געוווּסט, וואָס ס׳טוט זיך אויפן קליי־נעם שיפשטיק. ווו ער האָט זיך געפונען. ער האָט געפאָלגט די באַפעלן, וואָס מען האָט אים געגעבן און האָט געטאָן דאָס, וואָס מען האָט אים געהייסן טאָן. פּונקט ווי פריער מיט דער סאָכע און מיט דער מאָטיקע, אַזוי האָט ער איצט געשלעפּט די ביקס אויפן באַפעל פון אַנדערע, נישט וויסנדיק פאַרוואָס און פאַרוואָן. זיין דערציִונג האָט זיך נישט אויסגעבעסערט אין די קריגע טעג, ווען מען האָט אים געצוווּנגען צוזאַמען מיט זיינע אונטערפּערם־חברים צו מאַנעווירן, פּרווון הרגענען און פּרווון, מער אָדער ווייניקער, נישט לאָזן זיך הרגענען!

איינמאָל איז צו אים צוגעקומען אַן אַרבעטער, אים דער־לאַנגט אַ פּעקל בלעטלעך און געבעטן — ער זאָל צעטיילן די דאָזיקע בלעטלעך זיינע חברים, די מאַטראָזן. גרעסטאַ האָט עס געטאָן, נישט וויסנדיק אפילו, וואָס דאָרט שטייט געשריבן

אין די בלעטלעך, ראשית, ווייל ער האָט נישט געקענט לייע־נען און צווייטנס איז ער בטבע נישט געווען קיין נייגעריקער.

אויף דידאָזיקע פּאַפּירלעך איז געווען אַן אויפרוף צו די מאַטראָזן: „ברידער מאַטראָזן, ברידער אַרבעטער אין אוני־פאָרם, שיסט נישט אויף אייערע ברידער פון דער רויטער אַרמיי, אויב די רומעניש באַארדן וועלן אייך שיקן קעגן רוסלאַנד, ווייל דאָסדאָזיקע רוסלאַנד איז דאָס איינציקע פּראָ־לעטאַרישע לאַנד אויף דער גאַנצער וועלט!"

דידאָזיקע בלעטלעך זענען געווען אַן איבעררעשונג פאַר דער מאַכט. גרעסטע איז אַרעסטירט געוואָרן. פונקט ווי אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע, אַזוי האָט מען אים אויך געשלאָגן, געקיילט און געמאַטערט. אַ גאַנץ יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין תפיסה, נאָכדעם האָט מען אים געשטעלט פאַר אַ קריגס־געריכט.

פאַרן מיליטערישן טריבונאַל האָט גרעסטע גערעדט וועגן זיין קינדהייט און זיין יוגנט. ער האָט געשילדערט, ווי אַזוי זיין לעבן האָט אויסגעקוקט איידער ער האָט אָנגעטאָן דעם מונדיר. ער האָט דערקלערט, אַז ער האָט געאַרבעט ווי אַן אייזל, פונקט ווי אַלע פּויערים אַרום אים, כדי „אונזער שווייס זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין גאָלד". ער האָט געמיינט, האָט ער דערקלערט, אַז דידאָזיקע אַרבעט אויף וועלכער זיין גאַנץ לעבן איז ביז איצט געווען קאָנצענטרירט, איז אַ געזעץ פון לעבן, אַז ס'עקזיסטירט אַ העכערער געזעץ, לויט וועלכן זיין פּויערישער שווייס מוז פאַרוואַנדלט ווערן אין גאָלד, פאַר די, וואָס קלייבן גאָלד. פונקט ווי זיין פאָטער, מוטער, ברידער, שוועס־טער, אַזוי אויך ער, האָט זיך קיינמאָל נישט פאַרטראַכט און זיך נישט געחידושט איבער דערדאָזיקער גרויסער נויטווענ־דיקייט.

נאָכדעם האָט ער גערעדט צו די ריכטער־אָפיצירן וועגן די מעשה מיט די אויפרופן: ער האָט דעמאָלט נישט געוווּסט, וואָס ער האָט געטאָן. נישט נאָר, וואָס ער האָט נישט געקענט איבערלייענען דאָס, וואָס איז געשטאַנען געשריבן אין די פּאַ־

[illegible]רלעך, וועלכע ער האָט באַקומען צו פאַרשפּרייטן, נאָר ער האָט זיך אפילו נישט באַמיט צו וויסן, ווייל פון שטענדיקע יאָרן אָן איז ער געווען א קנעכט פון זיין פּאַסיווער געהאָרכזאַמקייט און זיין פאַרשקלאַפטער הכנעה, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקענט באַפרייען.

סאָציאַליזם, קאָמוניזם זענען פאַר אים געווען פרעמדע אומבאַקאַנטע ווערטער. ער געדענקט אפילו נישט, צי ער האָט אמאָל געהערט דיזאָזיקע ווערטער. גרעסעאַ האָט נאָכדעם דערקלערט, אז אין תפיסה האָט ער געזען מענטשן „וועלכע מען רופט קאָמוניסטן". דידאָזיקע געשמידטע חברים האָבן אים אויפגעקלערט די באַדייטונג פון דער אידעע, פון וועלכער ער איז געווען אַן אומבאַוווסטזיניקער אַגענט. זיי האָבן אים אויפגעקלערט דעם גורל פון די אַרבעטער, די גוואַלדיקע אומגערעכטיקייט און דעם אַבסורד פון א ריעושים, וואָס פאַרוואַנדלט די פּראָדוקטיווע מאַסע אין שאָף, איבער וועלכע א קליינע צאָל רייכע געוועלטיקן. זיי האָבן אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַרווירקלעכן דעם קאָמוניזם — הייסט ענדערן דעם באַרבאַרישן צושטאַנד פון זאַכן און אריינברענגען פרייהייט, ליכט, לעבן אין די מחנות פאַרפינצטערטע שקלאַפן.

„איך האָב אייך געזאָגט, הערן ריכטער, וואָסער מענטש איך בין אַמאָל געווען — האָט גרעסעאַ אויסגערופן. איצט בין איך שוין נישט דער זעלבער מענטש. די זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, האָב איך איצט באַגרייפט דורך ליידן און בין ענדלעך געוואָרן א מענטש".

ער, וועלכער האָט געקענט זייער ליכט פאַרדרייבן דעם גאַנצן ענין פאַרן טריבונאַל, שטיצנדיק זיך אויף זיין בולטער אומבאַוווסטזיניקייט, בעת ער האָט אויסגעפירט דעם אַקט, אין וועלכן מען האָט אים באַשולדיקט, האָט פאַרן מיליטער-געריכט אַרויסגעשלעפט אויף זיך א נייע באַשולדיקונג. ער האָט פרייוויליק אַרויפגעשלעפט אויף זיך די ערגסטע שטראָף, בעת ער, אַלס בויער, האָט אויסגערופן: „דער קאָמוניזם איז א פּרעכטיקע זאַך, און אויב גאָט פירט אָן מיט דער וועלט, האָט ער זיין אַנדערע אָרדענונג נישט געקענט פאַרלאַנגען".

לאָמיר אויפֿזאַמלען די ווערטער, וואָס יאַן גרעסעאַ האָט דרייסט אַרויסגעזאָגט פֿאַר די שופֿטים מיט דער פֿולער זיכער־קייט, אַז די דאָזיקע ווערטער וועלן איבער די קעפּ פֿון די שופֿטים דערגרייכן צו די ברייטע מאַסן:

— יעדעס קינד פֿון רומענישן פֿאָלק, יעדער אַרבעטער, יעדער זעלנער, יעדער האַנטווערקער — אַלע וואָס פֿאַרדינען אָרנטלעך זייער ברויט, מוזן אַריינטרעטן אין דער רומענישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אַראָפּוואַרפֿן די וואַמפּירן און פּראָקלאַמירן אַ נייעם פֿאָלקס־רעזשים!

ער איז פֿאַרמשפּט געוואָרן אויף פֿינף יאָר אויסבעסערונגס־אַרעסט. אָבער דאָ האָב איך נישט צופֿעליק גערעדט וועגן די „העכסטע שטראָף". אין רומעניע, ווו טויט־שטראָף איז אָפּגעשאַפֿט, זענען דאָ עטלעכע עצות, ווי אַזוי דעם טויט צו פֿאַרווירקלעכן אונטער די קוליסן פֿון דער אָפֿיציעלער גערעכטיקייט.

ווען בראַטאַניו, דער פּרעזיצער פֿון מיניסטאָרן־ראַט האָט זיך דערוווּסט וועגן גרעסעאַס דרשה אין מיליטער־געריכט, איז ער געוואָרן שטאַרק אויפֿגעבראַכט. נאַטירלעך האָט מען געוואָלט נושא חן זיין אין זיינע אויגן און אָפּרוימען גרעסעאַן פֿון וועג, דורכן קלאַסישן מיטל, אַז יענער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן. (נישט איין מאָל האָט מען אַרויסגעפֿירט אַן אַרעסטירטן פֿון תּפֿיסה, אים אַריינגעשאָסן אין פּלייצע און נאָכדעם געטענהט, אַז ער האָט געוואָלט אַ טליפֿן). אָבער דאָסמאָל איז זיי דער פּרוּוו נישט געלונגען. מען האָט אַלזאָ געזוכט עצות, ווי אַזוי אָפּצוּוסמן גרעסעאַן. אָבער דאָס האָט זיך זיי איך נישט איינגעגעבן. מען האָט געמוזט פּאַרווענדן בנוגע אים פֿאַרשידענע מינים ענויים. מען האָט אים אויפֿגעהערט צו דערנערן; מיט הענט און פֿיס געשמידט אין קייטן האָט מען אים אַריינגעוואָרפֿן אין אַ שמאָלע פֿייכטע צעלע, וואָס מען רופֿט אַן גערלאַ. חדשים לאַנג האָט ער דאָרט געפֿוילט.

ער האָט געמאָלדן אַ הונגער־שטרייק. אָט דאָס האָבן זיינע הענקער געוואָלט. זיי האָבן געוואָלט אים לאָזן אויסגיין

פון הונגער. אָבער די איבעריקע אַרעסטירטע האָבן זיך סאָלי־דאַריזירט מיט גרעסעאַן און אין דער זעלבער צייט אויך גע־מאָלדן אַ הונגער־שטרייק. דער תּפיסה־אויפזעער האָט געמוזט נאָכגעבן, ווייל אַ סך פאַקטן זענען אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין, ווייל אַ סך אַרבעטער אין לאַנד און אַ סך מענטשן אין אויסלאַנד זענען געוואָרן אויפגעבראַכט. דער תּפיסה־אויפזעער האָט אָפּגעשטעלט דעם שטרייק דורך פאַרשידענע הבטחות און גרעסעאַן האָט מען אַוועקגעשיקט אין שפּיטאָל. די קליינע גע־ביידע, וועלכע מען רופט אָן שפּיטאָל אין דער דאָפּטאַנער תּפיסה, איז אַ קליינער פאַמיליען־קבר, וווהין מען האָט פון צייט צו צייט געזען אַריינגיין לעבעדיקע מענטשן און אַרויס־גיין האָט מען זיי געזען טויטערהייט. איבעריקנס, האָט דער תּפיסה־דאָקטאָר אַ טבע צו מעלדן דערפון די אַרעסטירטע „מיט אַ בייזן שמייכל". דאָס האָט מיר אַן עדות דערציילט. גרעסעאַ איז נאָך נישט געשטאָרבן. אָבער ער איז משוגע גע־וואָרן. דערדאָזיקער, וועלכער האָט אין אַ העלן טאָג געהאַט די דרייסטקייט אַ וואָרף צו טאָן די בלוטיקע שויפּטים דעם אמת, וועלכן ער האָט געפונען אין זיין שייגעם פויערשן און מענטשלעכן באַוווסטזיין, איז איצט בלויז אַ געשפּענסט, וואָס באַוועגט זיך, שלעפּנדיק דעם מת פון זיין געדאַנק. . . .

. . . .

דער לייב

— האָסטו געקענט טאָדאָרן ?

ער האָט אַוועקגעלייגט אַ האַנט אויף די צייטונגען, וועלכע מיר האָבן געלייענט. ווייל מיר זענען געזעסן אין אַ צוקערניע.

— יאָ, ער איז געווען אַ מענטש.

— וואָס איז ער געווען ?

— ער איז געווען אַ מענטש.

— איך וועל דיר זאָגן, אַז איך בין געווען קאַמיטאַדזשי מיט טעאָדאָר פּאַניטצאַ. ער אָבער איז געווען אַ וואָיעוואָד. שטעל זיך פאָר, אַז אַ גאַנצע טשעטאַ איז אַוועקגעשיקט געוואָרן דורכן פּירינער קאָנגרעס, אין די געגנטן פון דראַמאַ. די מעשה איז פאָרגעקומען אין יאָר 1904. דראַמאַ — דו קענסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן — איז געווען די שמוציקסטע געגנט אין מאַצעדאָניע: טערקישע טיראַניע, גריכישע פּראָפּאַגאַנדע, גרויסע אייגנטימער, גרעקאָמאַנען, פאַררעטער און אַ געדיכטע נעץ פון שפּיאָנען. דאָס אַלץ האָט געהאָנגען אויף דער אָרעמער פויערישער באַפעלקערונג. כדי צוצוגעבן מוט האָבן די חברים צו אונדז געזאָגט: „ווען איר וועט קומען צוריק, וועט מען אייך גיין מקבל פנים זיין, אָבער איר וועט צוריק נישט קומען".

מען איז דאָרט פאַרבליבן גאַנצע צוויי יאָר, מיין טייערער. פאַר אַ באַנדע קאָמיטאַדזשיס איז עס גאָרנישט שלעכט, האַ? ס'איז דערפאַר, ווייל דער וואָיעוואָד איז געווען אַ מענטש. מיט דער הילף פון געזונטע קלעפּ, האָט ער פאָרזיכטיק אָנגעהייבן איינצופלאַנצן פּאַניק צווישן די פאַררעטער און די

שפּיאָגען. ער איז, למשל, נישט געווען ווייך פאַר קאָמבוראָון
(אָבער אין דערדאָזיקער פאַרשאָלטענער פאַמיליע זענען גע-
ווען אומשולדיקע, וועלכע ער האָט געשענקט דאָס לעבן).
בנוגע יאַנטשאָגלו האָט מען צו אים געזאָגט: „פּטר אים“.
ער האָט אָבער בעסער געוואָלט אים אויפקלערן: אַז זיין
אויפגאַבע איז נישט צו הרגענען קיין טערקן, קיין גריכן און
בולגאַרן, נאָר דאַקעגן, ער וויל זיי אַלע פאַרייניקן קעגן דער
טערקישער טיראַניע און אַז ער איז אַ פריינט פון דער אונ-
טערדריקטער מאַצעדאָניע. יאַנטשאָגלון האָט מען געוווּנען
און ער איז אַריבער אויף דער זייט פון די פויערים. נאָכ-
דעם אָרומאָאגלון, באָלגורעוון — דריי גרויסע מאַצעדאָנער
העכט.

אונדזער טאָדאָר האָט סתם אין דער וועלט אַריין נישט
געהרגעט; ער איז געווען אַ לייב, אָבער נישט קיין מענטשן-
פרעסער. ער האָט נישט געוואָלט הרגענען דאָמיר-אַגאַ,
דעם מעכטיקן ב ע י פון קאַליאַקאַוואַ, נישט געקוקט אויף
די תחנונים פון די גוטע אַלטע פאַסטוכער, וועלכע האָבן גע-
זאָגט: „הרגע אים“. דער שכל, פאַרוואָס ער האָט נישט גע-
וואָלט הרגענען און געשענקט דאָס לעבן אַזאַ נישטיקער פער-
זאָן, איז: ער וועט זיך רעוואַנשירן אויף אַן אַנדער אופן.

אָבער אָט, איינמאָל זענען מיר אַרויף אויפן פעלד, און
מיר האָבן געטראָפן אַ גאַנצע מחנה שניט-לייט. ס'איז געווען
אינטערעסאַנט צו זען, וואָסערע צרות זיי האָבן געמאַכט, בעת
זיי האָבן דערזען אַזעלכע יאַטן ווי מיר, וועלכע זענען גלייך
ווי פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן. אַלזאָ, מיר האָבן די שניט-
לייט אָוועקגעגעבן זייערע רעוואָלווערן, הגם דאָס זענען געווען
טערקן, און אויך זייער ברויט, הגם מיר זענען געווען טויט
הונגעריק. אָבער אויפצומאָרגנס האָבן טערקישע זשאַנדאַר-
מען באַגעגנט די זעלבע שניט-לייט. נישט לאַנג טראַכטנדיק
האָבן די זשאַנדאַרמען ביי זיי צוגענומען די רעוואָלווערן, דאָס
ברויט און אַלס צוליב זיי אָנגעבראָכן די ביינער. דער פועל-
יוצא: דידאָזיקע שניט-לייט זענען געקומען צו אונדז, פאַר-

גרעסערט אונדזערע רייען, און אין זייערע שטרעבונגען פאַר דער גערעכטיקער אידעע זענען זיי געוואָרן מער פאַרביסן פון אונדז.

טאָדאָר האָט אין זיין קאָפּ פאַבריצירט אַזעלכע קאָמבינאַציעס, אויף וועלכע נישט איך און נישט דו וואָלטן מיר געקענט פאַלן. ער האָט געזאָגט די פויערים: „כדי די בעיס, די גבירים און די שפּעקולאַנטן זאָלן אַזוי נישט עקספּלואַטירן, — פאַרבאַהאַלט פון זיי אַ גרויסן טייל פון אייער שניט.״ אַזוי האָבן זיי געטאָן. די תבואה איז פאַרקויפט געוואָרן די פויערים צו נידעריקערע פּרייזן, אָנשטאָט די רייכע פּרעסער זאָלן עס צונעמען. זיי זענען רויניִרט געוואָרן צוליב דערדאָזיקער קאָמבינאַציע און האָבן געמוזט פאַרקויפן זייער ערד די בויערים.

ער איז געווען אַ דערציער. אויב מען וויל זיך פּינקטלעך אויסדריקן. אַז ער פלעגט איינעם אַ פּאַק טאָן אין אַ ווינקל, פלעגט ער צו אים זאָגן: „דו ווייסט דאָ פון גאָרנישט צו זאָגן, דו ביזט אַ פּשוטע בהמה, אַלזאָ, אַלזאָ כ׳וועל דיך לאָזן לעבן. אָבער דעם געלערנטן, וואָס ראַבעוועט און עקספּלואַטירט זאָלסטו דערפאַר אַרויפטאָן אַ שטריקל אויפן האַלדז״.

ענדלעך האָבן די מענטשן צווישן זיך אַזוי גערעדט: צי דאָס זענען באמת די קאָמיטאַדזשיס, וועגן וועלכע מ׳רעדט, אַז זיי זענען באַנדיטן?

— יאָ, דיזעלבע, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט.

דערדאָזיקער, וועלכער האָט געטרייסט די אומגליקלעכע און אָנגעטריבן אַ פּחד אויף די טיראַנען, האָט פאַרקויפט זיין האָב און גוטס, געקויפט געווער און אַנדערע זאַכן פאַר זיינע חברים, און אין אַ משך פון צוואַנציק יאָר צייט האָט ער זיך איבערגעגעבן מיט לייב און נשמה דער מאַצעדאָניער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

טאָדאָר פאַניטצאַ איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דער מאַצעדאָנער אומאָפּהענגיקייט. מען ווייסט דערפון גאַנץ גוט,

אָבער ס׳איז כּדאי נאָכאמאָל דערפֿון צו דערמאָנען. ער איז געווען דער גאָט פֿון דערדאָזיקער אידעע. אין די געגנטן פֿון סערעס, און אומעטום האָט מען פֿון אים גערעדט ווי וועגן אַ נאַציאָנאַלן באַפֿרייער. אָבער אַלע, און דו אויך אין דעם צאָל וויסן, אַז דער מאַצעדאָנער רעוואָלוציאָנערער-קאָמיטעט, מיט אַלעקסאַנדראָוון, פּאַניטצען, און פּראָטאָגעראָוון אין דער שפּיץ האָט זיך געשפּאָלטן, און אַז די אויטאָנאָמיסטן, וועלכע האָבן באַקומען די איבערהאַנט, זענען געוואָרן בלינדע אינסטרומענטן אין די הענט פֿון דער בולגאַרישער אימפּעריאַליסטישער מלוכה.

אָט צוליב דער סיבה האָט מען טשאַולעוון געהרגעט אין מילאַן, ראַיקע דאַסקאַלאָוון אין פּראָג, אַלעקסאַנדראָוון האָט געהרגעט — פּראָטאָגעראָוו אַליין, און צווישן די אויטאָנאָמיסטן האָט מען געשמועסט: מען דאַרף דורכאויס הרגענען פּאַניטצען.

יאָ, ס׳איז לייכט צו זאָגן! אָבער ווי אַזוי הרגעט מען אים?

ער האָט געהאַט נישט אַזויפֿיל האָר אויפֿן קאָפּ, וויפֿל דרייסטע מעשים ער האָט אָפּגעטאָן אין זיין לעבן, און זיין געשיכטע איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. ער האָט זיך געקענט אויף אַזעלכע זאַכן. און אין ווין, וו ער האָט געווינט, האָט ער גוט אויף זיך אַכטונג געגעבן.

ער איז געווען אַזוי צוגעגרייט אויף אַלץ, אַזוי צוגעווינט צו אַלץ, אַזוי געשיקט, דער מעכאַניזם פֿון זיין קערפּער האָט אַזוי פֿלינק און גוט געאַרבעט, אַז אים פּאַקן איז נישט געווען פֿון די לייכטע זאַכן. איר האָט אים נישט געקענט איבערכיטרעווען, פּונקט ווי מען קען נישט איבערכיטרעווען אַ לייב, וועלכער איז שטאַרקער פֿון אייך און הייבט אָן צו ווערן בייזער.

צווישן די פֿאַרדעכטיקע כאַפּטעס, וואָס דרייען זיך אַרום צווישן מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטישע מיסיעס און לעבן פֿון די אונטערשטיצונגען פֿון די שטייער - צאָלער, איז געווען אַ מיידל מיטן נאָמען מעניציאַ קאַרניציו. קאַרניציו איז געווען

אַ טאַכטער פון אַן אויפגעקומענעם פּראָצענטניק. זי איז געווען אַ קראַנקע, אָבער מער מיאוס ווי קראַנק. זי איז געווען מאָגער ווי אַ שפּענדל, דאָס פּנים געשטופּלט און בלאַס, און איז געווען ענלעך צו „אַ גרויסער ווייסער מאַלפּע" — האָט געזאָגט אַ חבר, וועלכער איז געווען אַ מבין אויף אַזעלכע זאַכן.

זי האָט באַקומען אַ סך געלט און אַ סך גענויע אינסטרוקציעס פון דער ווינער מיסיע, פון איינעם אַנטאָנאָוו, וועמענס נאָמען מען דאַרף דאָ צוטשעפּען, כדי צו באַרויקן דאָס געוויסן.

זי האָט זיך אַריינגעקריגן צו דער פאַמיליע פּאַניטצאַ. מען האָט זי דאָרט אַריינגעלאָזט צוליב רחמנות, און דאָס איז געווען דער געלונגענסטער טריט, וואָס מען האָט געקענט מאַכן בנוגע אַן אומבאַזיגטן וואָיעוואָד.

איינמאָל האָט זי געקויפט אַ טעאַטער-בילעט און געזאָגט: מען האָט מיר געגעבן אַ בילעט.

זיי זענען אַלע געגאַנגען: פּאַניטצאַ, זיין ווייב, אַ שומר וועלכער האָט פון אים אויף קיין טריט נישט אָפּגעטראָטן, און די מערדערין.

דאָס האָט זי געהאַט גענומען אַ לאָזשע אין בורגער טעאַטער.

דו ווייסט דאָך מסתם, אַז אויף דער מוזיקאַלישער פּיעסע פער-גינט ווערט געשילדערט אַ געוויטער, ס׳ווערט אויף אַ רגע פינסטער אויף דער סצענע און אין זאַל. מיט איין וואָרט, ס׳ווערט פּלוצלינג פינסטער, ס׳בליצט, ס׳דונערט.

אַלזאָ, אין לאָזשע זענען זיי זיך אַזוי געזעסן: ער, נעבן אים זיין געטרייער חבר — זיין ווייב, און קאַרניציו הינטער אים. קאַרניציו האָט אַרויסגעשלעפּט אַ רעוואָלווער פון איר טאַש. כדי אַלץ ווי געהעריק דורכצופירן האָט זי געוואַרט אויפן געוויטער. מיט צוויי שאָסן האָט זי אין ביידע הענט פאַרוואונדעט דעם לייב-שומר, אויסגעשאָסן נאָכדעם אין פּאַניטצאַן, זיך אויפגעהויבן און אַנטלאָפן געוואָרן.

בעת מאַניטצאַ האָט געגוססט, האָט דער מאַן מיט די צעבראָכענע הענט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך קאַרניצען אויפעפענען־דיק די פאַרמאַכטע טיר פון דער לאָזשע מיטן פוס. מען האָט זי געפאַקט ביי דער טיר פון טעאַטער־אַרויסגאַנג.

האָסט זי געדאַרפט זען אין געריכט־זאַל. סיי פיזיש סיי מאָראַליש איז זי געווען העסלעך. פון אַלע זייטן איז זי געווען אַרומגערינגלט מיט געהיים־אַגענטן און פּאָליציאַנטן. זי איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ טראָג־בעטל מיט אַ גאַנצער כאָפּטע פעלדשערינס אַרום זיך. זי, די העסלעכע, פאַלשע האָט געשפּילט די ראָל פון אַ באַפרייערין און גלייכצייטיק פון אַ קראַנקער, וואָס קען זיך נישט האַלטן אויף די פיס — זי וועלכע איז אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט גאָלד דורך צאַנקאָווס דיפּלאָמאַטישע קנעכט און וועמעס נשמה איז געווען מער פאַר־פוילט פון קערפּער.

בעת מיין חבר האָט אַזוי גערעדט, האָט ער מיר באַוויזן אַ נאָטיץ אין אַ צייטונג: „אין ווין איז מעניציאַ קאַרניציו פאַרמשפּט געוואָרן אויף אַכט יאָר תּפיסה, אָבער זי איז באַפרייט געוואָרן צוליב איר געזונט־צושטאַנד. אין בולגאַריע האָט מען איר געמאַכט אַן ענטוזיאַסטישן קבלת־פּנים, און זי האָט גענומען אָנטייל אין אַ סך מיטינגען, וווּ מען האָט זי באַגריסט ווי אַ שאַרלאָט קאָרדע פון בולגאַריע.

אָט וויאַזוי ס׳ווערט געשאַפן און איבערגעשאַפן די געשיכטע, און אָט וויאַזוי מען שרייבט געשיכטע.

ס'איז געווען אַ מלך.

ס'איז אַמאָל געווען אַ יונגער פּרינץ, וועלכער איז געווען גליקלעך.

ער איז געווען גליקלעך, ווייל ער איז געווען יונג. נאָך מער איז ער געווען שיין, רייך און איז געווען באַרימט. ער איז, באמת, געווען אַ זון פון אַ מלך. און יעדן טאָג איז דער רום פון דעמדאָזיקן מלך געוואַקסן, פּשוט דערפאַר ווייל ער איז געזעסן אויפן טראָן.

זיין מאַמע, די מלכה, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט שרייבן, האָט געהאַלטן אַז זי איז אַ זשעני. אַזאַ מיינונג האָבן לפּחות וועגן איר געהאַט די עלעגאַנטע לייט און די הערן קריטיקער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר גרויסע מבינים.

דער יונגער פּרינץ האָט זיך מיט ליטעראַטור לגמרי נישט אינטערעסירט. ער האָט געלעבט.

ער איז געווען אַן אמת קינד פון זיינע אבות, און ער האָט געגעבן לעקציעס זיין איידעלער מוטער.

ס'איז בעסער הולטייען, ווי פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק. די טראָן-פאָלגער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּאָליטיק, קלינגען, פּאַרטומלען דעם קאָפּ זייערע מאַיעסטעטישע עלטערן, מאַכן אַ מהומה צווישן די רעזשיסערן און מאַשיניסטן פון די מלוכות, דאָס הייסט צווישן די מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן.

מען וועט זאָגן: ס'זענען פאַראַן איידעלע גייסט-באַשעפ־טיקונגען, אזוי סתם נוצלעכע אַרבעטן... אָבער דאָס דאַרף מען

דאָך ליב האָבן, מען דאַרף זיין אַ מאַניאַק, כדי אַזעלכע זאַכן צאָלן געפעלן ווערן.

דער פּרינץ האָט אַלזאָ ליב געהאַט צו הולטייען. נאָר לעבן אַ טאָג! ער האָט ליב געהאַט די נידעריקסטע פאַרוויי־לונגען.

מיט זיין שמייכלדיק פּנים און מיט זיין שיינער פיגור האָט ער ליב געהאַט צו פאַרפירן יונגע מיידלעך און יונגע ווייבלעך און נאָכדעם זיי אויסשטעלן אַ פייג. אין דער הייסער רגע האָט ער זיך געשווירן אין אייביקע ליבע יעדעס אָרעם עזן, וועלכעס האָט קיין שום אַנדער זאַך נישט געהאַט, ווי יוגנט, קערפּער און האַרץ. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף פרויען־יאַגד, ווי מען לאָזט זיך אויף זשאַוואַראַנקלעך. ער האָט זיי פאַרצוקט נאָך איינאַנדער און באַפרידיקט זיין גייציקע תאווה.

זיין פאַך פון אַ יעגער, האָט ער אויסגעאיבט נישט בלויז איבער די הויף־דאַמען און איבער די דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט. ער האָט ליב געהאַט שיינע מיידלעך פון פאָלק. ער האָט באַוויליקט אינקאָגניטאָ זיך אַרויסצולאָזן איבער די פאָלקס־קוואַרטאַלן פון זיין הויפּטשטאָט: אפשר וועט זיך דאָרט עפּעס מאַכן. אַרון־אַל־ראַשיד האָט אויך געטאָן דאָס זעלבע, אַזוי דערציילט אונדז אַ לעגענדע פון טויזנט־און־איין־נאַכט. אַ פאַרשטעלטער פלעגט ער זיך אַרויסלאָזן איבער די גאַסן פון באַגדאַד, כדי צו דערגיין, וואָס זיינע אונטערטעניר טראַכטן וועגן אים, אַלס אַ סולטאַן. דער פּרינץ האָט נאָר געזוכט פרויען און זיין נייגעריקייט איז געווען אַ פּערזענלעכע.

ער האָט אָפּגעריסן אַ סך הערצער, וועלכע זענען נאָכדעם פאַרוויאַנעט געוואָרן. די פּריצים און באַזונדערס, די הויכע לייט פלעגן עס אַמאָל טאָן גאַנץ אָפן. היינט פאַרבאַהאַלטן זיי זיך. דאָס איז דער דעמאָקראַטישער פּראָגרעס.

אין אַ סביבה פון דער שטאָט האָט געוווינט אַ שיין, יונג ווייבל, וועלכס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר מאַיעס־טעטיש אויסזען. און אַ נייע אידיליע האָט זיך אָנגעהייבן

אויף די חורבות פון די פריערדיקע.

דאָסדאָזיקע מאָל האָט זיך די פּאַסירונג אַביסל פאַרצויגן: בלויז עטלעכע טעג. דער מאַן, וועלכער איז געווען אַ קיילער האָט געוואָרפן אַ חשד אויף זיין ווייב, נאָכדעם האָט ער אַנט-דעקט די גאַנצע אינטריגע. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער פּרינץ האָט שטאַרק ליב געהאַט אַוואַנטורעס, און ווּיסנדיק, אַז ער שטייט אויסער יעדער געפאַר, פלעגט ער נישט אָננעמען קיין שום פאַרזיכטס-מיטל.

דער מאַן איז געווען אַ גוטער אַרבעטער, און האָט ליב געהאַט זיין ווייב. ער האָט דעם ענין גאַנץ פשוט אויסגע-טייטשט: אַז דער אומבאַקאַנטער, וועלכער דרינגט אַריין צו אים אין שטוב איז אַ פּשוטער גנב. און אָט, איינמאָל איז דער מאַן אויסגעוואַקסן ווי פון דער ערד און האָט אָנגעהייבן מכבד צו זיין דעם שיינעם יונגנמאַן.

ס׳וואָלט געווען זייער פּאַסקודנע מיט אים, ווען ער וואָלט נישט געווען קיין פּרינץ. שטעלט אייך פאָר דאָס בילד: פיר הענט פון אַן אָרעם דירהלע, אַן אומגליקלעכע פרוי פאַרשטעקט אין אַ ווינקל מיט די הענט אויף די אויגן און דער פשוטער פאָלקס-מענטש רעכנט זיך אָפּ, נעמט נקמה.

אָבער מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַזאַ טייערער קייזער-לעכער אָרגאַניזם געפינט זיך קיינמאָל נישט אין זיין אייגענעם רשות, אויס מורא ס׳זאָל מיט אים עפּעס נישט פּאַסירן. תמיד געפינען זיך אַרום אים באַשיידענע קרעפטיקע פאַרשוי-נען-בולדאָגן געקליידט ווי מענטשן, וועלכע גייען טריט ביי טריט נאָך זייער באַלעבאָס, ווי זיין שאָטן. תמיד זענען זיי נאָכגעגאַנגען זאַלבעצווייט. אויף עטלעכע טריט פון אים, דאָ אויף דער גאַס, דאָ ביי אַ טיר און פלעגן אָנשפּיצן די אויערן, כדי אין אַ עת-צרה אַרויסצוראַטעווען די הערשנדיקע דינאַסטיע.

דערהערנדיק אַ גערויש, האָט איינער פון די צוויי מיט דער פלייצע אויפגעבראָכן די טיר, ביידע האָבן זיך אַריינגע-ריסן אין צימער און מיט די פויסטן זיך געוואָרפן אויפן אַר-בעטער.

ווען ביידע אַגענטן זענען אָנגעפאַלן אויפן אַרבעטער, איז דער פּרינץ געקומען צו זיך, פאַרדרייכערט אַ ציגאַר און אָנגעהייבן צו לאַכן אים אין פּנים אַריין.

ס'האָבן אים געוויילט די געוואַלדן פון אַרבעטער, וועלכן די אַגענטן האָבן געהאַלטן שטאַרק מיט זייערע לאַפּעס.

זיי האָבן אים געוויילט. אָבער דער אמת, וואָס דער אַרבעטער האָט אים געוואָרפן אין פּנים אַריין, האָט אַ שטאָך געטאָן זיין קייזערלעכן האָנאָר.

ער האָט אַרויסגענומען זיין ציגאַר פון מויל און די ברענענדיקע טייל אַרויפגעלייגט אויף דער נאָז פונם געקרייצטן אַרבעטער, פאַמעלעך און ווירדיק, בעת ביידע קרעפטיקע אַגענטן האָבן אים געצוווּנגען צו שטיין אומבאַוועגלעך צווישן האַרץ־רייסנדיקע געשרייען.

נאָכדעם איז דער פּרינץ גאַנץ רויק אוועק אין זיין קייזערלעכן פּאַלאַץ.

וועלכע זענען די ערגסטע יסורים?

רעדנדיק צום לעצטן מאָל וועגן די רומענישע תפיסות, האָט געזאָגט קאַטאַרעאַו, אין כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס שרעקלעכסטע זענען די קייטן.

זיי זענען שווער, זיי זענען קאַלט, זיי רוישן. דאָס האָט זיך צו דיר צוגעטשעפּעט אַ חיה — און דו שלעפּסט זיך מיט איר. דידאָזיקע חיה זויגט אויס פון דיר דאָס איבערגעבליבענע פון דיינע קרעפטן. בלייבסטו אומבאַוועגלעך — קוועטשט זי; גייסטו — בייסט זי זיך אויף יעדן שריט.

געוויינלעך זעסטו נישט דיינע קייטן, ווייל דו לעבסט אין צעלעס און אין קאָרידאָרן, וווּ ביינאַכט איז שטאַרק פינסטער און בייטאָג איז אָוונטצייט. אָבער בשעת מען פירט דיך איבער אין אַ נייער תפיסה, אָדער מען פירט דיך צום אינספּעקטאָר, צום ריכטער, דעמאָלט זעסטו די שוואַרצע קייטן-פּאַרזעניש, דיין אינטימע פּאַרזעניש, וועלכע איז אַרומגעדרייט אַרום דיין לייב און וועלכע האָט זיך איינגעגעסן אין דיינע האַנט-געלענקען און קנעכל מיט אירע פיר פּרעסערס.

מיינע קייטן זענען דאָרט פאַרבליבן, אָבער דאָך לעבן זיי. דורך דער וואַנט האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ פינטעלע אינם שכח, אויפן רומענישן טראַנט. פיר פנימער האָבן אַ קוק געטאָן אין דערזועלבער ריכטונג. און ער האָט געזען זיינע קייטן, זיינע לעבעדיקע קייטן אויף אַ נייעם גוף, וואָס דרייט זיך און מאַטערט זיך אין זיי. און זיין פנים, וועלכעס איז מיט אַ רגע פריער געווען לוסטיק דערפון, וואָס ער איז אויף דער פריי, איז איצט פאַרטריבט געוואָרן; און דערדאָזיקער פעסטער מענטש, וועלכער האָט אַמאָל אָנגעשפּיגן אין פנים

אריין אַ פּאָליציאַנט, ווייל ער האָט מיט אַ מעסער געריסן זיי-גע נעגל, האָט זיך איצט פּאַנאַנדערגעוויינט ווי אַ קליין קינד.

דאָס אָרט איז ניִשט ווייט פון דאַנעץ און פּאַסירט האָט עס מיט אַ קורצע צייט צוריק. ווייל איצט האָבן מיר זיך גע-פונען אין טערקיי, און דידאָזיקע פינף מאַן זענען אַנטלאָפן פון רומעניע און פאָרן קיין רוסלאַנד.

פונקט ווי די, וואָס כאַפּן זיך אויף פון אַ טיפן קאָש-מאַר, אַזוי האָבן זיי פראַגמענטנווייז דערציילט וועגן זייער קאָשמאַר, פון וועלכן זיי זענען על-פי-נס אַנטלאָפן געוואָרן. מען האָט געקענט מיינען, אַז אינם קליינעם הייזל פון ערידגע קאַפּרו, קומט פאָר אַ דאָרפישע פאַרזאַמלונג, ווו יעדערער דער-ציילט זיין שרעקלעכע געשיכטע און זיין געשפענסט.

איך האָב זיי אויסגעהערט. איך האָב געוווּסט, אַז אַלץ וואָס דידאָזיקע פּלטים האָבן דערציילט איז אמת. איך האָב זיי אויסגעהאָרכט און זיך צוגענומען אין זכרון דאָס, וואָס קומט פאָר אין אייראָפּע אין 1926 יאָר, כדי דערנאָך קענען רעדן דערפון.

* *

*

— יאָ, די קייטן. אָבער ס'איז נאָך פאַראַן עפּעס ער-גערס, — האָט ספּירידאָן געזאָגט.

די שטייג.

די שטייג, דאָס איז אַ מין זייגער-קאַסטן, ווי באַזיל ספּירו זאָגט. דאָרט פאַרמאַכט מען דיך שטייענדיקערהייט. אַ זייגער קען כאָטש באַוועגן מיט זיין אומרו, בעת דו קענסט אפילו ניִשט רירן מיט אַ פוס, און דו שטייסט דאָרט, ווי אַ הילצערנער זעלנער. ס'איז גלייכצייטיק אַ תפיסה, אַ משוגעים-העמדל, אַ טרומנע און אַ פּאַנצער.

די אַלע מעשיות זענען שוין באַקאַנט, אָבער ספּירידאָן האָט אונדז געגעבן אַ נייַ בילד. ער האָט דערביי געציטערט און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער רעדט מיט זיינע אַלע

אברים. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז מען לעבט עס איבער און דעריבער איז מען געווען שלעכט געשטימט.

די פאַרבלייבסט אין דעם קעסטל צען טעג. עסן באַקומסטו וואַסער און שטיקלעך מאַיס־ברויט, צייטנווייז גאָר־נישט: מען פאַסט. אויפן דריטן טאָג ווערן די פיס אָנגע־שוואָלן, און די געשווילעכץ וואַקסט. די קייטן שניידן דעמאָלט און עסן זיך. איין אינם לייב. צייטנווייז מאַכט מען מיט אייך אַזוי: מען נעמט אייך אַרויס און אַז איר רוט זיך אָפּ אַ טאָג, ליגנדיק אַ צעבראָכענער אויף דער ערד, טוט מען אייך דאָרט ווידער אַריין אויף אַ צען טעג. אַזוי האָט מען עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד זיך באַגאַנגען מיט מאַקס גאָלדשטיין. אָט ער, האָט געהאַט אַ געמאַטערט לעבן און ער האָט געמוזט אָנווענדן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי צו שטאַרבן!

* *

*

— און די גערלע? — האָט זשאָן געזאָגט. די גערלע! דאָס איז אַ לאָך אין אַ שטיין. אויב דו שטייסט דאָרט, שטעקסטו אַרויס מיט דיין גאַנצן ביוסט. דו מוזט דאָרט פאַר־שווונדן ווערן אַזוי, אַז דו זאָלסט זיך אויסגלייכן מיט דער ערד און אָננעמען די פאָרם פון אַ זשאַבע. אַלזאָ מען שטופּט דיך, מען קוועטשט דיך, מען שמידט דיך מיט קייטן, וועלכע זענען צוגעפעסטיקט צו דער וואַנט, ביז וואַנען דו פאַר־שטאָפּסט די לאָך.

דאָרט פאַרבלייבסטו פון 3 ביז 12 חדשים, און דריי מאָל אין דער וואָך באַקומסטו דעם פאַרשטונקענעם געליכט פון באַ־בעס און ווערעם. אָפטמאָל גיסט מען אַריין וואַסער אינם לאָך, נישט ביזן זוים, ווייל דו קענסט נאָך דערטרונקען ווערן, און דו וועסט נאָך, חלילה, אויפהערן צו ליידן.

ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אין אַ שפּיגל, נאָכדעם ווי איך בין פון דאָרט אַרויסגעגאַנגען — האָט געזאָגט זשאָן, — האָב איך דערזען אַ זקן, ענלעך צום אָרעמען ברודער פון מיין טאַטן.

זעסטו, האָט ער פאַרענדיקט, ווענדיקנדיק זיך צו אַלע־מען, איך האָב פיינט אַז מען ווידערשפּרעכט מיך. אָבער אויב ס׳וואָלט זיך געפונען עמ־צער, וועלכער וואָלט צו מיר אויס־געדופן: די ביסט אַ געמיינער ליגנער, און ער וואָלט מיר גע־זאָגט פּאַרוואָס, וואָלט איך אים געזאָגט אַ דאַנק!

* * *

אָבער ווירזשיל האָט אויפגעהייבן זיין שטימע און דער־ציילט מיט אַ העלישן ניגון:

— ס׳זענען נאָך דאָ ערגערע זאַכן, ערגער נאָך ווי די קלעפּ מיט אַ האַמער איבער אייערע ביינער, ערגער נאָך ווי דאָס רייסן און צופּן די הויט, וועלכע פאַרענדיקן זיך עטוואָס פריער איידער מען טויט אייך (ווייל דערין זעען זיי אַ מיטל ווי אייך צו טויטן כסדר עטלעכע מאָל).

ס׳איז דאָ אַזאַ קרענק, וועלכע מען פירט אַריין אין אייער לייב.

— די שטייג און די גערלע גאַראַנטירן אייך טובערקו־לאָז — האָבן זיך אָנגערופן ספּירידאָן און זשאַן.

— איך וויל רעדן וועגן דער מחלה, וואָס מען פאַר־שפּרייט דירעקט, פונקט ווי מען פאַרשפּרייט קלעפּ פון אַ שטעקן. איך וויל דאָ רעדן פון אויסשלאָג־טיפוס, כדי געבן אים זיין אמתן נאָמען. יאָ, דאָרט באַנוצט מען אויך דעמדאָזיקן מיטל, כדי צו צוימען די רומענישע פּאָליטישע אַרעסטירטע. ס׳איז אַזאַ מין מיטל, וואָס מען זעט נישט און וואָס מען דרינגט אַריין אומעטום.

דאָרט געפינט זיך איין תפיסה, וועלכע איז דורכגעוועבט און דורכגעפּוילט פון דעדדאָזיקער מחלה. ס׳איז גאַלאַטער תפיסה. איבעריקנס, האָט דערפון געשריבן די בורזשואַזע פּרע־סע, און אַז די בורזשואַזע פּרעסע שרייבט פון אַזעלכע זאַכן, קען מען זי גלויבן. דאָרט שוויצט, פּליסט און ס׳רעגנט מיט טיפוס. דער טיפוס לויערט אונטער דער קאָרע פון דער ערד,

אונטער דער הויט פון די הענט, אין דער פעסטקייט פון די ציפּן, אינם האַרץ פון די ביינער.

די טיפוס-קראַנקע זענען, פאַרשטייט זיך, אויסגעמישט מיט אַנדערע קראַנקע. די לייז, וועלכע זויגן זייער בלוט מוזן תמיד האָבן וואַרעם בלוט, דעריבער מוזן זיי זיך נעמען צו לעבעדיקע, נאָכדעם ווי מען באַגראָבט זייער טויטן באַלעבאָס.

די זעסט, דאָס איז אַזאַ שפּיצל פונם רומענישן געזעץ, וועלכער האָט סקאַסירט טויט-שטראָף. וואָס ווילסטו מען זאָל טאָן מיט די לייז, מיט די מיקראָבן-הענדלער? און די ווערסט באַשאָטן מיט גאַנצע פּאַכן, און דיין הויט איז ווי אַ צייטונג, ווי די אותיות באַוועגן זיך.

סימיאָן, דער איינאויגיקער איז זייט ביי זייט מיט אונדז געלעגן דריי וואָכן אָן באַוווסטזיין. ער האָט זיך אויסטערליש באַוועגט און גערעדט פון וועג פון אינדערפרי ביז ביינאַכט און פון ביינאַכט ביז אינדערפרי.

— דאָס זענען מאָגן-קאָנווולסיעס, ווי דער דאָקטאָר האָט זיך אויסגעדריקט. און ער האָט אים געגעבן רומיאַנעק און אָפּפירונגס-מיטלען.

מיר, פינפאונצוואַנציק אַרעסטירטע אין דערזעלבער צעלע, האָבן געוווסט, וואָס דאָס באַדייט. שעהנלאַנג האָבן מיר זיך צוגעקוקט אויף דעם שמאַטע-בערגל, וואָס האָט זיך באַוועגט און געקרעכצט מיט די גרעסטע מענטשלעכע אָנשטרענגונגען אויף די מיסט-מאַטראַצן, וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געביטן. ס'איז געווען אַזאַ געדיכטער גערוך, אַז ס'האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי מען וואָלט דעמדאָזיקן גערוך געקענט אָנרירן מיט די פינגער.

נאָך אַכט טעג האָט איינער בעהאַט די דרייסטקייט זיך צו ווענדן צום הויפּט-אויפזעער:

— ס'וואָלט געווען אַ יושר, מען זאָל סימיאָנען אוועקנעמען אין אַ באָד.

דער אויפזעער איז געוואָרן רויט ווי אַ חולקאַן.

— א באַד! גאַנצע פיגף יאָר האָט ער זיך באַגאַנגען אָן א באַד — האָט שרייענדיק אָפּגעענטפערט דער מושל און מיטן זעלבן טאָן האָט ער מוסיף געווען: ס׳זענען דאָ אין תפיסה אַזעלכע, וועלכע האָבן זיבן יאָר קיין באַד נישט אָנגעזען און פילן זיך גאַנץ גוט. חוץ דעם, איז עס נישט אייער עסק!

אָט וועל איך אייך שילדערן דאָס גאַנצע בילד: געקליידט זענען מיר אין שמאַטעס, וואָס מיר האָבן געירשנט ביי די אַרעסטירטע, וועלכע זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער ערד. אונדזער עסן באַשטייט פון אָביסל וואַסער, אַזוי צו זאָגן, טיי, קאַלטע קאַשע, א וואַרעמע זופּ מיט פאַרפוילטע אומגעוואַשענע בעבלעך; מיר האָבן א דאָקטאָר, וואָס האָט נישט געוואָלט זיין קיין דאָקטאָר, געזויגן ווערן מיר דורך פאַרסמטע ווערעם. אָנגעלייגט אויף אײנאַנדער. אָט ביי אַזעלכע באַדינגונגען קומט אונדז אויס אויסצומיידן די טויט-פּעסט.

צייטנווייז האָפּט מען; ס׳פּליען אריין אַזעלכע משוגענע געדאַנקען אין קאָפּ! אָבער הויפּטזעכלעך האָבן מיר מורא געהאַט. מיר האָבן געהאַלטן אין איין קריצן מיט די ציין, ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער בויך איז דורכגעשטאָכן, און דאָס גערוך פון סימיאָנס געלעגער האָט אויף אונדז אָנגעטריבן א פּחד פֿי דער טויט אַליין.

סימיאָן איז איינמאָל ביינאַכט געשטאָרבן.

דעם נעכסטן טאָג האָט מען פון אונדז אַראָפּגעצויגן די זאַכן, כדי זיי דעזינפעקצירן. וואָס האָט געקענט העלפן אַזאַ צערטלעכקייט, בעת מען האָט געדאַרפט האָבן א שרפה אָדער א מבול, בלויז אויף אויסצורייניקן אונדזער צעלע!

ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די שומרים און דער גאַנצער תפיסה-פּערסאָנאַל האָבן זיך אויפגעהערט דערנענטערן צו אונדז. זיי האָבן אונדז אויסגעווייכט. זיי זענען נעלם געוואָרן. די דינערשאַפט איז פאַרביטן געוואָרן מיט זעלנער, וועלכע ווי איר ווייסט, טויגן צו אַלץ.

די זעלנער זענען אויך געווען אַזוי צו זאָגן געפּאַנגענע, קינסטלעך פאַרשיכורט. זיי האָבן אַראָפּגעשלעפּט סימיאָנען

פון זיין בעט, פארשמירט אים מיט קאַלך, נאָכדעם באַגראָבן.

דעמזעלבן טאָג איז פאָרגעקומען אָט וואָס: וואַסילי דער באַנדיט, פעדאָר, דער קעשענע־גנב און וואַסיאַ א פּאָליטישער זענען פלוצלינג קראַנק געוואָרן.

קיינער האָט זיך מיט זיי נישט אָפּגעגעבן. קיין אויפ־זעער, ווי איך האָב געזאָגט, האָט מען מער נישט אָנגעזען. זיי האָבן זיך געהאַלטן פונדערווייטנס, — די שפּינען פון די געפאַנגענע.

דער צושטאַנד פון די קראַנקע האָט זיך פאַרערגערט. און אין צעלע האָבן די דריי קראַנקע אָנגעהייבן צו שרייען. יעדער איינער האָט פון וועג געפלוידערט פאַרשידענע שטיק־לעך פון זיינע ערדישע יסורים. וואַסיאַ, וועלכער איז פאַר־משפּט געוואָרן דערפאַר, ווייל א באַאַמטער האָט געוואָלט ביי אים אָוועקרויבן א שטיק ערד און ער האָט נישט געוואָלט געבן (דאָס רופט מען אָן פּאָליטיק), האָט געשריגן: „רעכט, אין רעכט!" וואַסילין האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער איז אַרומ־גערינגלט פון אַלע זייטן מיט זשאַנדאַרמען, האָט ער זיך מיט גרויסע געוואַלדן אָפּגעשלאָגן און געדופן צום גרויסן גאָט פון די באַנדיטן, ער זאָל אים געבן כּוחות. וואָס שייך דעם גנב פעדאָרן, האָט ער מיט יללות באַשולדיקט זיין חבר, דעם פּאָ־ליצײ־קאָמיסאַר, וועלכער האָט תּמיד ביי אים גענומען לאַ־יהרץ געלט (לויטן מנהג אין רומעניען) — און וועלכער האָט אים באַשווינדלט ביי דער החלטה.

נאָכדעם האָבן זיי זיך באַרויקט. ווייל אויפן זעקסטן טאָג זענען זיי שוין אַלע געווען באַשמירט מיט קאַלך און מען האָט זיי אַראָפּגעלאָזט אין דער ערד.

און מיר אַלע, שטאַרק אָנגעשראָקן, האָבן מיר געוואַרט אויף אונזער משפּט.

נאָך זעכצן טיפוס־פאַלן זענען פאָרגעקומען אין גאַלאַ־טער תּפיסה. דערפון האָט מיר ספּירו דערציילט, און ער דער־ציילט קיינמאָל נישט דאָס, וואָס ער זעט נישט און אין וואָס ער איז נישט איבערצייגט.

איינער אַ פֿויער מיט גרויע האָר האָט מיט אומגעדולד געוואַרט ביז ס'וועלן זיך פֿאַרענדיקן די פֿופֿצן טעג, וועלכע ס'זענען אים פֿאַרבליבן אָפּצוזיצן. פֿופֿצן טעג זענען נישט קיין סך. אָבער דאָך דריקן זיי... און אָט זענען אים בלויז פֿאַרבליבן דריי טעג. פֿאַרן באַפֿרייען זיך האָט מען אים אַריינגעזעצט אין אַ מין ווייסן טויג, וואָס ברענט ווי פֿייער.

דער קאָמענדאַנט קאָנסטאַנטין סטרנאַט, דער הויפּטפּאַטוואָלטער איבער אַלע רומענישע תּפֿיסות האָט, קומענדיק פֿון בעסאַראַביע, זיך דערוווּסט, אַז די טיפֿוס-עפּידעמיע האָט אָנגענומען אומגעהויערע פֿאַרמען.

ער האָט זיך דערשראָקן. אַ געפֿערלעכע מעשה! ער האָט תּיכּף געגעבן אַ דרינגענדע דעפּעשע קיין גאַלאַטאַ מיט אַ פֿאָלגנדיקן אינהאַלט: „ביז אַ נייער פֿאַראָרדענונג זאָל מען אויף מיינע פֿעלדער נישט שיקן קיין אַרעסטירטע פֿון גאַלאַטאַ“.

ווייל ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז מען דאַרף אָננעמען פֿאָרזיכטס-מיטלען קעגן דער פּעסט.

* *

*

דאָ האָט טעאָדאָר גענומען דאָס וואָרט, כּדי פֿון זיין זייט באַווייזן עפּעס ערגערס, וואָס ער, אַלס אַרעסטירטער האָט געוווּסט. ער האָט אָנגעהויבן זיין דערציילונג בזה הלשון:

— יאָ, אין זשיליאַווער תּפֿיסה האָט מען אונדז געהרגעט, געשלאָגן און איינעם נאָכן צווייטן טראַנספּאָרטירט אין מתים-שטיבל. אָבער אומגליקלעך זענען מיר געווען נישט צוליב די יסורים און ענויים, נאָר דערפֿאַר ווייל מיר האָבן צו זיך געזאָגט: אונדזערע קולות האָט מען דערשטיקט. און נישט נאָר אונדזערע, נאָר אויך אַנדערע, דאָרט. (אַז מען הערט גאָרנישט מיינט מען, אַלץ שווייגט.) מיר זענען פֿאַרמשפּט אויף פֿינף יאָר, צען יאָר, אָדער מער. דאָס הייסט, גאַנץ פּשוט, פֿאַרמשפּט אויף טויט. די רעוואָלוציע, וועלכע האָט געדאַרפֿט זיין די דערלייזונג פֿאַר די אָרעמע, צי איז זי נישט אַריינ-

געזעצט אין תפיסה און פארמשפט צום טויט צוזאמען מיט אונדז: אלזא, אלץ, די גאנצע עקשנותדיקע ארבעט, וואס איז אפגעטאן געווארן, אפילו די ליבע צום ווייב און קינד, פון וואס מיר האבן זיך אפגעזאגט, דער גאנצער חלק ערדישער גן-עדן, וואס מיר האבן אוועקגעגעבן און אזוי פיל יסורים — אלץ איז פארלוירן געגאנגען.

אט וואס יעדערער האט צו זיך אליין געזאגט, הייל רעדן צווישן זיך וועגן אזעלכע זאכן האבן מיר נישט געקענט, ס'איז געווען אוממעגלעך, אבער מיר האבן געוווסט, אז יעדערער האט אזוי געטראכט.

מיט איין ווארט, דאס פייער איז אין אונדז אויסגעלאשן געווארן. מיר זענען אראפ אויף דער מדרגה פון חיות, וואס ליידן. אונדז האט בלויז אינטערעסירט דער רעזשים פון דער תפיסה און די באהאנדלונג.

נישט לאנג געטראכט, האבן מיר געמאלדן א הונגער-שטרייק. פשוט גערעדט, מיר האבן שוין געהאט גענוג און מיר האבן געזאגט: האלט! און דאס מאל האבן מיר עס געזאגט בקול-רם. ערגער ווי איצט קען שוין מער נישט זיין. און אויב מען דארף שוין יא שטארבן, איז שוין בעסער צו שטארבן פון אייגענעם ווילן, איידער פון זייערע הענט. לאמיר, לכל-הפחות, צונעמען ביי זיי דעמדאזיקן פארגעניגן.

אין א משך פון אכט טעג, האבן מיר אויף אכציק מאן געפירקט זיי זאלן נישט נעמען אין מויל אריין דאס געמיינע עסן, וואס דערלאזט נישט די ארעסטירטע זאלן שטארבן פון הונגער.

דערדאזיקער הונגער-שטרייק האט געזיגט.

ס'איז א חידוש וואס מיר האבן אויף אזא אופן געזיגט. קעגן אלע דערווארטונגען האט דער קריגס-מיניסטער ראשקאני נאכגעגעבן. ער האט אונדז געגעבן גרויסע הנחות: ארויסגיין אויף א שפאציר, לעזן רעגירונגס-צייטונגען, נישט שלאגן, און נישט זעצן אין קארצער אן שום סיבה...

- צו גוט, האבן אייניקע צווישן זיך גערעדט.

אָבער אַנדערע האָבן געזאָגט:

— זיי האָבן מורא, און נאָכדעם, ווער ווייסט, אפשר איז די אַרבעטער-פּאַרטיי געוואָרן פעסטער, אפשר האָט זי באַקומען מער איינפלוס!..

אין אַפּריל האָט אונדז דער תּפיסה-פאַרוואַלטער אויפגעקליבן און געזאָגט:

— דעם ערשטן מאַי פאַלט אויס פּסח פון אונדזער הייליקן קלויסטער. איר וועט באַקומען פליייש, קוכן און וויין.

און ער האָט אונדז געמאָלדן דידאַזיקע נייס: קריסטוס איז אויפגעשטאַנען תּחית-המתים!..

— אַ דאַנק, האָבן עטלעכע איראָניש זיך אָנגערופן.

קענטיק, אַז ער האָט עס נישט געהערט, ווייל ער האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דער ערשטער מאַי איז אויך דער יום-טוב פון אַרבעט. איר קענט זיך פייערן אייער יום-טוב. איר קענט דורכפירן אייער צערעמאָניע לויט אייער פאַרשטאַנד. דעם גאַנצן ערשטן מאַי זינגט און רעדט, וויפל איר ווילט אַליין!

דער וואָס האָט צו אונדז אַזוי גערעדט איז געווען דער שטעלפאַרטרעטער פון די תּפיסה-רוצחים, דער קאָמאַנדיר אַרגיר. דידאָזיקער נאָמען רעדט שוין פאַר זיך אַליין.

זיינע ווערטער האָבן געקלונגען זייער אויסטערליש, אָבער אויסטערלישער איז געווען דאָס, וואָס זיי זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן. מען האָט אונדז אַליין בעלאָזט אָרגאַניזירן דעם יום-טוב פון ערשטן מאַי. פּונקט ווי מיר וואָלטן געווען אין אונדזערע היימען, אין אַ פרייער לאַנד.

דעם ערשטן מאַי האָט מען אין זשילאַווא געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. מען האָט געהאַלטן דרשות. מען האָט באַקומען דעם איינדרוק פון אַן אמתן מיטינג. מען האָט געאַרגאַניזירט אַ קאָמיטעט, רעדנער האָבן גערעדט קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און דערקלערט די באַדייטונג פון ערשטן מאַי פאַר

אין אודיטאָריום פון פּאָליטישע אַרעסטירטע, וועלכע האָבן זיך אויפגעזאַמלט אויפן הויף.

מען האָט איינשטימיק אָנגענומען אַ טאָג-אָרדענונג און ענדלעך האָט מען געזונגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. און די זעלנער, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן וואַל, אַכט מעטער די הויך איבער דער זשילאָווער תּפיסה, האָבן אַלץ אויסגעהאָרכט און געשטוינט איבער דעם געזאַנג, וואָס האָט געקלונגען פון די קבֿרים אַרויס.

נאָכדעם איז די נאַכט צוגעפאַלן און מען האָט אונדז פאַרשלאָסן אין דיזעלבע צעלעט, וווּ מיר האָבן זיך נאָך דעמ-דאָזיקן טאָג געפילט אַ סך ערגער. ס'איז דערפאַר, ווייל דער טאָג איז פאַר אונדז פאַרלענגערט געוואָרן, און מיר האָבן געזען אַ הימל מיט שטערן, וואָס מיר האָבן שוין יאָרן נישט אָנגעזען און וואָס מיר האָבן נישט געדאַרפט זען.

טעאָדאָר איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— און נאָכדעם?

— נאָכדעם גאָרנישט. ס'איז געווען פּונקט ווי פריער. און אַזוי־ווי ס'איז געווען ווי פריער, איז נאָך דעם יום־טובֿ געווען אַ סך ערגער, איר פאַרשטייט?

מען האָט איינגעפירט אין תּפיסה דעם פריערדיקן רע-זשים. אַלע הבטחות האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט. מען האָט גאָר אָנגעצונדן דעם פייער, וואָס האָט אין אונדז גע-צאַנקט, און נאָכדעם ווידער חושך, איינזאַמקייט, שטילקייט — נישט רעכענענדיק די קלעפּ און די אומגערעכטיקייטן. איך חזר אייך איבער, אַז אונדזער לאַגע האָט זיך פאַרערגערט. איך האָב עס פאַרשטאַנען דעמאָלט, ווען ס'האָט זיך צוריקגעקערט דער אַלטער רעזשים נאָכן ערשטן מאַי.

מען דערציילט, אַז אין די צייטן פון דער אינקוויזיציע, פלעגן די אינקוויזיטאָרן באַנוצן בנוגע די אַרעסטירטע אין די פינ-סטערע צעלעס, דעם ראַפינירטן מעטאָד „ענויים פון האָפענונג". מען מאַכט, דער אַרעסטירטער זאָל מיינען, אַז ער קען אַנט-

לויפן. דערצו נעמט מען ביינאַכט אַראָפּ די שומרים, מען עפנט אויף אַלע טירן און מען לאָזט דעם אַרעסטירטן צוקו־מען צום ראַנד פון דער וועלט און פון דער זון. נאָכ־דעם טוט מען אים אַ כאַפּ פונקט דעמאָלט, ווען ער האָט אַרי־בערגעשטעלט אַ פוס אויף דער גרענעץ פון פרייהייט.

אומגעפער אַזוי האָט מען זיך מיט אונדז באַגאַנגען. מען האָט אונדז געשטערט זיך אָנצוגאַרטלען מיט גלייכגילטיקייט און הכנעה, מען האָט אונדז נישט געלאָזט זיך נעמען דאָס לעבן, כדי אונדז צו באַווייזן אַז מען מאַכט חוזק פון אונדז און אַז אונדזער גרויסע זאַך האָט קיין קיום נישט. מען האָט אונדז פאַרשאַפט עטלעכע שעה פרייד, כדי צו קענען נאָכדעם זיך אויסלאַכן פון אונדז ווי ס׳געהער צו זיין.

די יסורים, וועגן וועלכע איך דערציילט, חברים, און וועלכע מיר האָבן אַליין אויך איבערגעלעבט זענען אַזעלכע, אַז קיין ערגערע קען שוין נישט זיין פאַר דער חיה, וואָס איז אין אונדז. אָבער די גאַנצע מאַכינאַציע מיט אַ יום־טוב פון אַרבעט און פרייהייט צווישן די ווענט פון אַ בערג־מערה — דאָס איז דאָס ערגסטע, וואָס קען נאָר געבן!

פאַרענדיקט זייערע רייד האָבן זיך די פינף אויפגעהייבן און אַוועק שלאָפן, ווייל ס׳איז שוין געווען זייער שפּעט און אינדערפרי האָבן זיי געדאַרפט אַוועקפאָרן, כדי אָנצוהייבן אַ ניי לעבן, אין אַ לאַנד, וווּ ס׳לייכטן גרויסע טעג פון טאָג־טעגלעכער אַרבעט.

איינער פון זיי האָט אַ געשריי געטאָן, ווען זיי זענען צוזאַמען געשטאַנען:

— ווען וועט שוין דאָס פאָלק פאַרשטיין, אַז עס איז ענלעך צו אַ סטאַדע געפאַנגענע, וועלכע מען פאַרבלענדט פון דערווייטנס מיט יום־טובים און מיט פאַרשטעלונגען, כדי בע־סער אים אָפּצונאַרן, כדי בעסער זיך נוקם זיין אין אים און כדי אים בעסער צו באַשטראָפן, דערפאַר ווייל עס איז אַ פאָלק!

די פעסט.

די דעקאָראַציע, ווו זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט איז געווען א פאַרבלענדנדיקע: וואַרעם און ס'האָט געשווינדלט פון ליכט. בלומען, בלעטער, אַ בלויער ים, ווי אַ בלויע פלאַכטע און דער ברעג: אומעטום באַגאָסן מיט זון.

זייער ווינקל, אינם שאָטן פון א מויער וואָס האָט זיך געבויט, איז געווען אָנגעפילט מיט מיסט, צעמענט און ציגל. זיי האָבן געטראָגן אויף זיך אָפּגעקראָכענע שמאַטעס און לאַפּטשעס אויף די פיס. זיי האָבן גערעדט איטאַליעניש. דאָס זענען געווען איטאַליענער פאַרטריבן פון אַ לאַנד, ענלעך צו דערדאָזיקער, איידער זי איז באַשמוצט געוואָרן פון די שוואַרצע העמדלעך. זיי האָבן געאַרבעט אויף דער ריוויערע ביי איינעם א גרויסן אונטערנעמער, וועלכער האָט אויסגענוצט די לאַגע, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דער איטאַליענער פּאָליציי — און זיי עקספּלואַטירט ווי חיות. אין דעמדאָזיקן ווינקל האָבן זיי זיך אויפגעזאַמלט צום ערשטן מאָל. זיי האָבן זיך נישט געקענט.

צווישן די אַנטרונענע איטאַליענישע שקלאַפן האָבן זיך געפונען דריי אַרבעטער, וועלכע זענען געקומען פון אונזערע מקומות. זיי האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייערע גרויסע קאַשקעטן און מיט זייערע פאַרשידנפאַרביקע פוליאַרן: בלוי, אָראַנזש, שוואַרץ. זיי האָבן קיין וואָרט איטאַליעניש נישט פאַרשטאַנען.

דער, מיטן בלויען פוליאַר, איז געווען דיק, מיט אַ באָרד פריזירט אויפן אַסטראַכאַנער מאַניר. ער האָט פסדר געסאָפּעט און געזאָגט: „זיזי". אפילו בעת ער האָט גאָרנישט

געפֿרעגט. ער האָט געשוויגן, אָדער דערציילט קאָמישע מעשׂיות אין אַ גוטן פֿראַנצויזיש.

בעת אַ הפסקה האָט ער מיט דער האַנט אָנגעוויזן העט ווייט אויף עפּעס אַ פּינטעלע:

— אַ קליין שטיבעלע דאָרט אין שניי.

ער האָט געשילדערט דעם שניי. מען האָט, באמת, גע־דאַרפֿט האָבן אַ פֿאַרקערטן שׂכל, כּדי אין אַזאַ זוניקן טאָג צו רעדן וועגן שניי.

ער האָט זיך מיט זיינע אויגן איינגעגעסן אין יעדן איינעם, כּדי איינצופּלאַנצן דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט געשילדערט זיין לאַנדשאַפֿט: ווייס ווי אַ בלעטל פּאַפּיר. די בוימער זענען ענלעך צו אַלטע בעזימער, איינגעהילט אין שניי; אָבער דאָך זעט מען סאָסנעס מיט גרינע שפּיצן. אָט דאָ ליגט אַ גרויסער באַרג שטיינער באַדעקט מיט גאַנצע זעק שניי. דאָרט וואַלגערן זיך דאָרפֿישע אַרבעט־מכשירים; די מכשירים זענען פֿון האָלץ; אַפֿילו דער אַקער איז פֿון האָלץ. אָט איז אַ גלאָקן־טורעם. און איבער אַלעמען דאָמינירט דער שניי.

זיין באַשרייבונג האָט אַרייַנגעיאָגט אַ קעלט אין די ביינער. מיר האָבן געטראַכט: אָט גייט ער אונדז דערציילן וועגן עפּעס אַ מאָרד. אָבער ניין, ער האָט געזאָגט:

— דאָ האָבן זיך קינדער געשפּילט.

— פֿון וואָסער לאַנד ביזטו? — האָט אים איינער פֿון אונדז געפֿרעגט.

- פֿון בולגאַריע, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס? ס׳שנייט אין דעמדאָזיקן לאַנד? ס׳איז דאָך אויף דרום.

ער האָט דערקלערט, אַז אינם לאַנד, ווו די חעטערן זענען אַפֿילו שיינע איז אויך קאַלט. איבעריקנס, איז אין בול־גאַריע גאָרנישט אַזוי שיין. אַלע לענדער זענען, ווי די מענטשן: בעצם זענען זיי אַלע אומגעפּער ענלעך. אַלס באַווייז קען די־נען, דאָס דערפֿל, דער קלויסטער און די קינדער וואָס האָבן זיך געשפּילט.

דער פּאָטער — האָט ער געזאָגט — איז געשטאַנען אויף זיינע גרויסע פלאַכע פּיס און צוערשט זיך צוגעקוקט ווי זיי שפּילן זיך. נאָכדעם האָט ער אוועקגעשפּרייזט מיט זיינע גרויסע פּיס.

די קינדער האָבן געטראָגן קליינע שמוישענע היטעלעך, איינע גרויע און די אַנדערע שוואַרצע. איינע נייע און אַנדערע מיט אויסגעריבענע פלעקן. זייער שוכוואַרג איז געווען פון ווייכן לעדער און האָבן אויסגעקוקט ווי לעדערנע זאָקן. אָנרופנדיק זיך ביי די נעמען, האָבן זיי געזאָגט: מענטשאָ, נעטשאָ, דינקשאָ.

— אין וואָס האָבן זיי זיך געשפּילט?

— זיי האָבן זיך געשפּילט אין גרויסע זאַכן, וועגן וואָס זיי האָבן געהערט רעדן. זיי האָבן געשפּילט אין לעבן.

— קינדער — האָט זיך אָנגערופן איינער אַ פּיעמאָנטער — האָבן אַזאַ פאַרשטאַנד ווי דערוואַקסענע מענטשן, שוין נישט גערעדט דערפון, וואָס זיי ווייסן נישט פון אַזויפיל נאַרישקייטן. אָבער זיי האָבן איין גרויסן חסרון: זיי אימיטירן דערוואַקסענע מענטשן.

דער צווייטער הערנדיק, אַז דער פּיעמאָנטער האָט פאַרענדיקט, האָט ער ווידער אָנגעהייבן:

— ס'איז געשען מיט עטלעכע יאָר צוריק. די קינדער האָבן זיך געוואַלגערט, געשריגן און געשפּילט אין מלחמה, אַרמיען, גענעראַלן, הארמאַטן-שיסעריי און שטראָף-עקספּעדיציעס אויף פויערים.

דידאָזיקע בולגאַריע האָט זיך דערמיט שטאַרק אויסגעצייכנט.

— ביזט אַ לערער?

יאָ, די וועלט-מלחמה האָט זיך דעמאָלט געהאַט פאַרענדיקט. צלזאָ, איז געוואָרן אַ מאָדע צו שפּילן זיך אין מלחמה. און מען האָט זיך געשפּילט אין פּאָליציי, וועלכע האָט פאַרטרעטן די מלחמה. מען האָט זיי דערציילט וועגן די דרייסטקייטן און נקמות פון די פּאָליציאַנטן און ריכטער, וועלכע

-שטערן אין די הייזער פון שטאָט און קומען אויך אין די דערפער, פונקט ווי דער מלך־המשחית פון דער הייליקער גע־שיכטע. און די קינדער פלעגן ווערן באַגייסטערט.

אָבער צווישן די אַלע פאַרברעכער האָבן זיך אויסגע־טיילט דריי, די באַשולדיקטע אינם אַטענטאַט אויף דער קאַ־טעדראַלע: קאָרעב, זאַדגאַרסקי און פרידמאַן. זיי זענען גע־הענ דריי. אָבער אַזוי ווי מאַרקאָ פרידמאַן איז געווען דער העכסטער פון אַלע, האָט מען אָפּט פון אים גערעדט.

טויזנטער מענטשן האָט די פּאָליציי דעמאָלט געהרגעט צוליבן אַטענטאַט אויף דער קאַטעדראַלע. צום אומגליק האָט מען קיין זאַך דערפון נישט פאָטאָגראַפירט, און בלויז די טויט־שטראָף פון מאַרקאָ פרידמאַן האָט מען אַראָפּגענומען פאַרן קינאָמאַטאָגראַף. מען האָט געוווסט, אַז אויף דערדאָזיקער צערעמאָניע זענען זיך צונויפגעקומען פופציק טויזנט מאַן און דאָס אַלץ האָט אויסגעקוקט ווי אַ גרויסע פייערונג. מען האָט געוווסט, וואָס פרידמאַן האָט גערעדט, אַז פאַרן טריבונאַל האָט ער נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז ער איז אומשולדיק; מען האָט אויך געוווסט אַז פרידמאַנס קלענסטע באַוועגונג פון דער לעצטער שעה האָבן זשורנאַליסטן מיט זייערע אַפּאַראַטן פאַררעגיסטרירט, ביז צו דער לעצטער רגע, ווען ער איז דער־שטיקט געוואָרן דורך די געטער פון גערעכטיקייט, אין דער אָנוועזנהייט פון בראָקוראָר אין ברילן, פון פּאָפּ, פון באַאמטע, אָפיצירן, זעלנער און פופציק טויזנט אָרנטלעכע מענטשן.

דידאָזיקע לעצטע סצענע האָבן נאָכגעמאַכט די קינדער. ס'איז דאָרט געווען אַ בראָקוראָר, אַ גענעראַל, אַ פּאָפּ, אַ הענקער און מאַרקאָ פרידמאַן. ס'האָט נאָר געפעלט אַ העלפער, אָבער דער הויפּט־העלד איז געווען.

דער וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט פרידמאַנען, האָט נישט געהאַט קיין צופרידענעם אויסזען. ער איז געווען טריב, די ברעמען אָנגעכמורעט און דאָס איז אים געשטאַנען צום פּנים.

דער ריכטער האָט צונויפגעדריקט די פויסטן און גע־

קוועטשט מיט די קליינע ליפּן. זיין שטערן האָט זיך געקנייטשט. ער האָט אָנגעטון ברילן, צוליב מער ענלעכקייט.

אין דער רגע האָט מאַרקאָ פרידמאַן אין מיניאַטור, זיך אויפגערעגט און אָנגעהייבן שרייען: איך בין אומשולדיק!

— שוייג, באַנדיט! — האָט אויסגערופן דער פּאָפּ, טופּענדיק מיטן פוס; אָבער ער האָט זיך שטאַרק נישט באַוועגט, כדי נישט פאַרפּלאָנטערן זיך אין דער סוטאַנע.

די קינדער האָבן אויסגעקליבן פונקט דאָס אָרט, ווייל דאָרט זענען געווען גימנאַסטישע סלופּקעס וואָס האָבן געזאָלט דינען פאַר אַ תּליה.

— זאָל מען אים הענגען!

זיי זענען זיך באַגאַנגען ווי אויף די פּאָסטקאַרטן, ווי אויף די בילדער פון זשורנאַלן, ענדלעך, ווי דער קינאָ האָט באַוויזן: וויאַזוי מען איז זיך נוהג. מען האָט אָנגעבונדן אַ אַ שטריק אויפן האַק און אים אַרויפגעטאָן אויפן האַלז פון פאַרמשפּטן. מען האָט אים אַרויפגעטאָן אַ זאַק אויפן קאָפּ. מען האָט אים אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש.

מען האָט געלייענט דעם אורטייל. דער פּראָקוראָר האָט אַליין געלייענט דעם באַשולדיקונגס-אַקט. ער האָט אים זייער גוט געליינט, זייער ערנסט, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט. דאָס איז געווען אַן אמתער אורטייל, קאָפּירט וואָרט ביי וואָרט.

נאָכדעם האָט מען אַ זאָג געטאָן:

— זאָל מען צונעמען דעם טיש:

דער מאָמענט איז געווען אַזאַ פייערלעכער, אַזוי ווייט, אַז דער מלוכה-פּראָקוראָר האָט אַוועקגעוואָרפן דעם פּאַפּיראָס, וואָס ער האָט גערויכערט.

דער קליינער מאַרקאָ פרידמאַן האָט זיך אַ שאָקל געטאָן אינדערלופטן.

און ער איז שוין געווען אַ געהאָנגענער!

זיי האָבן אים אַראָפּגענומען פון דער תּליה, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך עטלעכע רגעס אָנגעפרייט. אָבער ווען זיי האָבן אים אַראָפּגענומען איז ער געווען אַ טויטע ליאַלקע. אונטערן

זאַק, וועלכן מ׳האָט קוים אַראָפּגעשלעפּט, איז געווען אַ רויק בלאַס פּנים, ענלעך צו שניי. זיי האָבן אים געלאָזט ליגן אויף דער ערד און אַנטלאָפן געוואָרן.

דער פּאָטער האָט געאַרבעט ווייט אין פעלד. ביז איצ־אָוונט האָט קיינער גאָרנישט געוווּסט.

דער צווייטער בולגאַר מיטן בלויען פּוליאַר האָט דעמאָלט גענומען דאָס וואָרט.

— איך ווייס די געשיכטע מיטן קינד, וואָס קינדער האָבן אים אויפגעהאָנגען. אָבער די געשיכטע איז פאָרגעקומען אויף אַן אַנדער אופן. ס׳איז געווען אין יוני אָדער יולי, און ס׳איז דעמאָלט גאָר קיין שניי נישט געווען. ס׳האָט פּאַסירט אין פעלד, לעבן בורגאַס.

— ס׳הייבט זיך נישט אָן — האָט זיך אַריינגעמישט דער דריטער בולגאַר, וועלכער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן פּוליאַר. ס׳האָט פּאַסירט לעבן פּלעוונע. מען האָט געפונען אַ באַרהאַר־טעוועט קינד, אַ קליין ייִנגעלע, וועלכן זיינע חברים האָבן אויפגעהאָנגען, ווייל בעת זיי זענען אַריינגעפאַלן אין התלהבות האָבן זיי געוואָלט נאָכטאָן דערוואַקסענע מענטשן.

— און וואָס ווייטער? — האָט איינער פון אונדז גע־פרעגט.

זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט, און ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער ערשטער איז גערעכט, אַז דער צווייטער איז נישט שולדיק, און אַז דער דריטער זאָגט אמת. ס׳האָבן פּאַסירט עטלעכע אַנאַלאָגישע געשעענישן און אַלע מיטן זעלבן סוף.

דידאָזיקע אמתע געשיכטע האָט זיך עטלעכע מאָל אי־בערגעחזרט. זי איז מער ווי אַן אמתע. און נישט קנאַפּער אמתדיק איז אויך די פעסט פונם באַרבאַריזם פון רשעות און משוגעת.

צוזאמען.

אנדרעאס הויז.

— גוט מארגן.

— גוט מאָרגן אַדרעאַס.

— אריין.

— דו האָסט אַ מאָדנע שטימע.

— אַריין.

— יאָ, אַנדרעאַס, ווו איז ריטאַ?

— איך ווייס נישט. מיר קענען זיך נישט מער.

— וואָס? זי, דו... אייער לעגענדאַרישע ליבע... דאָס באַגייסטערט פּאָרל, אַ מחיה געווען צו קוקן...

— מיר ליבן זיך נישט מער.

— וואָס איז די מעשה... זי לעבט?

— יאָ, יאָ, זי לעבט.

— זאָג מיר...

— צוליב די אונגאַרישע תּפיסות.

— איך ווייס, אַז מ'האָט אייך ביידן אַריינגעזעצט אין תּפיסה, אָבער לאַנג זענט איר דאָרט נישט פאַרבליבן.

— נישט לאַנג! זעקס חדשים...

— מען האָט אייך געשלאָגן, פאַרווונדעט?... דו דרייסט אַף דעם קאָפּ אַנדרעאַס. אַך! איך פאַרשטיי: מען האָט זי צעקריפּלט, האַ?

— ניין. נישט ווי דו מיינסט.

— איך בעט דיך...

— אין תּפיסה האָט דער קאַפּיטאַן פּראָנאַי אונדז ביידן אַזוי פיינט געהאַט, אַז ער פלעגט ווערן אויפגערעגט, ווען ער

פּנים אונדז דערזען. ער האָט געזאָגט: „איר ליבט זיך! זייער פֿײַן!..."

— מען האָט אײַך פֿאַנאַנדערגעשיידט?..

— אַדרבה. ער האָט געזאָגט: „מען װעט אײַך ביידן באַהעפֿטן."

— און נאָכדעם?

— ער האָט אונדז צונויפֿגעבונדן, ענג, אין די מלבושים, בײַ די לענדן.

— און נאָכדעם?

— נאָכדעם: טעג, נעכט, און װידער טעג. דו פֿאַרשטייסט? ניין, דו פֿאַרשטייסט נישט. צוערשט האָבן מיר געמיינט, אַז מען גייט אונדז טויטן, איז די דאָזיקע צונויפֿדריקונג אונדז געװען אַזוי אָנגענעם, װײַל אונדזערע הערצער און אויגן זענען געװען לעבן איינאַנדער. אָבער נישט צוליבן טויט האָט מען אונדז צונויפֿגעבונדן, צוליב דעם לעבן גאָר.

— איז דאָך גוט!

— ניין, ס'איז פֿיל ערגער!

— איך פֿאַרשטיי נישט.

— איך זאָג דאָך דיר, אַז דו קענסט נישט פֿאַרשטיין. פֿריער װאָלט איך גערעדט װי דו. מען קען נישט פֿאַרשטיין, װאָס דאָס באַדײַט. שטעל זיך פֿאָר, אַז אויב דו פֿאַרמאַכסט נישט די אויגן און דו דרייסט נישט אויס דעם קאָפּ, האָסטו תּמיד דעמזעלבן פּנים, װאָס הויכט אין דײַן פּנים. זייער קליין איז געװען דער שטח צװישן אונדזערע ביידע פּנימער. פֿון אָנהייב איז געװען זייער גוט. אירע שטאַרק־פֿאַרגרעסערטע שװאַרצאַפּלען, אירע לאַנגע אויגן־לעפֿלעך. און איר מויל איז געװען אַזוי נאָענט צו מײַנעם, אַז בעת איך האָב אַ ציטער געטאָן האָב איך זיך צוגערירט מיט מײַנעם צו אירן. אָבער נאָכדעם, נאָכדעם... און שפּעטער...

— דו רויטלסט זיך אַנדרעאַס.

— יאָ, איך שעם זיך, בעת איך דערמאָן זיך. די דאָזיקע ביידע גופֿים צוגעטשעפּעט צו איינאַנדער, אָט אַזוי...

— דו פאַרשאַפסט מיר ווייטיק אין די באַרקעס, אַנד־רעאַס. דיינע פינגער זענען ווי נעגל.

— דאָס איז כדי דו זאָלסט בעסער פאַרשטיין.

— אָבער איר באַוועגט זיך, איר גייט געבונדענערייט?

— יאָ, שווייג. איך וויל נישט געבן קיין פרטים.

— אָן שום ספק, אָבער...

— שווייג, טעג, נעכט, וואָכן, חדשים!

— אויס פשוטער רחמנות...

— רחמנות, זי איז צעקוועטשט געוואָרן ווי אַלץ וואָס ס'איז ווייך.

— אַנדרעאַס, דיין חברטע איז נישט געווען קיין זאַך.

— יאָ, אַ פיינטלעכע מאַסע. דאָס, וואָס דו מיינסט האָט געקענט זיין די ערשטע וואָך. מען האָט צו זיך געזאָגט: „ס'איז גאָרנישט, זאָל עס זיין...” „אָרעמע, איך ליב דיך, איך ליב דיך, האָב קיין מורא נישט פאַר מיר... מען וועט פאַר־געסן, דאָס וואָס מען דאַרף פאַרגעסן, א. א. וו...”

נאָכדעם איז די ליבע און די רחמנות צעפלויגן געוואָרן, ביסלעכווייז, אין דער זיכערקייט, אַז מען וועט דאָס נישט פאַר־געסן, אינם שוידער...

— דאָך...

— אין שמוץ, אין שטינקעכץ.

— שווייג, אַנדרעאַס, כ'בעט דיך.

— און אין דער שרעקלעכער אַנזעטיקונג פון איין און דעמזעלבן בילד; דאָס צוזיפדריקונג פון דידאָזיקע צוויי פנימער צו איינאַנדער — האָט דאָס צווייט פנים געמאַכט דעם איינדרוק פון א האַנט.

די ערשטע צייט איז די דאָפּלטע פאַרזעעניש — מירביידע — נישט געשלאָפן. אונדזערע פאַרגרעסערטע אויגן, ווייט אַרויסגערוקט פון די אויגן־הייַלן, האָבן מורא געהאַט פאַרן שלאָף. — שפּעטער איז מען געשלאָפן. אָבער מען האָט זיך אויפגעכאַפּט.

אונדזערע שטריק האָבן מיר אָנגעטאָן צרות, אַרויפוואַרפנ־

דיק די גאַנצע משא פון איר קערפּער אויף מיינעם, און דאָס־זעלבע האָב איך איר פאַרשאַפט מיט מיין משא. די אָפּגעמאַטערטקייט פון איינעם האָט געגאַגט, געצויגן און געשלאָגן די אָפּגעמאַטערטקייט פונם צווייטן. מען האָט זיך פּשוט צוגעגעסן און געקעמפט מיט איינאַנדער. אָבער דאָס אַלץ איז גאָרנישט. הויפּטזעכלעך וויל איך דיר איבערחזרן...

— חזר עס נישט איבער.

— יאָ, הויפּטזעכלעך, דידאָזיקע גראָבע באַטראַכטונג פון אַ קערפּער, דידאָזיקע אומבּרחמנותדיקע צעטיילונג פון זיין פאָרם און פון זיין לעבן, — איז אַ סך ערגער ווי מען וואָלט איס געפּאַלמעסט. און דאָס אָטעמען, דאָס צאַפּלען זיך און די שוידערלעכע דורכזיכטיקייט פון דער גאַנצער שטומער מאַשי־נעריע, וואָס מיר ביידע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט! דער טענטשלעכער קערפּער איז אַ נישטיקע שמאַטע, און נאָך אַן ערגערע שמאַטע איז דער קערפּער פון אַ געפאַנגענעם... די זעסט עס גאַנץ גוט, פּונקט ווי מיין אָרעמער ברודער דער גאַמין, האָט געזען דעם גיהנום. די קענסט זיך עס נאָר פאָר־שטעלן, אָבער בעצם ווייסטו גאָרנישט.

— וואָס איז מיט דיר, אַנדרעאַס? די ביסט באַגייסטערט, די הייבסט זיך...

— און וואָס ווייס איך? צי ווייס איך, וואָס איז געווען ערגער, דער קאַשמאַר פונם לייב, אָדער דער קאַשמאַר פון גייסט! ווען מען האָט אויפגעהערט צו זאָגן: „איך ליב דיך!" כּדי יעדערער זאָל אַריין צוריק אין זיך, האָט מען אָנגעהייבן צו קרעכצן און נאָכדעם — שרייען. און אין דידאָזיקע קולות האָט געשטעקט טיפע שנאה; און אונזערע אַלגעמיינע בליקן האָבן אונדז אויסגעריסן די אויגן.

אויף אַזאַ אופן זענען מיר אַריינגעפאַלן אין אַ געדיכטן נעץ פון פאַרצווייפלונג, פון עקל, פון יסורים. איך האָב זי באַשולדיקט, וויל זי איז זי; זי האָט מיך באַשולדיקט, וויל איך בין איך. דאָס האָט אונדז די צייט צעשמעטערט, די דוי־ערהאַפטיקייט. אָבער מען דאַרף אָנערקענען: קיינער פון אונדז

האָט עס לאַנג נישט געקענט אַריבערטראָגן. דאָס פאַרבראַכן וואָס מען טוט אָפּ צוזאַמען, די חרפּה וואָס מען לעבט איבער בעת דער צוהיצטער תאווה — דאָס זענען אַלץ זאַכן, וואָס גייען שנעל אַריבער. אָך! די נאָענטע באַציונג איז זיך שרעק-לעך נוקם, ווען זי איז דויערהאַפט! זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קרענק, זי ווערט פאַרוואַנדלט אין משוגעת, זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ זאַך פון בלוט און טויט. דו ווייסט, ס'זע-נען דאָ יסורים, וועלכע מען באַגרייפט אפילו נישט, אויב זיי דויערן עטלעכע רגעס, אָבער וועלכע דערפירן דיך מיט דער צייט דערצו, אַז דו זאָלסט אָנהייבן צו רײַשען. „מיט דער צייט", הייסט אין עטלעכע שעה אַרום.

ביי אונדז איז עס געשען ערשט אין זעקס חדשים אַרום, ווען מיר האָבן זיך באַפרייט; דעמאָלט האָבן מיר זיך אויס-געדרייט צו איינאַנדער מיט די פּלייצעס.

איצט נאָך, בעת איך דערזע זי אין מיינע זכרונות, דאַכט זיך מיר, אַז איך זע זי כסדר אין פּראָצעס פון צעקריפּלונג, און די אויגן טוען מיר וויי פון איר. איך בין נאָך אַלץ אַ פאַרוואַנדלטע חיה. מיר האָבן זיך נאָך אַלץ נישט מוחל געווען.

— און זי, פונוואַנען ווייסטו?

— ניין, קיינמאָל נישט! נאָך מער פון מיר.

— ... טו אַ טראַכט, אַנדרעאַס, וועגן די יסורים, וואָס אַ סך אַנדערע האָבן זיך אָנגעליטן.

— איך קען זיי. איך האָב געזען אַזעלכע. כ'האָב גע-זען (און בעת איך פאַרמאַך די אויגן זע איך כסדר, צוליב די מעכאַנישע געשרייען און געוואַלדן), כ'האָב געזען די ענויים פון צ... מען האָט אים אויסגעהאַקט אַלע ציין מיט אַ האַלץ; נאָכדעם האָט מען געמאַכט, ער זאָל איינשלינגען זיינע ציין, און כדי ער זאָל זיי קענען איינשלינגען, בעת ער האָט זיי שוין געהאַט אין מויל, האָט מען אים געצוווּנגען זיי אויסצו-טרינקען מיט דער השתנה פון אַ נאַכט-טעפּל, וואָס אַ זשאַנ-דאַרם האָט געבראַכט פון שפּיטאָל. ער איז געשטאָרבן פון יסורים און פון עקל. כ'האָב געזען דאָס שטייפע צעקריפּלטע

בנים פון ס.... בעת מען האָט אָפּגעשניטן מיט אַ מעסער זיי-
נע פּיעֶנטעס, ווי מען שניידט אָפּ אַ פּאַדעשווע. און די חברטע
ל... האָב איך געזען, בעת זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ קנויל
פליש און מען האָט איר אַריינגעשטעקט איר לעבעדיק קינד
אין בויך אַריין מיט קלעפּ פון אַ קינזשאַל, פון אַ האַק און
פון אַ שטעקן. און דעם איידעלן אָרצנטלעכן רויקן אונגאַרישן
פויער, וועלכער האָט אַרויסגערעדט קאַלטע ווערטער, האָב איך
איינמאָל געזען פאַרבייגיין אין דער ריכטונג צום קאַבינעט פון
תפיסה-ריכטער. דורך דער טיר האָט מען אַלץ געהערט, ווייל
איך האָב דאָרט געוואַרט אויף מיין רייע. און אַזוי ווי ער
האָט נישט געוואָלט זאָגן קיין ליגן: אָנערקענען אַ פאַרשווע-
רונג און אָנרופן נעמען, אין וועלכע מען האָט זיך געניי טיקט,
אַזוי-ווי ער האָט בכלל נישט געוואָלט מער רעדן, האָט מען
געוואָלט אים מאַכן שרייען. מיר האָבן געהערט אַ פייפעריי
און אַ קלאַפּעריי פון שווערדן אויף זיין לייב און אויף זיינע
ביינער; נאָכדעם איז ער געוואָרן שטיל, בעת מען האָט גע-
טאָן אַן אַרבעט, וואָס מען האָט נישט געהערט. אָבער פון אים
קיין קולות, קיין וואָרט נישט! דאָך האָט זיך מיטאַמאָל דער-
הערט אַ שרעקלעכער געשריי. די טיר האָט זיך ראַפּטעם
אויפגעעפנט, און מען האָט אים פאַרבייגעטראָגן ביי אַ טופּע-
ריי פון שווערע טריט. ער, וועלכער האָט זיך געהאַלטן גלייך
מיט אַ האַלבע שעה צוריק, האָט זיך געדרייט אויף אַ טראָג-
בעטל. ער, וועלכער האָט נישט געוואָלט רעדן, האָט געריי-
טשעט און געוואַלדעוועט אָן אַן אויפהער. זיינע מלבושים זע-
נען געווען צעפליקט אַרום זיינע לענדן, זיין בויך האָט אַרויס-
געשטעקט אַ נאַקעטער און אונטן אין זיין בויך — אַ רויטע
לאָך. דער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַר אַ
סריס, האָט באַנוצט אַ פאַרזשאַווערט מעסער, און האָט זיך
באַרימט, אַז ער האָט דאָסמאָל געהאַט אַ שווערע אָפּעראַציע.

... פאַרוואָס דערצייל איך דיר דאָס?... אַך יאָ: כדי דיר
ווייזן, אַז איך האָב דידאָזיקע אַלע זאַכן געזען, פונקט ווי
ס'האָבן עס געזען די, וועלכע זענען דורכגעגאַנגען אין די

אונגאַרישע תפיסות. כ׳האָב געזען נאָכמער: כ׳האָב געזען דעם טויט אין זיין פולער פאָרם מיט גאַלאָגען און אַ שווערד; ווי ער, דער טויט דרינגט אַריין אין די הייזער, צווינגט טאַטעס זאָלן אָפּמסורן זייערע זין, קינדער זאָלן דערשטעכן זייערע טאַטעס און מאַמעס, יידן, זאָלן פאַרשווערן זייער רעליגיע. אָבער איך זאָג, אַז דידאָזיקע חיות, וועלכע האָבן צוזאַמענגעבונדן צוויי וועזנס אין זייער בליענדער יוגנט, אין ברען פון לעבן, אין פולער ליבע — זענען אַוועק אַ סך ווייטער אין זייער ראַפינירטער אכזריות. מיט זייערע כירורגישע ענוים האָבן זיי אַרויסגעפּליקט פון דידאָזיקע צוויי וועזנס אפילו דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייערע הערצער.

חבר, יעדעס מענטשלעך וועזן האָט אין זיין האַרץ — באַהוסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק — אַ פאָרמלאָזע רויטע פאָן. איך, ווי דו זעסט מיך דאָ, בין פול מיט דראַנג און התלהבות — כדי מיט אַלע מיינע כחות, דאָס צו אַנטפּלעקן צווישן די ברייטע מאַסן אויף דער ערד.

אָט זעסטו, אין תפיסות, ווערט דער קערפּער פאַרעלטערט, אָבער דאָס רעוואָלוציאָנערע גלויבן ווערט ייִנגער און פייערט. איך זאָג דיר, די שנאה, וואָס איך האָב געהאַט קעגן אַלע באַנדיטן, וועלכע הערשן איבער דער מאָדערנער געזעלשאַפט פון אַלע לענדער, חוץ אין איין לאַנד — דידאָזיקע שנאה איז היינט ביי מיר אויפגעלעבט געוואָרן דורך אַ גרויסן אימפּולס פון פרייד. הוראַ!

ווען מיר האָבן געפייערט דעם יום-טוב פון שלום...

שלום שוואַרצבאַרד, אַ צאַרטער, פאַרחלומטער יונגערמאַן; אַן אָרימער און אַ שווייגעוודיקער, האָט לאַנגזאַם זיך דערגעטערט צו זיין קוואַרטאַל: צום יידישן קוואַרטאַל אין דער שטאָט פּראָסקוראָוו, אין פּאָדאָל. ס'איז געווען אַ שיינער ווינטער-אָוונט, אַ רויקער, אַ בלאַסער, אַ שנייעדיקער.

שוין אַכט יאָר זענען אַריבער, זינט ס'האָט פּאַסירט דער דאָזיקער שטילער צופאַל, אויף וועלכן איך בעט אייך צו ווענדן אייערע בליקן. אַכט יאָר — דאָס איז נישט קיין לאַנגער צייט-שטח אינם לעבן פון שטערבלעכן מענטשן. נישט איך און נישט איר זענען נישט געווען דעמאָלט אַסך יינגער, ווי מיר זענען איצט.

ס'האָט פּאַסירט דעם 15-טן פעברואַר 1919. דאָס קליינע שטעטל איז געווען באַדעקט מיט אַ שיינעם טעפּיך. די הייזער האָבן אין מיטן טאָג אויסגעקוקט, ווי זיי וואָלטן געווען איינגעהילט אין אַ ווייסן פּאַפּיר. מען איז געגאַנגען אויפן קאַלטן וואַטענעם טעפּיך, וואָס האָט געסקריפּעט אונטער די פיס, און גאַנץ שנעל זענען די פּאָדעשוועס געוואָרן באַדעקט מיט אַ דיקן ווייסן פוטער.

שלום איז געקומען פון גאַנץ ווייט. ער האָט דורכגעמאַכט די גרויסע וועלט-מלחמה, אַלס אַ פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמעע, ווו ער איז עטלעכע מאָל פאַרוווּנדעט געוואָרן אין די לונגען. דערנאָך האָט מען אים באַגריסט, באַפּרעזט מיט אָרדענס און אים נאַטוראַליזירט אַלס פראַנצויז. ער האָט אָבער געלעכצט זיך צוריקצוקערן אַהין, כדי צו זען זאַכן און מענטשן, כדי צו געניסן די פאַרשטיקטע פּאָעזיע, וואָס עס

אָטעמט אויס פון זיך די שטילקייט און ווייסקייט פון דער אוקראַינישער נאַטור.

אָבער יענער טאָג איז געווען אַ רווישנדיקער און אַ טומלדיקער. מחנות מענטשן האָבן אָנגעפילט די גאַסן, און דער דאָזיקער עולם איז געווען גליקלעך, ווייל ס'איז גראָד געווען אַ שבתדיקער טאָג און דאָס וועטער איז געווען זייער שיין. די שטאָט פּראָסקוראָוו, וועלכע ציילט פינף-און צוואָנציק טויזנט קריסטלעכע איינוווינער און פופצן טויזנט יידישע, געניסט פון צוויי פרייע טעג אין דער וואָך: שבת און זונטיק.

די קראָמען צוגעמאַכט, האָבן די שפּאַצירער זיך אַרויס־געשאָטן אויפן ברעג פונם בוג, אַ טייך, וועלכער ווערט, פונקט ווי אַלע אַנדערע טייכן אין אוקראַינע, פאַרפרוירן אין פעברו־אַר. דאָרט האָבן די קינדער אַרויסגעצויגן זייערע גליטשערס און זיגזאַגן-אַרטיק זיך געדרייט אויפן פעסטן אייז.

אָט די אַלע מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעשניצט זייערע בונטע סילועטן אויפן פּאָן פון דער ריינער שניי-ווייסקייט — פון טאָג און פון לבנה-שיין גלייכצייטיק באַלויכטן — האָבן געוווסט, אַז אין דעמדאָזיקן מאָמענט קומען פּאָר מלחמות, אַז אוקראַינע האָט באַקומען זעלבסטשטענדיקייט און ס'קומען פאָר מחלוקתן צווישן דער דירעקטאָריע מיטן אַטאַמאַן פּעטלורא בראש, מיט די באָלשעוויקעס, מיט דעניקינס ווייסער אַרמעע, מיט די פּאָליאַקן. ס'זענען פאָרגעקומען שלאַכטן, פון וועלכע די צייטונגען האָבן אַסך געשריבן און די בירגער האָבן גע־לייענט די קאָמוניקאַטן. זיי האָבן דאָרט געפונען אַסך ידיעות פון מערב-אייראָפּאַ. צי האָבן זיי דען געלעבט ערגעץ אויף עק וועלט? זיי האָבן זיך געפונען אינגאַנצן אויף אַ שטח פון פיר טאָג רייזע פון פּאַריז, אַ הויפּט-שטאָט פון דער ציוויליזירטער וועלט, ווו די זיגער האָבן געהאַלטן אין אויסאַרבעטן דעם שלום פאַר אַלע פעלקער און ווען ס'האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן אַ נייע תקופה פון אַנטגילטיקער גערעכטיקייט.

אין פּראָסקוראָוו איז דער אַטאַמאַן פּעטלורא געווען דער מושל. אומעטום האָט געהערשט זיין שטרענגע דיקטאַטור. זיין

גאַרניזאָן, וועלכער האָט זיך געפונען אין שטאָט, איז באַשטאַ־
נען פון אַ בריגאַדע זאַפּאָראָזשער קאָזאַקן און פון דריטן
היידאַמאַקן־פּולק, אונטער דער אָנפירונג פון אַטאַמאַן סעמאַ־
סענקאָ. ס'איז געווען אַ צוואָנציק־יאָריקער גענעראַל מיט בלויע
אויגן, מיט אַ ווייבלעך פּנים, וועלכער פלעגט תמיד אַרומרייטן
אין זיין גרינעם מונדיר, געשפּאָלטן פון הינטן, מיט גאַליפע־
הויזן און געלע שטיוול, און פלעגט אָנצינדן אַ פייער אין די
הערצער פון די שטאָטישע יינגע ווייבלעך און מיידלעך. היות
פּעטליורא האָט געפירט שלאַכטן מיטן שונא ערגעץ אַנדערש,
איז סאַמאָסענקאָ געווען דער בעל־הבית פון דער שטאָט.

פּונקט אין דעם זעלבן טאָג האָט מען געזען דורכמאַר־
שירן זיינע שיינע זעלנער און פּונקט ווי אַלע מענטשן, האָט
שלום שוואַרצבאַרד זיך צוגעקוקט, ווי זיי ציען זיך אויף אַלעק־
סאַנדער גאַס, צוויי אַזייגער נאָכמיטיק אין איין ריכטונג, און
פינף אַזייגער — אין אַן אַנדער ריכטונג. זיי זענען געגאַנגען
אין אַ גלענצנדער אָרדנונג, מיט מוזיק פאָרויס. דאָסדאָזיקע
בילד האָט געמאַכט צאַפּלען די הערצער פון יונגעלייט און פון
יינגע מיידלעך און אַרויסגערופן גרויס התלהבות ביי די קינ־
דער, וועלכע זענען נאָכגעלאָפן און מיטגעזונגען.

שלום איז געגאַנגען אויף אַלעקסאַנדער־גאַס. פון וואַנען
איר זאָלט נישט גיין, מוזט איר אַרויסקומען אויף אַלעקסאַנ־
דער־גאַס, די הויפּט־גאַס, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט גרויסע
רייכע הייזער. דורך די פענסטער האָבן זיך אַרויסגעריסן צעצויגע־
נע קלאַנגען פון אַ פּיאַנאָ, פון אַ גראַמאָפאָן.

דער יידישער קוואַרטאַל, וווּהין שלום איז געגאַנגען, האָט
אויסגעזען מער באַשיידן. דער „קוואַרטאַל פון די געננו", ווי
מ'האָט אים דאָרט אָנגערופן, איז באַשטאַנען פון אַ בערגאַל
נידריקע און אָרעמע הייזלעך, דורכגעשניטענע מיט קליינע
פּאַראַלעלע געסלעך אָן נעמען, פּרעסנדיק זיך צו דער סאָבאָר־
גאַס, וועלכע איז דער המשך פון אַלעקסאַנדער־גאַס.

אין דעמדאָזיקן אָוונט זענען אַלע הייזער געווען באַ־
לויכטן, און ווי באַלויכטן מיט עלעקטרע: ס'איז געווען שבת.

א ייד טאָר נישט אין דעם טאָג מאַכן פייער אָדער אָנצינדן א לאָמפּ. איז אָט, ווי מען איז זיך נוהג אין „קווארטאַל פון די געגנט״: פרייטיק־צונאַכטס לייגט מען אַריין גענוג האָלץ אין אויוון, כדי אויפצומאָרגנס זיך צו קאָנען א גאַנצן טאָג וואַרימען, און מען לאָזט אויך אָפן די עלעקטרישע לעמפּלעך.

דאָ האָט זיך געפונען דאָס קליינע הייזל פון דער משפחה שענקמאַן. די פענסטער זענען שטאַרק באַלויכטן. אָבער מען הערט גאָרנישט; ס'הערשט אַ מאָדנע שטילקייט. שלום דערנענטערט זיך, די טיר איז ברייט אָפן. ביים אַריינגאַנג — איבערגעדרייטע שטולן, אַ צעבראָכענער טיש. ער גייט אַריין אין צימער. ס'שטייט דאָרט אַ גרויס בעט, און אין בעט איז געלעגן איינער, וועמענס קאָפּ איז געווען אַרויסגערוקט אויפן קישן, און דערדאָזיקער קאָפּ איז געווען צעהאַקט, צעשפּאָלטן און שוואַרץ פון בלוט. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז א מיאוסע קאַריקאַטור פון אַ קאָפּ, וואָס פינקלט און גלאַנצט ביים ליכט פון לעמפּל. מען האָט אויך געזען גלאַנצן די שפּריצן פון בלוט אויף די קאָלדרעס. דאָס איז דער טאַטע פון דער משפחה. אין אַ ווינקל ליגט אַ פאָרמלאָזע מאַסע, באַגאָסן מיט בלוט און באַדעקט מיט רויטע שמאַטעס; דאָס איז די פרוי שענקמאַן, צעהאַקט און דורכגעשטאָכן מיט שווערדן. דאָ און דאָרט ליגן שטיקער פון צוויי קינדער, פון קליינעם משהלע און זיין שוועסטער, וועמענס קעפּ ס'האָבן זיך אַרונטערגעקאָלערט אונטערן בעט.

און ווייטער, אין די אַנדערע באַלויכטענע הייזער: ביי בלאָקמאַנען, ביי אָווערבוכן, ביי זעמעלמאַנען, ביי קאָרטשאַקן — דאָסזעלבע בילד. ביים עלעקטרישן ליכט, וואָס איז נישט געווען פאַרדרייט, האָט מען געזען מתים: פינף, צען, פופצן, צוואָנציק און אַריבער, דורכגעשטאָכענע, צעשניטענע, צעבריפ־געקאָרטשעטע אין אויסטערלישע פאָרמען פון גסיסה־יסורים. יינגלעך, מיידלעך, ברוסט־קינדער האָבן זיך געוואַלגערט ערגעץ נעבן אַן אויוון. אייניקע פון זיי מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ, אַנדערע מיט אָנגעשפּאָלטענע קעפּ, ענלעך צו אַן איי, וואָס

מען קלאַפּס־אָן אויף אַ שטיין. אַלע פּליטעס און אַלע אויזנס האָבן געטראָגן אויף זיך די סימנים פון שטיקלעך געהירן און קינדערישע געדערים.

די גאַסן זענען געווען פאַרוואָרפן מיט קערפּערס, פּונקט ווי שטיקער אויף אַ שלאַכט־פעלד. עטלעכע מתים, וועלכע מען האָט דערקענט ביים צובויגן זיך צו זיי, האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן זיך געוועדט און געבעטן רחמים, מען זאָל זיי שענקען דאָס לעבן. אין אַ ווינקל, ביי אַ וואַנט, איז געלעגן אַ קערפּער פון אַ יינג מיידל, מיטן קאָפּ אָנגע־לענט אויף דער וואַנט. מען האָט זעזען, אַז זי האָט געוואָלט דערהאַלטן איר גלייכגעוויכט, ווייל מיט אירע פאַרבלוטיקטע הענט האָט זי אַראָפּגערוקט איר קלייד, צודעקנדיק אירע לענדן און אירע שענקלען, וועלכע זענען געווען צעהאַקט און צעריבן דורך אַ האַק אָדער אַ שווערד. מען האָט צו איר גע־זאָגט „הויב־אויף דיין קלייד, מען וועט דיך שמייסן"; און די זעלנער האָבן געקלאַפּט דאָסדאָזיקע יינגע לייב אָן אויפהער מיטן שווערד.

אַ סך קערפּערס זענען געווען אויסגעלייגט איינער אויפן צווייטן: מען האָט געצווונגען קינדער, יינגע מיידלעך, יינגע בחורים זיך אויסצוציען אויף זייערע עלטערן און מיט אַ שווערד אָדער מיט אַ קינזשאַל האָט מען זיי מיט איין קלאַפּ דורכגעשטאָכן.

שלום שוואַרצבאַרד, צעמישט און צעטומלט, איז ווי אַ שכורער געגאַנגען פון שטוב צו שטוב.

II

דער גאַנצער יידישער קוואַרטאַל איז געווען אַן אמתער בית־עלמין. אין איין הויז האָט ער באַמערקט, ווי עס באַוועגט זיך עפּעס הינטער די פאָרהאַנגען, אָבער ווי נאָר ער איז אַרויף אויף דער שוועל, האָבן מענטשן אַריבערגעשפּרייזט איבער די טויטע, צעבראָכטע קערפּערס און זענען אַנטלאָפן געוואָרן. אין דעם הויז האָט מען אויך אַלע אויסגעשאָכטן און נאָכדעם זענען

געקומען גנבים, כדי אוועקצוטרייבן, וואָס דאָרט איז פאַרבליבן

אומעטום האָט געהערשט דער טויט. אַלץ אין דעם פאַרשאָלטענעם קוואַרטאַל האָט געשטומט. די לופט האָט אויסגעהויכט אַ ריח פון פריש פלייש. בלוט האָט נאָך גערונען פון די ווונדן און דאָס אויג האָט נאָך געקאָנט זען, ווי קאַלוזשעס בלוט ווערן פאַמעלעך פאַרגרעסערט. אַרויפוואַרפנדיק מיט אַן אינסטינקטיווער באַוועגונג די צעריסענע בגדים אויפן בויך פון אַ צעקאַליעטשעטן יונגן מיידל מיט אַ שיין פנים, האָט די האַנט פון יונגנמאַן דערפילט אַ קערפּער, וועלכער איז נאָך געווען וואַרעם.

...ס'איז נישט געווען שווער צו פאַרשטיין. דאָס האָבן אָנגעמאַכט סאַמאָסענקאָס קאָזאַקן, די שיין־אויסגעפּוצטע זעלנער, וועלכע האָבן פון צוויי ביז פינף אַזייגער דורכמאַרשירט מיט מוזיק איבער די גאַסן.

אין די באַלויכטענע הייזער זענען אַלע געווען טויט. אָבער ס'זענען געווען הייזער, פאַרזונקענע אין שאָטן. דאָרט האָט מען נאָך געזשיפּעט. דאָס זענען געווען לעבעדיקע מתים. אויס מורא, אויס שרעק, אויסגעמישט מיט אַ מין געפיל פון חרפּה, האָבן די מענטשן אויסגעלאָשן די ליכט און זענען דאָרט פאַרבליבן.

טאַפּנדיק אין דער פינסטער, איז שלום אַריינגעקומען אין איינס פון דידאָזיקע הייזער, צווישן די געשפּענסטער פון עלנט און פון יסורים: עטלעכע האָבן כסדר געקרעכצט, אַנדערע האָבן געטרונקען זייערע טרערן און זיך געשאָקלט ווי בוימער, און נאָך אַנדערע האָבן נישט געקאָנט — נישט רעדן און נישט וויינען.

אין פון דעם אַלעם האָט זיך אויסגעהויכט אַ גאַנץ נידעריקע ציטערנדיקע שטים, וועלכע האָט איבערגעגעבן פּרטים:

דאָ, דאָרט, אָט וואָס מען האָט געטאָן: אַ טאַטן האָט מען געמאַטערט און צעשניטן אויף שטיקער פאַר די אויגן פון דער גאַנצער משפּחה, וועלכע מען האָט מיט געוואַלד צוגעשלעפּט; נאָכדעם האָט מען דאָס ווייב, די יונגע טעכטער

און די קליינע מיידלעך פאַרגוואַלדיקט און שפּעטער אַלעמען אויסגעהרגעט און אויסגעשניטן, פלינק, שנעל, אויפן מיליטע־רישן אופן.

פּעטלוראַס קאָזאַקן האָבן נישט איינמאָל געצוווּנגען די מאַמעס, זיי זאָלן אַליין אויסשטרעקן זייערע קינדער אונטערן מעסער: דער קאָפּ איז געוואָרן אָפּגעשניטן און דאָס קליינע גופהלע באַגאָסן מיט בלוט, איז פאַרבליבן אין די אָרעמס פון דער מאַמען, וועלכע מען האָט אין עטלעכע רגעס אַרום, ווען זי האָט זיך געפונען אין אָפּגרונט פון פאַרצווייפלונג, אויפגע־שניטן דעם בויך.

אין אַנדערע ערטער האָט מען אויסגעטאָן נאַקעט די קרבנות. מען האָט אויפגעזאַמלט אויף איין אָרט די גאַנצע משפחה און אויסגעטאָן זיי נאַקעט: אויסגעדאַרטע זקנות, דיקע ווייבער, שלאַנקע מיידלעך האָבן אויסגעשטעלט זייערע קער־פּערס, נידערגעשלאָגן פון חרפה און שרעק. „און איצט טאַנצט!“ זיי האָבן געהויבן זייערע פיס, געשפּרונגען, געטאַנצט, און איינס ביי איינס האָט מען זיי אַלעמען אַוועקגעלייגט. די לעצ־טע האָט נישט אויפגעהערט צו טאַנצן אונטער די קולות פון די תּלינים, ביז וואַנען מען האָט זי אַוועקגעלייגט מיט אַ קויל אין שלייף, אָדער אין בויך. איז זי אַוועקגעפאַלן אַ טויטע, אויף די טויטע קערפּערס פון איר משפּחה.

אַנדערע יידן האָט מען פאַר די הענט אויפגעהאָנגען אויפן סופיט פון צימער, ווו ס'האָט געברענט אַ פייער אין אויוון. די זעלבער האָבן זיך געוועט, ווער ס'וועט מיט איין קלאַפּ אַראָפּהאַקן אַ גרעסער שטיק פלייש; נאָכדעם האָט מען די שטיקער פלייש געבראָטן אויפן פייער און עס דערלאַנגט די לעבעדיקע, וועלכע זיי האָבן געמאַטערט.

מען האָט געצוווּנגען די יידן צו עסן זייערע קליידער, איידער מען האָט זיי געהרגעט. אַ זקן, וועמען מען האָט אָפּ־געראַזירט, האָט מען געהייסן עסן זיין באָרד און נאָכדעם, ווי מען האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט דעמדאָזיקן בילד, האָט מען אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ.

דעם יונגן ספעקטאָר פּאַט האָט מען געהרגעט אין די אויגן פון זיין טאַטן, נאָכדעם האָט מען געצוווּנגען דעם טאַטן צו לעקן די וווּנדן פון זיין קינד.

מען האָט אָפּגעהאַקט הענט, פיס, ליפּן; מען האָט אַרויסגעריסן אויגן, מען האָט אויפגעשניטן בייכער פון מעוברתע פרויען. מען האָט אין די הייזער באַנוצט קאַלט געווער און אין די גאַסן האָט מען געשאָסן פון ביקסן און אויף די אַנטלאָפענע דורך די פענסטער — מיט קוילנוואַרפערס.

זיי האָבן געוווּסט גאַנץ גוט, דידאָזיקע, וועלכע זענען פאַרבליבן פון דער בלוטיקער באָד און האָבן געקאָנט בלויז בלוטיקן מיט טרערן, אַז דער דריישעהדיקער פּאָגראָם אין פּראָסקוראָוו, ווו ס׳זענען געפאַלן ביז פיר טויזנט קרבנות, פון וועלכע אַכצן הונדערט זענען דערהרגעט געוואָרן, איז בלויז אַ קליינער עפּיזאָד פון אַ גרויסער אונטערנעמונג אויף אויסצוראָטן די יידן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אוקראַינע דעמאָלט, ווען דער אַטאַמאַן פּעטלוראַ איז געוואָרן הערשער.

פּראָסקוראָוו, יעליסאַוועטגראַד, זשיטאָמיר, באַר, פעטשירע און פּופּציק אַנדערע שטעט און שטעטלעך פון אוקראַינע ווייזן אָן אויף די גרעסטע שחיטות און מאַרטירערייען. פון 1917 ביז 1920 האָט מען אויף אַ שענדלעכן און געמיינעם אופן אויסגעשאָכטן הונדערט טויזנט מאַן, די אומשולדיקסטע אין דער וועלט.

און זאָל מען נישט זאָגן: דאָס איז איבערגעטריבן. ס׳עקזיסטירן פּראָטאָקאָלן, ראַפּאָרטן, אָן אַ שיער אַנקעטעס. עס זענען דאָ אַזויפיל דאָקומענטן, אַז ס׳איז גאָר קיין שום ספק נישט, צי די פאַקטן זענען אמתע. איין זאַך ווייסט מען יאָ, אַז אַ סך נידערטרעכטיקייטן זענען נאָך עד היום פאַרבאָרגן.

זאָל מען נישט זאָגן: די יידן האָבן פּראָוואָצירט דידאָזיקע רעפּרעסיעס. דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ רויקער באַפעלקערונג, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט פּאָליטיק.

זאָל מען נישט זאָגן: דער הויפּט־אָנפירער איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מעשים פון זיינע מענטשן! ווי שטאַרק

ס'זאָל נישט זײַן אונדזער עקל פאַר די חיות בצורת אדם, וועלכע רופן זיך אָן סעמאָסענקאָ, אַנגעל, פּעטראָו, קאָזיר־זירקאָ (וועלכע הוליען און בלאָזן זיך אפשר ערגעץ אין אַ הויפּטשטאָט, ווי דער באַנדיט מאַכנאָ אין פּאַריז) און צו די אַלע, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די הויפּט־פּאָגראָמען, בעת דעם געמיינעם פּעריאָד פון פּעטלוראַס דיקטאַטור, — די פאַראַנטוואָרטלעכקייט טראָגט זייער שעף פּעטלורא. ס'איז דורכאויס אַ מעטאָדישע אַרבעט פון נאַציאָנאַלן און אַנטיסעמיטישן סאַדיזם. מען האָט קעגן די יידן קיין שום אָנקלאַגעס נישט געהאַט. מען האָט בלויז געזאָגט: „שמוציקער ייד!" דאָס איז געווען גענוג! אַטאַמאַן פּעטלורא האָט טאָלערירט און באַרעכטיקט די דאָזיקע מאַסן־עקזעקוציעס. נאָך אַלעמען האָט ער כּלפּי־חוץ אַרויסגעוויזן, אַז ער איז דערמיט אומצופרידן און אַז ער נעמט אָן פּאַרזיכטס־מיטלען און דערביי האָט ער אַליין דערקלערט, אַז די פּאָגראָמען זענען געווען נויטווענדיק, כּדי צו שטיצן דעם געזונטן גייסט אין דער אַרמעע און צו די, וועלכע זענען געבליבן לעבן פון דער מאַסן־שחיטה, האָט ער געזאָגט: ס'אַ שאָד, וואָס מען האָט אייך געלאָזט לעבן.

וואָס ס'איז שייך דער פּיינקייט פון פּעטלורא דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז זייט ביי זייט מיט די שחיטות האָט מען געראַבעוועט און גענומען גרויסע געלד־שטראָפן. גלייכצייטיק מיט די שחיטות האָט מען די יידישע באַפעלקערונג רויניר ט. מען האָט דאָ, אַלזאָ, געהאַט צו טאָן מיט מערדער און גנבים.

אָט וואָס ס'האָבן דערציילט אין יענעם אָוונט די עטלעכע אומגליקלעכע, וועלכע זענען פאַרבליבן אין יידישן קוואַרטאַל אין די געציילטע הייזער, וועלכע זענען נישט חרוב געוואָרן,

---

פאַר מיינע איגן ליגט אַ היינטיקע צייטונג:

„איבגיכן וועט זיצן אויף דער באַנק פון סענער געריכט, אַ מערדער, דער ייד שלום שוואַרצבאַרד. דעם 25 מאַי 1926

איז שוואַרצבאַרד צוגעקומען אויף ראַסינער גאַס, צום אַלטן קאָזאַקן-אַטאַמאַן פּעטליורא, וועלכער האָט געוווינט אין פּאַריז, און געגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן, און נאָכדעם, ווי ער האָט פעסטגעשטעלט זיין פּערזענלעכקייט, האָט ער אים אַנידערגע-לייגט מיט אַ שאָס פון אַ רעוואָלווער".

דער נאַקעטער מענטש.

אין דער סקופּטשינע אין בעלגראַד האָט מען די טעג געזען דעם געשפּענסט פון ווייסן טערער אין דער צורה פון אַ מענטש.

אַלע פּאַרלאַמענטן זענען אין אייראָפּע ענלעך צו איינאַנדער; דאָס וועט יעדערער זאָגן, ווער ס'האָט זיי באַזוכט. דידאָזיקע שטרענג-אָפיציעלע לאָקאַלן זענען אַלע זייער קליין. זיי האָבן גרויסע אויסגעבויגענע ליניעס, קולוארן, פּאַיעס, קוליסן, ווי אין אַ צירק. אָבער דידאָזיקע געזעצגעבערישע הענט, בעת ס'קומט דאָרט גאָרנישט פאָר, האָבן זיי אַ שרעקלעכן אויסזען. דער־ועלבער דעקאָראַטיווער אויפגעפּאָמפּעטער אויסזען ווייזט גלייכצייטיק אַרויס זייער אויסערגעוויינלעכע פּוסטקייט. דער ריח פון כלי־קודש און פון אומגערעכטיקייט, וועלכן מען שפּירט אין די פּוסטע פּרעטעאַריומס, בעת די שטילקייט איז געפּאַנגען, שפּירט מען אים אויך מיטן זעלבן אומבאַשטימטן פּחד, אין דידאָזיקע צענטראַלע וואַרשטאַטן, ווו מען פּראָדוצירט מיט ווערטער די מאָדערנע געשעענישן.

אַלע פּאַרלאַמענטן זענען אויך ענלעך צו איינאַנדער, בעת זיי זענען פול. אַ גאַנצער אָרקעסטער פון כלווידעריי, װאָס דערפירט צו סקאַנדאַלן און צו אומגליקלעכע זאַכן; און נאָך די פאַרשידענע ווערטער־קאַמפן קאָן מען פון דערווייטנס מיינען, אַז דאָרט קומען פאָר דיסקוסיעס. אַלץ איז דאָרט פאַנקציאָנירט, ווייל אָפּגעשטימט האָט מען שוין פריער; אַזוי אַז דער חילוק צווישן אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים און אַ דעספּאָטישן רעזשים איז דער, וואָס אויף אַ פּאַרלאַמענטאַרישן רעזשים פּטרט מען מער צייט.

אלזאָ, די יוגאָסלאַווישע סקופּטשינע איז ענלעך צו אַלע פּאַרלאַמענטן פון אייראָפּע. ס'איז בלויז אַ חילוק, וואָס דאָ רופט זי זיך אָן סקופּטשינאַ, אָנשטאָט רייכסטאַג, רייכסראַט, סאָבראַניע, אָדער דעפּוטאַטן־הויז.

אלזאָ, דאָסמאָל האָט מען דאָרט באַשולדיקט דעם אינערן־מיניסטער מאַקסימאָוויטש. מען האָט אים בולט אויפגעוויזן, די פאַרשידענע מעשה־תעתועים אין די וואַל־ראַיאָנען. די פאַקטן זענען געוואָרן באַוויזן, קאָנטראָלירט און זיי האָבן אַן איבעריקן מאָל באַשטעטיקט דעם לעגענדאַרן אמת, אַז בעת די יוגאָסלאַווישע וואַלן האָט מען אָנגעווענדעט פאַרשידענע אכזריותן בנוגע די וויילער, כדי אויף אַזאַ אופן צו געווינען מער שטימען.

אָבער ה. מאַקסימאָוויטש, וואָס האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, וואָס האָט ער דאָך געענטפערט? ער האָט אויפגעהייבן די הענט צום הימל.

— ס'הייבט זיך נישט אָן! — האָט ער אויסגערופן. — אַ טעות אויפן גאַנצן פראָנט! קיינמאָל איז נאָך אויף דער גאַנצער וועלט נישט געווען אַזאַ ליבעראַלע, גוטע רעגירונג ווי מיינע. אכזריות? אדרבה, אַבסאָלוטע פרייהייט אין פולן זין פון וואָרט.

אויסהאָרכנדיק אים, האָט נאָך קיין שום קאַבינעט נישט געשיינט מיט אַזאַ דעמאָקראַטישן גלאַנץ ווי דער, ווו ער האָט געהאַט דעם כבוד צו זיין אַ מיטגליד. און דערדאָזיקער מיניסטער מיט אַ האַנט אויפן האַרצן האָט זיך אויסגעדריקט ווי אַן אמתער מיניסטער פון פעלקער־בונד.

אָבער אין דער און דער דאַטע — האָט מען אים פאַרגעוואָרפן פון די אָפּאָזיציע־בענק — איז פאָרגעקומען דאָס און דאָס...

— נישט אמת! אַלץ איז שקר. דאָס זענען אַלץ מעשיות פון וויטן עבר, אָדער אַנטליגענע פאַקטן פון אַ שכנותדיק

לאַנד. דאָס האָבן די באָלשעוויקעס אַרויסגעלאָזט אַזעלכע קלאַנגען, כּדי צו באַפלעקן יוגאָסלאַוויע אין די אויגן פון דער וועלט. אַזאַ פאַקט? ס'זענען בלויז געווען גוטע באַהאַנדלונגען! די דאָזיקע מעשה? ס'הייבט זיך נישט אָן. יענער? דאָס האָט ער גאָר געשלאָגן אַן אָרעמען זשאַנדאַרם.

בעת ה. דאַווידאָוויטש, דער שעף פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און לידער פון דער אָפּאָזיציע האָט זיך געפּאָרעט מיט די פאָרמעלע באַווייזן אין די הענט, און זיין שטימע איז געווען פאַרשטיקט מיט אַ בייזע מורמלעריי פון דער רעגירונגס-מערהייט, האָט מען אים געבראַכט אַ בריוו:

— קומט תּיכּף אין קלוב פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

ער איז אַהין אַוועק. און דאָרט, נידערגעשלאָגן אין אַ ווינקל, אויף אַ שטול, צווישן אַ גרויסן טומל, איז געלעגן עפּעס ענלעך צו אַ מענטשן.

ס'איז געווען אַ מענטש, פאַרמוטשעט, צעביילט, צעשלאָגן אָבער אינעווייניק נאָך געלעבט, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן. מען האָט אים אַרומגערינגלט, מען האָט אים געוואָלט געבן הילף — און ווען מען האָט זיך צוגערירט, אָדער בעת ער אַליין האָט זיך מיט זיין פּלייצע צוגערירט צום ווענטל פון שטול, האָט ער געמאַכט געוואַלדן.

מען האָט דערקלערט דאַווידאָוויטשן, אַז דער דאָזיקער טרויעריקער קערפּער איז יאָוואַן רוסטיטש, אַ באַאַמטער אין שאַפּמשידער, נישט ווייט פון בעלגראַד.

בעת די וואַלן האָט אים דער פּאָליציי-קאָמיסאַר פון שאָפּמשידער בכבודו-ועצמו דערפירט צו אַזאַ צושטאַנד דערפאַר, ווייל ער האָט צו קנאַפּ אַגיטירט פאַרן רעגירונגס-קאַנדידאַט.

איינער האָט פאַרגעלייגט עדערן דעם פּלאַץ פון דעם אומגליקלעכן, וועלכער האָט געקרעכצט אויפן שטול, ווו ער האָט זיך געפילט ווי אויף הייסע קוילן.

זיין קערפּער איז געווען צעקיילט און צעביילט פון שטעקנס, מיט וועלכע מען האָט אים מכבד געווען.

— מען דאַרף אים אַוועקפירן אין פּאַרלאַמענט!

זיי האָבן גענומען אין די הענט דידאָזיקע לעבעדיקע שמאַטע, דעמדאָזיקן צעשמעטערטן מענטשן, און געטראָגן אים ווי אַ צעשאָסענע פאָן.

זיי זענען אַוועק אין דער סקופּטשינאַ, זיך דורכגעשטופּט, אַריינגעגאַנגען און אַוועקגעשטעלט פאַר די דעפּוטן דאָס צאַפּלדיקע בילד, אין לייב און ביינער — דער אויפטו פון דער מלוכה. דער קערפּער איז דאָרט אַנידערגעשטעלט געוואָרן ווי אַ טשוטשעלע, האַלב-נאַקעט, כדי מען זאָל קענען זען די טאַטוּאירונג און די געמיינע שמיץ פון די קלעפּ: איבער דעם אַראָפּגעלאָזטן קערפּער האָט אַרויסגעשטאַרטשעט אַ מאָוימהדי-קער קאָפּ, די האָר צוגעקלעפּט מיט שווייס צום שטערן, די אויגן צוגעמאַכט.

אַלע דעפּוטאַטן האָבן זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן שרייען.

ער האָט זיך איבערגעשראָקן, האָט אויפגעעפנט די אויגן, פאַנאַנדערגעעפנט דאָס מויל, און זיינע הענט, צעהאַקט פון קייזערלעכן פאָליצײ-קאָמיסאַר, האָבן געציטערט.

און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער פאַלט ווידער אַריין אין קאָשמאַר, פון וואַנען ער איז אַרויס. צי וועט מען אים דאָ ווידער שלאָגן? און זיין איבערגעשראָקענער בליק האָט אויסגעקוקט ווי נאָך איין וווּנד אויף זיין פּנים.

אין קעגנוואַרט פון דערדאָזיקער ענוים-אויסשטעלונג, וועלכע האָט אויף איר לייב געטראָגן דעם חותם פון די וואַלן, האָט די אָפּאָזיציע געמאַכט אַ בלאָק און געשריגן ווי איין מענטש: „מערדער!"

דידאָזיקע אויסרופן זענען געווען געווענדעט קעגן מאַק-סימאָוויטשן און אַלע זיינע משרתים, און קעגן זיינע באַלעבאַטים, ווייל מען האָט בולט געזען, אַז רוסטיטש — אַ לעבעדיקער ציל-פונקט, — האָט געטראָגן דעם ציל פון זייערע לאַפּעס, אָנ-הייבנדיק פון פּאָליציאַנט ביז צו זיין מאַיעסטעט.

אָבער אַנדערע דעפּוטאַטן זענען געוואָרן אויפגערעגט

צוליב אַן אַנדער סיבה, און די דעפּוטאַטן, וועלכע זענען געווען מער אין צאָל האָבן געשריגן:

— דאָס איז אַ סקאַנדאַל!

און דער סקאַנדאַל איז באַשטאַנען דערין, וואָס מען האָט אַריינגעפירט אַן אויסגעטאָנענעם מאַן אין חשובן פאַרלאַמענט אַריין און מען ווייזט פאַר אַלעמען זיינע מכּות. אַ קרבן פון עקזיסטירנדיקן רעזשים. און דידאָזיקע געשרייען האָבן באַהערשט די אַלע אַנדערע.

מאַקסימאָוויטשן האָט דידאָזיקע מעשה בלי ספק גאָרנישט געשמעקט. ער האָט אָן שום ספק מקריב געווען דעם פּאָליציי-קאָמיסאַר סאָקאָלאָוויטש, וועלכער האָט אַזוי שלימזלדיק איבערגעלאָזט דידאָזיקע וווּנדן — אָדער בכלל דעמדאָזיקן מאַן — און דערפילט אומגעוויסנהאַפט און נישט פאָרזיכטיק די פונקציעס פון אַ פּאָליציי-קאָמיסאַר. מען האָט אים אָפּגעשאַפט און ס'איז אַוועק קעגן אים אַן אויספאָרשונג.

אָבער דער שכל-הישר האָט דאָך איבערגעוויגן און דעריבער האָט דערדאָזיקער סקאַנדאַל אין דער סקופּטשינאַ געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף דער מערהייט.

ווייל דערצו איז מען נישט געווינט! אויב מען וויל מאַכן אַן אָנגריף און שטערן די בורזשואַזע מנוחה, פּשוט פאַרשווענקן זי, איז די בעסטע עצה — אַראָפּרייסן די שלייערן, אויסטאָן נאַקעט אַ וועזן, און באַווייזן אַזויווי ער איז. מען קען אַ מענטשן שלאָגן, הרגענען, קרייצן וויפל מען וויל, ס'איז פאַר זיי אַ טויבע, שטומע, בלינדע זאַך. מען קען אָפּטאָן פאַרשידענע קאָמבינאַציעס, וואָס עקסטרעמיסטן רופן פאַרברעכנס. אָבער צוּרירן זיך מיט אַ פינגער צו די וווּנדן, אַז יענער זאָל שרייען, אַראָפּרייסן די קליידער און דאָס העמד פון אַ מענטשן פון פאָלק, כּדי באַווייזן אויף זיין לייב די שפּורן פון סאָציאַלן אמת, — דאָס איז אַן אומדערהערטער, אומאויסדריקלעכער סקאַנדאַל.

אנרי באַרביס

דריטע סעריע דערציילונגען פונם בוך „כלערליי"

...און דאס איבעריקע

אינהאלט:

דער לערער 157
די מגילה פון דער ציוויליזאציע . . . 162
דער צוריקגעקומענער וואס קומט נישט צוריק 171
די בלוטיקע נאפט-קוואלן 182
די רויטע בתולה 199
דער עקספלואטירטער 207
דאס פערד פון די קוילן-גרובן 218

דער לערער

ס'איז וואַרעם. מען הערט, ווי ס'פליען די פליגן און מען זעט ווי גאַנצע חמרים פינטלען זיך אין דער אָנגעברענטער לופט. מענטשן גייען פאַרזיכטיק פאַרביי אונטערן שאָטן פון די גרויע הייזער. דאָס איז דער מאַרק פון קאַוואַדאַ, אַ דאָרף פון סאַנטאַנדער פראָווינץ. דער דאָרף איז ענלעך צו אַ סך שפּאַנישע אָדער באַסקישע דערפער. אמת טאַקי, אַמאָל, אין די צייטן פון קאָסטיומען און אינקוויזיציע איז דאָרט געווען פיל מאָלערישער. אָבער ס'איז נאָך דערפון פאַרבליבן געננג: די אילומינירטע טרוקנקייט פון שפּאַניען, אירע ערעסטן און אירע פינסטערע מענטשן גלאַנצן נאָך דאָרט ביז היינטיקן טאָג.

אָבער שטאַרקער פון דער פליגן-זשומעריי דערטראָגט זיך פון איבער די ווענט אַ ריטמישער, איינטאָניקער גערויש. ס'איז די שולע. אינעווייניק איז די שולע ענלעך צו אַלע שולן אין דער וועלט. טריבע, גרויזאַמע ווענט. מען וועט נישט ענדערן דעם שאַרבן פון דער שולע, כּל־זמן די געזעלשאַפט וועט איר שאַרבן נישט ענדערן. ס'שטייען דאָרט אויסגעשטעלט שוואַרצע טישן, באַזעצט מיט שוואַרצע קעפּלעך און צווישן זיי שטייט אַ מענטש, ענלעך צו אַ ריז. דאָס איז דער לערער.

פונקט ווי אַלע זיינע חברים פון דער גאַנצער וועלט, ווייזט ער אַרויס אַ סך התמדה און געדולד, כּדי אַרויסצורופן און צוצושמידן די אויפמערקזאַמקייט פון דרייסיק קליינע קעפּלעך און אַריינפירן דאָרט אַ געוויסן טייל פון דעם אומגעהויערן בילד פון דער ווירקלעכקייט.

דער לערער פון קאַוואַדאַ הייסט באַלדאָמעראָ צאָרי,

ער איז געווען אַ רויקער, פּשוטער, איידעלער מענטש: ער איז געווויסנהאַפטיק. אינם שמאָלן קרייז פון דאָרף האָט ער געשמט מיט זיין פּינקטלעכקייט. אויב ער האָט אַמאָל פאַרשפּעטיקט אין דער שולע, האָט מען געזאָגט, אַז דער זייגער גייט נישט ריכטיק.

היות אין זיינע אידעען איז געווען איינגעפלאַנצט דיזעלבע פּינקטלעכע אָרנטלעכקייט ווי אין לעבן, זענען זיינע אידעען נישט געפעלן געוואָרן אַלעמען, באַזונדערס די, וועלכע האָבן גערופן צו אייניקייט און סאָלידאַריטעט. מען האָט געזאָגט וועגן אים: ס'איז אַ רויטער. אָבער אפילו די, וועלכע האָבן נישט געקענט משיג זיין מיט זייער באַוווסטזיין, אַז מען קען זיין רויט און גלייכצייטיק אָרנטלעך, האָבן געהאַט שטאַרק דרך-ארץ פאַר באַלדאָמעראָ צאָרי.

אַ גאַנץ אַנדערע באַציונג האָבן געהאַט צוויי הויפּטפּערזענלעכקייטן פון קאַוואַדאַ, צוויי שוואַרצע: דער גלח און זיין וויקאַר. זיי ביידע האָבן באַזונדערס פיינט געהאַט דעם לערער דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געקענט אויסגעפינען קעגן אים קיין שום חטאים, אויסער זיינע רעוואָלוציאָנישע מיינונגען וועגן פרייהייט און אַלגעמיינער וווילשטאַנד.

דער גלח און דער וויקאַר האָבן געלייגט אַן אויג אויף דער שולע — דער וואַרשטאַט, וווּ ס'פאַסאָנירט זיך דער צוקונפטיקער דור. מען דאַרף, אַלזאָ, די שולע האַלטן אין די הענט, אויב מען וויל, די צוקונפט זאָל נישט אַנטלויפן צו יענעם אין די הענט אַריין.

מיט אַ צייט צוריק איז שוין דאָרט געווען איינער, פראַנציסקאָ פערער, וועלכער האָט געוואָלט באַפרייען די שפּאַנישע שולן פונם פאַרגליווערטן שאָטן פון די גלחים. האָט מען פערערן געשאָסן. די קוילן האָבן צעלעכערט זיין קערפּער, איידער ער האָט צום לעצטן מאָל באַוויזן אַ געשריי צו טאָן אַ פראַזע, וואָס איז געווען דער העכסטער געשריי פון זיין גאַנץ לעבן: זאָל לעבן די שולע!

נאָך דעמדאָזיקן נצחון האָבן זיך די שפּאַנישע גלחים

ארויסגעוואָרפן מיט מער כּוח אויף די שולן, ווערנדיק אַזוי אַזוי טערגעשטיצט דורך דער קייזערלעכער דינאַסטיע, — טיפן, וואָס שטעלן מיט זיך פֿאָר די העסלעכסטע און זעלטנסטע קאָלעקציע פון דעגענעראַטן פון אַלע צייטן. חוצדעם, האָט זיי געשטיצט די דיקטאַטור. דאָרט, וווּ אָפּיצירן זענען מלכים, רעגירן די גלחים. דאָס איז אַ לאַנד, ווּ די מענטשן קערן זיך אום צוריק צו די דורות פון דער אינקוויזיציע, און באמת, די שיינע רעדנער, וועלכע ווילן איבערצייגן דאָס פֿאָלק, אַז דורכן געזעץ פון שטענדיקן פּראָגרעס לעבט מען פרייער און גליקלעכער, מוזן זיי דאָרט שטאַרק אַרבעטן, כּדי אויפצווייזן, אַז זייערע ווערטער זענען נישט קיין טרויעריקע שפּאַסן!

דער גלח און דער וויקאַר, וועלכער איז געווען אַ שאָטן פון גלח, האָבן פיינט געהאַט דעם אויפריכטיקן, אומאָפּהענגיקן לערער בתּכלית־השנאה, דערפאַר ווייל פאַר זיי איז ער געווען זייער געפערלעך. אָבער אַזויווי אין זיינע מעשים און אין זיינע כוונות האָט מען נישט געקענט געפינען קיין שום זאַך, וואָס זאָל באמת טראָגן אַ צעשטערנדיקן כאַראַקטער, האָט מען געזוכט עצות, צו פּאַקן אים אויף אַן אַנדער אופן.

אין דער היינטיקער אומגליקלעכער שפּאַניען, איז די גלחים דערלויבט דער איינטריט אין די שולן, כּדי צו וואַרפן אַן אויג אויף די לימודים.

אינם טאָג, וועגן וועלכן איך רעד, האָט זיך די טיר פּלוצלונג אויפגעעפנט און דורך דער פּירקאַנטיקער שטיק ליכט, וואָס האָט זיך אַריינגעגאָסן אין פאַרטונקלטן זאַל, זענען אַריין די צוויי שוואַרצע מענטשן. זיי זענען דאָרט פאַרבליבן און זיך צוגעהערט.

צאָרי האָט רויק פּאָרטגעזעצט זיין לעקציע. ער האָט געשטעלט שאלות זיינע תּלמידים. און דער קליינער כּואַניטאָ, וועלכער האָט זיך פאַרלוירן און אפשר גאָרנישט געהערט, וואָס מען פרעגט אים, האָט געשטאַמלט:

— גערעכטיקייט... גלייכקייט...

דער גלח האָט געמאַכט צוויי גרויסע טריט און זיך אָני-דערגעשטעלט פאַרן קינד.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט דער גלח מיט כעס אַ פרעג געטאָן.

בעת דער צעמישטער, צעטומלטער כוואַניטאַ איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפענעם מויל, האָט רואידז, אַ ייִנגעלע פון פערצן יאָר, דער בעסטער תּלמיד אין קלאַס, געוואָלט באַווייזן, אַז ער האָט אַ גוטן זכּרון. ער האָט זיך אויפגעהייבן און געזאָגט:

— הער גלח, אַלע מענטשן זענען גלייך.

— נישט אמת! — האָט אַ ריטש געטאָן דער מענטש אין שוואַרצן און אויסגעשטרעקט זיין פויסט ביז צום תּלמידס נאָז. נישט אמת! דאָס איז פונקט אין ווידערשפּרוך מיט דער תּורה פון קלויסטער. גאָט האָט קיינמאָל נישט געזאָגט, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך. און דער הייליקער פּאָל האָט אַליין זיך אויסגעדריקט, אַז די מענטשן זענען נישט גלייך!

ער האָט געמאַכט געוואַלדן. אַן אָדער האָט זיך אָנגע-בלאָזן אויף זיין שלייף, און קליינע בלעזלעך האָבן זיך באַ-וויזן אויף זיינע ליפּן. אינדערזעלבער צייט איז דער וויקאַר געשטאַנען אָן אַ זייט, געמאַכט פאַרשידענע העוויות און גע-הייבן די הענט צום הימל.

צאָרי האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט פּאָרויס, רויק, פעסט.

— דערלויבט, הער גלח, האָט ער געזאָגט.

— וואָס זאָל איך אייך דערלויבן! — האָט געריט-שעט דער גייסטלעכער — צו שיטן שקרים און איינפלאַנצן זיי אין די קינדער? זאָגן, אַז אַלע מענטשן זענען גלייך, איז אַלצאיינס ווי איר וואָלט געפּרעדיקט דעם שקר, וואָס איז פאַרווערט פון גאָט. איר פאַרשטייט? מיינע קינדער, האָרכט מיך אויס: אייער לערער זאָגט אייך ליגנס.

— שווייגט! — האָט געזאָגט דער לערער, ווערנדיק זייער בלאַס. זיין בליק איז פאַרגליווערט געוואָרן און די הענט האָבן שטאַרק געציטערט.

אָבער דער גלח האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו רעדן.

— איר זענט אַ ליגנער! איר פאַרשפּרייט שקר. איר מאַכט חוזק פון קלויסטער... גערעכטיקייט... אָך, די גערעכטיקייט! צו קריסטן דאַרף מען נישט רעדן וועגן גערעכטיקייט, דאָס גייט זיי לגמרי נישט אָן, גאָט איז — גערעכטיקייט. מען דאַרף צו זיי רעדן וועגן גלויבן און ליבע.

און דאָס וואָרט ליבע האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ טרוקענע שנאה פאַר די איבערגעשראָקענע קינדער און פאַרן לערער, אַז צאָרי האָט אָפּגעטראָטן, מיט אַ פּנים בלאַסער ווי פריער, די אויגן פאַרגרעסערט. די קינדער האָבן זיך אויפגעהייבן און זיך באַוועגט אויף די ערטער. אין זיין פאַרלוירנקייט האָט דער לערער אַרויסגעשטאַמלט:

— איר זענט אַ פּאָדלעץ!

קוים האָט ער באַוויזן אַרויסצוזאָגן דידאָזיקע ווערטער, ווי דער וויקאַר האָט זיך אויף אים געוואָרפן, געכאַפּט אים פאַר די הענט, בעת דער גלח האָט אויפגעהייבן די האַנט אים צו דערלאַנגען.

אָבער דער וויקאַר האָט אים שלעכט געהאַלטן פאַר די הענט, ווייל ס'האָבן זיך דערהערט צוויי שאָסן. דער גלח איז געבליבן זיצן אומבאַוועגלעך און דער וויקאַר איז אומגעפאַלן, ערנדיק זיך.

בעת ער איז געקומען צו זיך, האָט דער צעטומלטער לערער אַריינגעשאָסן אין זיך אַ דריטע קויל און איז געפאַלן נעבן זיי.

אָט אַזוי איז אין 1926, אין אַ גרויס לאַנד, געשטאָרבן אַ לערער, וועלכער האָט געהאַט די העזה צו רעדן מיט די קינדער וועגן גערעכטיקייט.

דידאָזיקע מעשה האָבן עטלעכע דרייסטע צייטונגען אָפּגעדרוקט, אָבער אומזיסט וועט איר עס זוכן אין דער גרויסער פּרעסע. דער ציל פון די גרויסע אינפאָרמאַציע צייטונגען איז, ווי איר ווייסט, — פאַרבאָרגן דעם אמת.

די מגילה פון דער ציוויליזאַציע.

דאָסמאָל, מיינע פריינט, וועלן מיר אַוועקשפּאַצירן ווייטער, אַ סך ווייטער פון די לענדער, ווו אייער צעשפּרייטער המון האָרכט מיך אויס, כדי דאָרט צו געפינען אַן אמתע געשיכטע און צוגעבן זי צו די, וועלכע איך האָב אייך שוין לאַנג דערציילט.

אויף דער ערד־מאַפּע, מאַכט מערב־אַפריקע דעם איינדרוק פון אַ גרויסן החלטה־פּלאַן, וואָס באַדעקט אַ שפּאָרן טייל פון דער ערד־רונדיקייט, צעטיילט אין פאַרשידענע געאָמעטרישע אָפּשניטן, וועלכע זענען נאָך פּוסט. אָבער דידאָזיקע אַלע אָפּשניטן זענען נישט געקויפט געוואָרן: זיי וואָלטן געקאָסט זייער טייער, ווען מען וואָלט געוואָלט פאַר זיי באַצאָלן מיט געלט, און די שיינע רעגלמעסיקע צעטיילונגען פון דער קאַרטע באַווייזן אויף די טיילן וואָס די גרויסע מלוכות האָבן פאַראייגנט, ווערנדיק אומגעבעטענע באַלעבאַטים.

ווען מען קומט אַרויף אויף ד מדאָזיקן קאָנטינענט, געפינט מען זיך באַלד צווישן קוסטעס, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר אַ נידעריקן אומענדלעכן וואַלד, ווו די ביימער זענען אָפּגעבערנט און אַנטבלויזט פון דער הייסער זון אַזוי, אַז ניין חדשים אין יאָר זענען זיי ענלעך צו אונדזערע ביימער אין ווינטער. זיי ווערן גרין בלויז אינם סעזאָן פון פלייץ־רעגנס.

דאָ און דאָרט, צווישן דעם אומגעהויערן וואַלד־שטח, זעט מען נייע שטעט מיט רעגירונגס־פּאַלאַצן און בענק; יעדע שטאָט האָט זיך איר אינלענדישן קוואַרטאַל, אומבאַשטימטע, חושכדיקע שטחים, ווו די גוטע נעגערס ווימלען און זענען ענלעך צו קאָנצענטראַציאָנס־לאַגערן, בעסער געזעגט — צו עופות־שטייגן.

אַנדערע נעגערס וווינען אין דערפער צווישן די וועלדער. ניט איז אַ דערפל, וואָס געפינט זיך אויף עטלעכע הונדערט קילאָמעטער פון דער שטאָט באַמאַקאָ, אַ שפּאָגל נייע שטאָט, וועלכע שיינט און גלאַנצט ווי אַ געביידע פון אַ קאָלאָניאַלער אויסשטעלונג. אַלזאָ, דאָס דערפל געפינט זיך אין אַ וואַלד, באַשטייט פון אַ צוואַנציק שפּיציקע הייזלעך, ענלעך צו די הויכקייטן פון איינגעגראָבענע גלאָקן-טורעמס.

דער דאָרף הייסט דיאַלאַקו. אַמאָל האָט מען דאָ געלעבט צווישן באַמבאַראַסן, אואָלאָפן און אַנדערע שוואַרצע; דאָס איז געווען אַ מין צמחים-לעבן, אָבער אַ געזונט און אַ דויק לעבן. מען האָט דאָרט געאַרבעט און געלאַכט. דאָס לעבן איז דאָרט געפלאָסן אומגעפער אַזוי, ווי דאָס לעבן אויף דער ערד-פּלאַנעט אין די פּרימיטיווע דורות פון דער מענטשהייט.

די פאַמיליע פון אַלטן אַמאַדו און פון דער אַלטער דסעטע האָבן דאָרט גליקלעך געלעבט. ביידע זין, טיקע און קאָקאָבע האָבן געפּאַשעט די ציגן, שעפּסן און אָקסן, וועלכע זענען געווען אַ טייל פון זייער פאַמיליע. פון צייט צו צייט פלעגן זיי אַרויפקלעטערן אויף פּאַלמען-ביימער, צו וועלכע ס׳איז ספּעציעל געווען צוגעמאַכט טרעפּלעך און דאָרט אינדערהויך אויפן שפּיציקן בוים פלעגן זיי זויגן פּאַלמע-וויין. אָט פלעגן זיי טרינקען פּריש מילך פון אַ ברוקווע-פלעשל, פלעגן זיך לאָזן אין וועג אַריין אויף יאַגד, אָדער פּשוט צו באַקוקן דאָס לאַנד, ווייל יענע נעגער זענען פּונקט אַזוי נייגעריק, ווי שפּאַסיק. אַמאַדוס זין, צוזאַמען מיט זייער שוועסטער באַלאַ, האָבן באַזוכט די „טאַם-טאַמס״, וווּ מען טאַנצט און מען זינגט און מען פּאַטשט מיט די הענט אַרום אַ שמחה-פייער. ביינאַכט פלעגן זיי, ווי גוטע מוסולמענער, זיך וואַשן און אָפּריכטן זייערע תּפילות.

אין דעמדאָזיקן הייזל זענען אויך געווען צוויי קליינע נעגערלעך, וועלכע האָבן געוואַרט מען זאָל זיי דערהייבן צו דער מדרגה פון אַרבעטער-פּאַסטוכער, וואָס איז ביי זיי אַ גרויס כּבוד. דערווייל האָבן זיי זיך געווילט ביים שמחה-פייער

אין „טאם־טאם" און אין שפּיל האָבן זיי זיך גערייצט מיט מחנות סינאָסעפּאַלן, וועלכע זענען געווען האַלבע מאַלפּעס און האַלבע הינט, דאָס הייסט האַלבע מענטשן.

צווישן אַלע בירגער פון דערפל, האָט אַמאָדו געהאַט די בעסטע רעפּוטאַציע. ער האָט געהאַט אַ פּשוטע אמתע נשמה, און דער ראש פון דאָרף, מיטן שפּיז אין דער האַנט, וועלכער פלעגט לייגן אַכט אויף אַלעמען אין דאָרף, האָט אויף אים קיין בייז וואָרט נישט געקענט אויסרעדן.

אָבער ס׳איז געקומען פראַנקרייך, כדי קאָלאָניזירן דאָס דערפל. פראַנקרייך איז שוין דעמאָלט פעסט געזעסן אין דעם גאַנצן געגנט מיט אירע באַאַמטע און זעלנער, און האָט שוין פון זייער לאַנג פאַרוואַנדלט אירע רעכט פון אַ שטאַרקערן אויף די רעכט צו באַפעסטיקן זיך אין סודאַן. איך וויל זאָגן, אַז זי האָט זיך אויף אַ מער דירעקטן אופן פאַראינטערעסירט מיטן דאָרף דיאַלאַקו.

איך ווייס פאָרויס, וואָס איר וועט מיר זאָגן, און איך בין מיט אייך מסכים, אַז ס׳איז זייער גוט, אויב אַ פאָלק, וואָס האָט מער וויסן און איז מער קולטיווירט פון אַ צווייטן, גיט זיין וויסן און זיין קולטור אין דער דיספּאָזיציע פון דעמדאָזיקן צווייטן פאָלק, כדי דערמיט צו פאַרבעסערן זיין ווילשטאַנד, פאַרברייטערן און באַרייכערן זיין פאַרשטאַנד, — צוצוגעבן אים מער פּראָדוקטיוויטעט. אָבער דאָס זענען אַלץ בלויז שיינע דרשות אויף באַנקעטן און אויפשריפטן מיט קידוש־לבנה אותיות אויף וואַל־אַפישן. אַזאַ מין דורכדרינגלעכקייט און אַזאַ מין אחדות קען זיין בלויז דעמאָלט, ווען דער וועלטלעכער פּראָלעטאַריאַט פון עקספּלואַטירטע וועט דאָס אַליין איינאָרדענען. פאָרלויפיק איז מען נישט אויסן מיט דער קאָלאָניזאַציע די אינטערעסן פון די אָרטיקע איינוווינער, נאָר אַ מיטל, וויאַזוי סיסטעמאַטיש פּטור צו ווערן פון זיי. אַלס ביישפּיל קענען אונדז דינען די געגענטן, וועגן וועלכע מיר רעדן: די שוואַרצע באַפעלקערונג פאַרקלענערט זיך פון טאָג צו טאָג און אינגיכן וועט אַ שוואַרצער זיין אַ יקר־המציאות. מען פאַר

ניכטעס זיי, ווי אַ קרענק, צעטיילנדיק זייער לאַנד און פאַרהאַנדלענדיק זיי אין משא־חיות.

און אויף די שטענלעך פון דאָרף זעט מען לאַנגע רייען שוואַרצע, וועלכע טראָגן ווייסע אויף פאַלאַנקינען.

דידאָזיקע ווייסע האָבן אויסגעבויט גרויסע הייזער. קאָקאָבע, אַמאַדוס צווייטער זון, איז אָנגעקומען אויף דער דינסט ביי איינעם פון זיי. אָבער ס׳איז אים דאָרט געווען זייער שלעכט, מען האָט אים שרעקלעך באַהאַנדלט. ער האָט געוואָלט אַוועקגיין פון דאָרט. אָבער זיין באַלעבאָס און דער ראש פון דאָרף האָבן אים פאַרווערט. ער איז אַנטלאָפן געוואָרן. מען האָט אים פאַרפאָלגט און מיט אַ קויל אים דורכגעשאָסן אַ האַנט. זיי האָבן געמוזט אַזוי טאָן, כדי אַרויסצורופן דרך־ארץ צום אויטאָריטעט פון די ווייסע. אָבער אין נאָמען פון פעלקער־פרייהייט, האָבן זיי געטענהט, אַז ס׳איז אַ צופאַל. די ווונד האָט אָנגענומען אַן ערנסטן כאַראַקטער. ס׳איז דאָרט קיין דאָקטאָר נישט געווען: אַלע רייזנדער וועלן מסכים זיין, אַז אין סאַניטאַרן זין שטייט דאָסדאָזיקע לאַנד אויף זייער אַ נידעריקער מדרגה. צי מען וויל, צי נישט, האָט מען קאָקאָבען געמוזט, אין אַן אומבאַוועגלעכן צושטאַנד, אַריבערשיקן אינם נאָענטסטן שפּיטאָל, אויף אַ מהלך פון אַ וואָך צייט רייזע. די ערשטע צייט האָט מען פון אים באַקומען ידיעות, נאָכדעם גאָרנישט.

מען האָט אויך אויפגעהערט צו באַקומען ידיעות פון דער יונגער בעלאַ, אַ פיינע און בויגעוודיקע, ווי אַ צאַרטע בראָנזענע סטאַטוע; זי האָט צוגעצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון קאָלאָניאַלן אונטער־אָפיציר, וועלכער האָט געלעבט אין דיאַלאַקו, ווי אַ פּרינץ. די קליינע באַמבאַראַ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן ווי אַ פאַרבייגייעגדיקער שאָטן און מען האָט נישט געוווּסט וווּהין.

בעת דער אַרבעט ביי די ערד־וואַלן, כדי דאָרט איינצואָרדענען אַן אינדוסטריעלן צענטער, האָט דער באָדן אויסגעטיילט מיאַזמעס, קאָמאַרן, און דאָס האָט אַרויסגערופן אַן עפּי־

דעמיע. מען האָט עוואַקוירט אַ געוויסע צאָל ווייסע חולאים, אָבער ס'רוב פון די שוואַרצע חולאים זענען אָפּגעשטאָרבן, ווייל ס'איז דאָרט פּסדר געווען אַ דוחק אין דאָקטוירים: מע־דיצינישע הילף האָט געהאַלטן אין איין אָנקומען. אָבער זי איז נישט אָנגעקומען. מען האָט זיך נישט געיאָגט. איינער פון אַמאַדוס קינדער איז געפאַלן אַ קרבן.

אַ נייע פּערזאָן האָט זיך באַוויזן אין דערפל. ס'איז געווען אַ רעדנער, אַן אַגענט צו ווערבירן רעקרוטן. דערדאָזי־קער נעגער, וועלכער איז אָנגעקומען פון גרויסע שטעט, האָט דאָרט געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם. ער איז געווען אויסגע־פּוצט ווי אַ האָן: ער האָט געהאַט צווי קינזשאַלן, געטראָגן זיידענע סאַנדאַלן, אַ רויט־סאַמעטענעם הוט און אַ פּאַראַסאָל. ס'איז געווען זייער שווער בייצושטיין די שיינע דרשות פון אַ באַאַמטן — הגם אַ נעגער — אָבער דאָך אַזוי אויסגעפּראַכטע־טעט. ער האָט איבערגעצייגט טיקען, אַמאַדוס עלטערן זון, ער זאָל אַריינטרעטן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און גיין אויף דער מלחמה. פראַנקרייך איז געווען אַזוי גוט און אים אָנגע־נומען פאַר אַ זעלנער, אים באַפּוצט מיט אַ פיינעם מונדיר און מיט אַ ביקס. פראַנקרייך נעמט אים אָן און אַלס אָנער־קענונג, דאַרף טיקע איר דינען און שטאַרבן פאַר איר, אויב ס'וועט אויסקומען.

פאַרבלענדעט פונם געדאַנק צו דינען אַ פראַנצויז, האָט טיקע אונטערגעשריבן און אַוועקגעפאָרן.

דער אַלטער אַמאַדו און די אַלטע דסעטע זענען פאַר־בליבן איינע אַליין מיט אַ קליין קינד. זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט און זייערע פּנימער האָבן זיך פאַרקרימט.

אַזוי ווי דאָסזעלבע האָט פּאַסירט אויך ביי אַנדערע משפּחות אין דאָרף, האָט מען געקענט אַרויסזען אַ געוויסע אויפרעגונג קעגן די ווייסע הערשער. אָבער וואָס האָט געקאָנט אויפטאָן אַ הויפן נעגער, בטבע זייער מילדע, קעגן דעם שטאַרקן שטראָם פון דער איראָפּעישער ציוויליזאַציע?

יאָרן זענען פאַרבייגעלאָפן. דיאַלאָקי האָט געהאַלטן ביים

װערן אַ װיכטיקער עקספּלואָטאַציע־צענטער. ס'האָט זיך דאָרט געגרינדעט אַ גרויסער װאַרשטאַט און אַ פֿאַבריק, אַרום װעלכע ס'האָבן אַרומגעבלאָנקעט דאָס ביסל דאָרף־איינוווינער, ענלעך צו גרושים, די קליידער צעפליקט און די פּנימער איינגעדאַרט. קיין דאָקטוירים זענען נאָך אַלץ דאָרט נישט געווען. די ווייסע זענען כסדר אַרומגעפאָרן אויף אויטאָמאָבילן. אָבער דערפאַר איז דאָרט שוין געווען אַ ראַדיאָ; און די נעגער, נישט גע־קוקט אויף זייערע ליידן, זענען פאַרבלענדעט און פאַרכישופט פון מוזיק און פון די דרשות, וואָס פליען אַרויס פונם ראַ־דיאָפאָן.

ס'האָט פּאַסירט, אַז אַמאַדוס און דסעטעס קינד איז גע־פערלעך קראַנק געוואָרן אויף דערזעלבער קרענק, וואָס זיין ברודער איז געשטאָרבן. דער עלטער און די אַלטע האָבן פון פאַרצווייפלונג שטאַרק געוויינט, ווייל מען האָט אים געדאַרפט אַוועקפירן אין אַ שפּיטאָל, דערצו האָט מען געדאַרפט געלט. און קיין געלט איז נישט געווען אין דעם הויז, ווו מען האָט אַלע קינדער איינס נאָכן צווייטן אַוועקגענומען. נישטאָ קיין פאַסטוכער, נישטאָ קיין בהמות — גאָרנישט. און דאָס קינד איז געווען די איינציקע נחמה אינם לעבן פון די זקנים.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען די זקנים זענען געזעסן און זיך באַקלאָגט אויף זייער גורל, איז אַריינגעקומען אַ פרעמדער נעגער און זיך געשטעלט אין דער טיר פון זייער כאַטקע.

ס'איז געווען זייער זון טיקע. אָבער זיי האָבן אים נישט דערקענט.

ווייל דער שיסער טיקע האָט זיך נאָך פינף יאָר שטאַרק געענדערט.

מען האָט אים נישט געהרגעט, ווי ס'רוב פון זיינע חברים: באַטורו, דיאַראַ, קאַלידו, דיאַלאָ א. א. וו. (ווער איז אים־שטאַנד צוזאַמענצושטעלן אַזאַ מין רשימה!) מיט איין וואָרט, מען האָט אים נישט געהרגעט און ער איז געקומען אַהיים.

אָבער ער איז געווען צעקריפּלט. אַ פייער פון אַ שראַפּ־

בעל האָט אַראָפּגעפּליקט אַ שטיק הויט פון זיין פּנים אַזוי, אַז מען האָט אַרויסגעזען די ביינער פון דער באַק און פון דער דזשיאָסלע. און ביי אַזאַ אויסזען האָט אים קיינער נישט דערקענט.

ער האָט זיך געענדערט אויך אין אַן אַנדער זין. רייבנדיק זיך פינף יאָר צווישן פראַנצויזן און אויך אין פראַנקרייך, האָט דער אויסגערייבענער באַמבאַרער פאַסטוך פאַרלוירן אַ טייל פון זיינע אילוזיעס, אָבער דערפאַר זיך דערוואָרבן אַ פייערדיקן גייסט, פון וועלכן ער איז אַמאָל געווען גאַנץ ווייט. דאָך איז ער בטבע פאַרבליבן אַזוי פּשוט און נאַקעט, ווי אַ ווילדער מענטש.

אָט דעריבער איז אים אַריין אַ געדאַנק, — נישט אויסצוזאָגן תּיכּף זיינע עלטערן: „איך בין טיקע“. ער האָט פאַר זיי געהאַט אַ גוטן סיורפּריז. יאָ, אַ גוטן סיורפּריז. אַזויווי ער איז געווען צעקריפּלט, וואָס ס'האָט נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג, איז ער דערפאַר געוואָרן רייך. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ פאַרמעגן: דריי הונדערט פראַנק אין פראַנצויזישע באַנקנאָטן. ער האָט אָפּגענומען אַ גוטן פּרייז פאַר עטלעכע טייערע זאַכן, וואָס ער האָט געפונען אין דערפער. אין זיין מיליטער-זאַק איז געלעגן אַ דזשאָנסלע מיט גאָלדענע ציין פון אַ דערהרגעטן דייטש, וועלכע האָט זיך דאָרט אויסגעריבן און אויסגעקוקט ווי ניי.

צוריקקומענדיק פון די אַרטואַ און שאַמפּאַניער שלאַכטפעלדער, האָט אים דאָס האַרץ באמת אָנגעהייבן צו קלאַפּן, ווען ער האָט ביי דער שוועל פון זיין שטעטל דערהערט דאָס בילן פון סינאָסעפּאַלן און דערהערט דאָס מעטאַלישע אויסטערלישע גערויש פון די אויסגעטריקנטע פאַלמען-בלעטער, וועלכע רייבן זיך און קלאַפּן ווי פּאַפּע-פּאַפּיר אויף דעכער. אויך בעת ער האָט דערזען די גרויסע קעז-ביימער, וועלכע האָבן פאָרמירט אויפן פּלאַץ אַ גרינעם בויגן! אָבער פון זיין אינקאָגניטאָ-געדאַנק האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט. ער איז געשטאַנען און געשמורעט מיט אַן אויג.

דער אַלטער אַמאָדו און זיין ווייב האָבן דעמדאָזיקן גאַסט אויפגענומען גאַנץ פיין, אָבער זיי זענען געווען צעבראָכן און געשוויגן. זיי האָבן בלויז, ווי אין חלום, דערפילט דעם מנהג פון גאַסטפריינטלעכקייט. אומזיסט האָט טיקע געפּרוווט אַרויספירן זיי אויף אַ שמועס. שפּעטער, כדי אויפצוועקן ביי זיי אַן אינטערעס צו אים, האָט ער באַשלאָסן אַרויסצוווייזן פאַר זיי זיין רייכקייט. ער האָט זיי באַוויזן זיינע באַנקנאָטן, וועלכע זענען געלעגן אין זיין זאַק, איינגעוויקלט אין אַ נאָזטיכל.

דיביידע אַלטיטשקע האָבן זיך אויף אַ רגע אויפגעכאַפּט פון זייער פאַרגליווערטן צושטאַנד, און גלייכצייטיק איז זיי ביידן אריין איין און דערזעלבער געדאַנק: „ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ טייל פון דעם געלט, וואָלט דער קליינער, וועלכער האַלט ביים שטאַרבן, אויסגעהיילט געוואָרן".

אַזויווי טיקע איז אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצן טאָג ביז אינאָוונט געגאַנגען צופוס, האָט אים באַהערשט דער שלאָף, ער האָט אַ געגעץ געטאָן און ענדלעך אַנטשלאָפן געוואָרן, מיט זיין מיליטער-זאַק ביי דער זייט.

און ביידע אַלטיטשקע האָבן גלייכצייטיק ווידער אַ טראַכט געטאָן: „אַך, ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען מען נעמט צו זיין געלט, בעת ער שלאָפט!"

און די אַלטע מוטער האָט אין טאַטנס קעגנוואַרט שטיל צוגענומען דאָס געלט, און זיי זענען ביידע אַרויס, צומאַכנדיק די טיר.

אָבער אינדרויסן, האָט דסעטע געזאָגט:

— ווען ער וועט זיך אויפכאַפּן, וועט ער געוויס אָפּנעמען ביי אונדז דאָס געלט און דער קליינטשקער וועט שטאַרבן.

זייערע אָרעמע מוחות זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ פעסטן געדאַנק און פון קיין שום אַנדער זאַך האָבן זיי אין יענער רגע נישט געטראַכט. די אַלטע פּאָר האָבן אַ ציטער געטאָן ביים געדאַנק, אַז די רפואה פון זייער זון, וואָס זיי האַלטן אין דער האַנט קען פון זיי אַרויסגעריסן ווערן.

דער זקן האָט אָנגעלייגט טרוקענע צווייגן פאַר דער טיר פון זיין קליינער כאַטקע, ווו דער גאַסט איז געשלאָפן, ער האָט די צווייגן אונטערגעצונדן, און ביידע זענען זיי אַוועק.

ווען ס׳האָט אָנגעהייבן שאַרען אויף טאָג, זענען זיי ביידע געקומען אַ קוק טאָן וואָס ס׳הערט זיך.

ס׳איז דאָרט געלעגן אַ באַרג פאַרברענט האָלץ, וועלכעס האָט געררויכערט דאָ און דאָרט, און אַ פאַרברענטער קערפּער אינמיטן.

אָבער עפּעס אַ זאַך אויפן פאַרברענטן קערפּער האָט צו־געצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט. דאָרט!... אויף דער ברוסט, איז אויף אַ קייטעלע געהאָנגען טיקעס אַ קמיע!

טיקע, טיקע, זייער זון! ביידע אַלטע זענען געפאַלן אויף דער ערד און געקרעכצט, אַז ס׳האָט געריסן ביים האַרצן. זיי האָבן זיך מיטאַמאָל דערמאַנט, אַז דער פרעמדער האָט באמת געהאַט טיקעס שטימע. זיי זענען פאַרבליבן ליגן אויף דער ערד עטלעכע שעה. זיי זענען געלעגן און געוואַרט.

און זיי האָבן דערהערט, ווי אינדערלופטן טראָגט זיך דורך אַ מעכטיקע שטימע, שטאַרק ווי אַ דונער. דאָס האָט דער ראַדיאָפאָן גערעדט.

וואָס האָט געזאָגט די שטימע, וועלכע האָט זיך אין יע־נער רגע פאַרשפּרייט אויפן גאַנצן אויבערפלאַך פונם ערד־קוגל? וואָס האָט זי געזאָגט צו די צוויי פאַרגליווערטע שוואַרצע, וועל־כע זענען דאָרט געלעגן אויף דער חורבה פון צעשטערונג? דאָס איז געווען אַ דרשה פונם מיניסטער פון די פּראָווינציזישע קאָלאָניעס:

„אומעטום, וווהין פראַנקרייך דרינגט אַריין, ברענגט זי די פעלקער נישט נאָר ווילשטאַנד און ציוויליזאַציע, נאָר אויך ליבע און ברידערלעכע פאַרזאָרגונג!"

דער צוריקגעקומענער וואָס קומט נישט צוריק.

צפון־אַמעריקע האָט שטאַרק דרך־ארץ פאַר מעקסיקע. זיי לייגן אויף מעקסיקע גרויס אַכט, ווייל ס׳איז אַ גוט לאַנד, וואָס איז אָנגעזאַפּט מיט נאַפט און פאַרמאָגט אַ סך נאַטירלעכע אוצרות. אָבער ס׳איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז די אַלע זאַפּאַסן זענען רעזערווירט פאַר די יאַנקיס, וועלכע האָבן אַ חלק אין וואָל־סטריט, אַ הימל־קראַצנדיקן קופּער, וועלכער איז דער גרעסטער קופּער אין דער וועלט, און וועלכער ווערט אָנגעפילט דורכן כוח פון די פאַרהעלטענישן. אַלזאָ, די צפון־אַמעריקאַנער ווילן מיט אַלע כוחות פאַרניכטן אין דער שיינער מעקסיקע נישט בלויז דעם אומאָפּהענגיקן גייסט, נאָר אויך דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט, וועלכער איז אויפן ערגסטן אופן ענלעך צום אומאָפּהענגיקן גייסט, היות ער גיט דער פרייהייט אינטעליגענטע יסודות.

אָבער זיי האָבן אַ האַרטן נוס צו צעבייסן, ווייל די מעקסיקאַנישע אַרבעטער זענען כּלל נישט געשטימט צו לאָזן זיך קאָלאָניזירן דורך אַמעריקע. און ס׳האָט זיך דאָרט געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז די מענטשן, וועלכע ווייזן אַרויס זייער ווילן — אַרויסצורייסן זייער לאַנד פון אונטערן יאָך פון דער ציווילי־זאַציע, וואָס רעדט ענגליש, ווערן שטאַרק געליבט פון די פאָלקס־מאַסן. די אַמעריקאַנער האָבן ביז איצט נישקשהדיק אָנגעפילט די תּפיסות, און ס׳איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, ווייל ווי מען ווייסט, האָט דאָס מעקסיקאַנישע פאָלק אַרויסגעוויזן זייערע צײַן און אָנגעהויבן צו נעמען זייערע ענינים אין זייערע אייגענע הענט אַרײַן.

ס׳האָט פּאַסירט אין 1913 יאָר. אַ גוט־באַקאַנטער מעקסי-

קאַבישער רעוואָלוציאָנער כאָזע ראַנבעל, און אַ צווייטער, וועלכן איך וועל אָנרופן כאָזע רעאַל, זענען פאַרמשפּט געוואָרן דורך דער גרויסער דעמאָקראַטישער רעפּובליק: דער ערשטער אויף 99 יאָר תּפיסה, און דער צווייטער בערך אויף אַ דריי פערטל דור. אַלזאָ, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, זענען זיי פאַרמשפּט געוואָרן אויף טויט דורך אַלטקייט, און זיי זענען אַריין אין תּפיסה, ווי מען לייגט אַריין אין אַ קבר.

ס'איז נישטאָ קיין שום רחמנות פאַר אַזעלכע פּאָליטישע אַרעסטירטע.

אָבער צייטנווייז פאַרוועגדעט מען אַזעלכע מיטלען בנוגע אַרעסטירטע, וועלכע מען קען באַטראַכטן ווי פאַרלייכטערונגס-מיטלען; אינדעראמתן זענען עס אָבער ראַפינירטע מיטלען. ס'פּאַסירט זייער זעלטן, אָבער ס'פּאַסירט. מען האָט עס אויך באַשיינפּערלעך געזען, אַז מען דערלויבט די אַרעסטירטע צו קומען אַמאָל אַהיים, נאָכדעם ווי זיי גיבן אַן ערן-וואָרט זיך צוריקצוקערן אין דער תּפיסה צו דער באַשטימטער צייט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער חסד, וואָס הייבט זיך אָן זייער גוט און פאַרענדיקט זיך אויף אַ שרעקלעכן אופן, חזרט זיך מער קיינמאָל נישט איבער.

און אַזאַ מעשה האָט פּאַסירט מיט כאָזע ראַנבעל, נאָכדעם מיט כאָזע רעאַל.

כאָזע רעאַל איז פאַרמשפּט געוואָרן, ווי איך האָב פריער געזאָגט, אין 1923. ער און זיין ווייב קלעמענס זענען דעמאָלט אַלט געווען פערציק יאָר. זייער טאָכטער סאַראַוויאַ איז אַלט געווען אַכט יאָר און זייער זון ווינסענטע צוועלף יאָר, בשעת ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון דער לעבעדיקער וועלט. שפּעטער, ווען ביידע קינדער זענען אויפגעוואַקסן האָבן זיי חתונה געהאַט און יעדערער פון זיי האָט געהאַט צו איין קינד. און אַלע צוזאַמען האָבן געוווינט אין אַ הויז אין סאַן-סעבאַסטיאַנאָ וווּ כאָזע רעאַל האָט געלעבט, בשעת ער איז נאָך געווען אַ מענטש מיט אַלע מענטשן צוגלייך.

ווען מען האָט צו אים געזאָגט: מען וועט דיך לאָזן

צחיים, די ווערסט אויסקאָרן איניאָחנס, אָבער די מוזט דאָ זיין צוריק מאָרגן איניאָוונט — איז ער אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט גרויס פרייד. ער וועט זען די שטילע צאַרטע קלעמענס, וועל-כע איז אין אַ משך פון צוואָנציק יאָר געווען אַ טייל פון זיין לעבן; אין זיינע טריבע און העלע טעג איז זי געווען זיין נחמה, אָנשטאָט אַ מיידעלע וועט ער איצט זען אַ גרויסע יונגע פרוי, און אַ גרויסן שיינעם יונגנמאַן אָנשטאָט אַ קליין יאַטל. נאָכמער, ער וועט זען צוויי קינדער, פון וועלכע ער איז שוין אַ זיידע, שוין אָפּגערעדט פון די, פאַר וועלכע ער איז אַ שווער. יאָ, ס'גלויבט זיך עפּעס נישט, אָבער ס'איז אמת. ער וועט איצט זען, ער וועט אָנרירן דאָס, וואָס עטלעכע בריוו האָבן אים געוואָלט באַווייזן מיט זייערע אומגעשיקטע אינפאָר-מאַציעס, מיט די פּוסטע אותיות וואָס האָבן געזאָגט: ס'איז געבוירן געוואָרן אַ קינד מיטן נאָמען אַרטוראָ און אַ צווייטער מיגועל... זיי וואַקסן... זיי זענען שיין". ער וועט זען דאָס, וואָס די בריוו גיבן אים צווּיסן, אָבער מען דערוויסט זיך קנאַפּ, באַזונדערס דעמאָלט, ווען ס'שרייבן זיי גוטע מענטשן, וועמעס פינגער קענען נישט פלוידערן.

ער גייט עס איצט אַלץ איבערלעבן, אָנפילן זיין גאַנץ וועזן מיט דעמדאָזיקן אומענדלעכן דויער, וואָס וועט זיך ציען אַ גאַנצן טאָג!

און זיין גליק איז נאָך געווען שטאַרקער דערמיט, וואָס דער גאַנצער ענין האָט זיך שוין געשלעפּט זייער לאַנג, ווייל זיבעט לאַנגע חדשים האָט מען אים דערפון אָנגעזאָגט, ווייל ער האָט געהאַלטן דערפון אין איין טרוימען און ער איז אָפּ-געמאַטערט געוואָרן פון האָפענונג און פאַרצווייפלונג.

ווען ס'איז אָנגעקומען דער באַשטימטער טאָג, איז ער געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערער מענטש און ער האָט זיך דעמאָלט געשטעלט אַ שאלה, צי זאָל ער אָנזאָגן זיין משפחה וועגן זיין קומען, אָדער צי זאָל ער זיך באַווייזן פלוצלונג איניאָוונט און גאַנץ רויק זאָגן: „אָט בין איך, גיט מיר עפּעס אָפּצועסן". ער וועט

פּס אַרויסזאָגן פּונקט מיט דערזעלבער שטימע ווי אַמאָל, בעת ער פּ.עגט קומען פון מאַרטאַק.

אָבער ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז עס איז צו גע-פערלעך צו מאַכן אַזאַ איבעראַשונג: אפשר וועלן זיי גראָד גישט זיין אינדערהיים! אָדער אפשר עפּעס אַן אַנדער צופאַל? ביין, ער וועט זיי בעסער אָנזאָגן, און ער האָט אָנגעזאָגט.

ער האָט פאַרלאָזן די תפיסה דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. ער האָט געדאַרפט צוריקקומען אין תפיסה אַריין אויפצומאָרגנס ביי זון-אונטערגאַנג. ס'זענען דעמאָלט געווען שיינע טעג. אָבער ער האָט זיך אויף קיין רגע נישט פאַרטראַכט וועגן דעם סוף פונם טאָג, וואָס וועט פאַר אים זיין דער סוף פון אַלץ.

נאָך דרייצן יאָר תפיסה האָט ער זיך עפּעס מאָדנע גע-פילט אויף דער פריי. אָט גייט ער אויף אַ גאַס, קען באַוועגן מיט די הענט אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט אַרויפ-קריכנדיק מיט דער האַנט אויף אַ וואַנט, הייבט די אויגן דאָ, דאָרט און באַגעגנט כּסדר ליכטיקע, פריילעכע שטראַלן.

ער האָט זיך נישט געהאַלטן פעסט אויף די פיס, און אַלע זאַכן האָבן געטאַנצט פאַר אים; און די מענטשן, וועלכע זענען פאַרבייגעגאַנגען האָבן געטאַנצט פאַר אים. „ס'איז מסתּם איינער, וואָס איז אָקאָרשט אַרויס פון שפּיטאָל" — האָט מען געטראַכט. און זיי האָבן קיין טעות נישט געהאַט.

ער האָט אויסגערעכנט, אַז פאָרנדיק מיטן צוג און נאָכ-דעם צופוס, וועט ער אָנקומען אַהיים אַכט אַזייגער אינאָוונט. ער וועט קענען אָנקוקן די טייערע פּנימער, ביי טאָג-שיין, איידער מען וועט אָנצינדן די לאָמפּ.

אין צוג האָט ער זיך געפילט, אַז ס'שווינדלט אים אין די אויגן און אַז ער איז אָפּגעמאַטערט. בעת דער צוג האָט געקלאַפּט מיט די רעדער, האָט ער געמוזט צומאַכן די אויגן, וועלכע האָבן זיך געניטיקט אין קוקן, אין אויפכאַפּן אַלע פּרטים און קיין זאַך נישט פאַרלירן פון דער אָבסערוואַציע.

ער האָט געזען בלויז איין רייזנדער, וועלכער איז אַרויפ-געשטיגן אין דערזעלבער צייט וואָס ער, און פון צייט צו צייט

געהאָרפן אַן אויג אין זיין ריכטונג. ער האָט אפילו גוט באַטראַכט דאָס פּנים פון דעמדאָזיקן פּאַרשוין; אָבער צעחושט און צעטומלט פון דער גרויסער וועלט, האָט ער נישט באַמערקט, אַז ער קען דאָסדאָזיקע פּנים, אַז דאָס איז געווען דער פּאָליציי-אינספּעקטאָר, וועלכער האָט געהאַט אויף זיך די אויפגאַבע צו דערמאָנען אים וועגן זיין שבועה, אין פאַל אויב ער וועט נישט קומען צו דער פאַרשפּראָכענער צייט. אלע תּפיסה-לייט און רעגירונגס-לייט האָבן נישט צופיל צוטרוי צו דער אויפריכטיקייט און צו די ערן-ווערטער פון מענטשן — ווייל זיי זענען זייער ווייט פון דעמדאָזיקן געפיל. דאָך איז דער אויפזעער געווען זייער קאָרעקט און זיך באַמיט צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער טראַכט פון אַ גאַנץ אַנדער זאַך.

כּאָזע איז ענדלעך אַראָפּ פון צוג. זעקס אַזייגער. כּמעט צוויי שעה צייט האָט ער נאָך געדאַרפט זיין אין וועג. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ קלייניקייט פאַר אַ געוויינלעכן מענטשן, אָבער נישט פאַר קיין אַרעסטירטן, אַרויסגעשלעפּט פון צווישן אַרעסטירטע, בפרט אַז אינם משך פון דרייצן יאָר איז זיין גרעסטער שפּאַציר געווען איבערן קליינעם תּפיסה-הויף.

אויף דעמדאָזיקן גרויסן וועג-שטח האָט זיך אים שטאַרק פאַרוואָלט שלאָפן: צופיל איז אים אויסגעקומען צו לעבן אינם נייעם לעבן, אין איין האַלבן טאָג.

די מענטשלעכע חיה האָט אים געשלעפּט אויף דער ערד און אים צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט בשום אופן נישט געקענט געוועלטיקן איבער זיך. ער האָט זיך אויסגעצויגן אונטער אַ שטויס ברעטער, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, נישט האָבנדיק אפילו קיין צייט אַ טראַכט צו טאָן, אַז ער האָט געקענט בעטן מען זאָל נאָך אים קומען מיט אַ דראָזשקע, כּדי איינצושפּאָרן זיך די טייערע צייט. אָבער ער האָט נישט געטראַכט, ווייל ס׳האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט שלאָפן, און אויב ס׳איז אים געשטאַנען טרערן אין די אויגן, איז עס געווען פון גענעצן. מיט אַן אָפּענעם פאַרגענעצטן מויל איז ער

אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן שלאָף. און אין אַזאַ צושטאַנד איז ער אָפּגעלעגן אַ לאַנגע צײַט.

ווען ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט איז נאָך געווען ליכטיק. ער איז געווען מונטער, אָבער די זון איז שוין געזעסן גאַנץ נידעריק. ער האָט אָנגעהויבן צו לויפֿן אין דער ריכטונג פֿון פֿאָרשטאָט, וווּ זײַן הויז האָט זיך געפֿונען. לאַנג האָט ער אָבער נישט געקענט לויפֿן, האָט ער געמוזט איבערגיין אויף אַ שנעלן גאַנג.

אַרבעטער־הײַזער, כאַטקעס, פּלויטן, באַראַקן האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווײַזן. סען־סעבאַסטיאַנאָ איז אַ חוינאָרט, וואָס ציט זיך לענגאויס דעם וועג. צײַטנווײַז שווימען אַרויס גרויפּעס הײַזער. ער איז צוגעקומען צו דידאָזיקע גרופּעס הײַזער. צו זײַן הויז איז אים נאָך פֿאַרבליבן אַ דרײַ, פֿיר קילאָמעטער.

אָבער אויף אַ שוועל פֿון עפּעס אַ הויז איז אויסגעוואַקסן אַ געשטאַלט, און בעת ער האָט זיך דערנענטערט האָט יענער אויפֿגעהייבן די הענט צום הימל:

— כאָזע!

ס׳איז געווען סאַנטאַנדער, זײַן אַלטער חבר פֿון עלנט און קאַמף.

— כאָזע! איך דערקען דיך! אַלזאָ, דאָס ביזטו!

און שטייענדיק אומבאַוועגלעך אויף די פֿיס, די שטימע פֿאַרשטיקט, מיט אַ שטיין אין האַרצן, האָט ער פּשוט אָפּגעענטפֿערט:

— דאָס בין איך.

— איך דערקען דיך! — האָט פֿייערלעך אויסגערופֿן סאַנטאַנדער. דו האָסט זיך קיין סך נישט געענדערט. יאָ, קלעפּענס, דײַן ווײַב האָט אונדז דערציילט, אַז דו דאַרפֿסט קומען. נאָכמער, זי איז דאָ נעכטן אינאָווענט געווען, מײַנענדיק, אַז דו קומסט אָן. זי איז בײַנאַכט אַוועקגעפֿאָרן, זעענדיק אַז דו קומסט נישט.

און דאָס איז געווען אויף עטלעכע טריט פֿון אָרט, וווּ ער איז אײַנגעשלאָפֿן געוואָרן. ער האָט געדאַרפֿט גיין נאָך עטלעכע מינוט, וואָלט ער באַגעגנט קלעמענסן.

בינו-לבינו זענען נאָך אַנדערע זיינע אַמאָליקע חברים און פריינט אַרויס פון די הייזער, צוגעקומען צו אים, גע־פרייט זיך און געהייבן די הענט צום הימל. זייערע אויגן האָבן זיך באַוועגט אין זייערע ברוינע פּנימער. מיט טרערן אין די אויגן האָבן זיי אַרומגעכאַפּט כאָזען, געקושט זיך מיט אים און געדריקט אים צו זייערע פעטטע ברידערישע ברוסטן.

אויך פרויען זענען זיך אָנגעלאָפן. די קינדער, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, האָבן אויפגעהערט צו שפּילן און זיך צוגעקוקט צו דער גאַנצער סצענע.

ס'איז אַפילו צוגעקומען דער גלח לעאָנטע, מיט וועמען כאָזע איז אַמאָל נישט געווען שוה-בשוה. דער גלח לעאָנטע איז געוואָרן דיק און קיילעכדיק און זיינע גרויסע ליפּן זענען געווען דורכגעוועבט מיט פעטס. ער האָט געשמייכלט און באַוועגט מיט די הענט, אָבער זיין קוק איז געווען אַ כיטרער און אַן פרעכער.

— כאָזע? קום אַריין! אַ גלעזל וויין!

ביי אַזע/כע באַדינגונגען זאָגט מען זיך נישט אָפּ פון אַ גלעזל וויין, בפרט נאָך, אַז דאָס וועט אים צוגעבן כוחות.

— נו, גוט, איך וועל אויסטרינקען שטייענדיקערהייט און תיכף אַוועקגיין.

— זיכער, אינדערהיים וואַרט מען אויף דיר.

דאָך, אַז זיינע פריינט זענען צוגעשטאַנען, איז ער מסכים געווען צוצוזעצן זיך אויף אַ רגע, בעת די פרוי איז אוועק נאָך עטלעכע פלעשלעך.

— נאָך אַ גלאָז, אַלטער קאַמראַד.

גלעזער, שאלות, אויסרופן האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן אינעם קליינעם צימער, וווּ זיי האָבן זיך געפונען.

— גענוג, איך גיי שוין אַוועק.

אָבער ער האָט זיך שוין נישט געקענט אויפהייבן...

דער קאָפּ האָט זיך ביי אים געדרייט פון די דריי גלע־זער, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען.

זייענדיק בגילופן האָט ער אַריינגעצויגן אַ פערטע גלאָז,

מײנענדיק, אַז ער װעט באַקומען מער קוראַזש און ס׳װעט אים זײַן לײַכטער צו גײן.

ער האָט דערפֿילט, װי ער װאָלט באַקומען אַ קלאַפּ אין נאַקן און אומבאַשטימט האָט ער פֿאַרשטאַנען, װאָסער פֿאַרברעכן ער איז דאָ באַגאַנגען.

די אַנדערע אַרום אים, האָבן צו זיך געטענהט: „װאָס איז מיט אים?" און האָבן גאָרנישט פֿאַרשטאַנען. װײַל נישט יעדערער קאָן פֿאַרשטײן, װאָס ס׳איז אַזױנס: זיצן יאָרנלאַנג פֿאַרמאַכט אין אַ שטײגל, עסן געװאַשענע בעבלעך, מאָגערע זופּן און טרינקען װאַסער. און די פֿיר גלעזער זענען פֿאַר אים געװען, װי פֿאַר אַן אַנדערן פֿיר קריג.

זײַנע געהירן זענען אַזױ װי צעשמאָלצן געװאָרן, און ער האָט אױסגעצױגן זײַנע הענט, כּדי נישט אומצופֿאַלן. די צאָל זײַנע פֿרײַנט האָבן זיך געמערט אין זײַנע אױגן, און זײערע מײַלער, צעשניטן פֿון גלעכטער, צוליב זײַן קבלת־פּנים, האָבן זיך געשניטן ביזן האָריזאָנט. און די װענט זענען געװען קרום, און די מענטשן זענען געגאַנגען מיט זיגזאַגן און פֿאַרשװוּנדן געװאָרן.

שרעקלעכער פֿון אַלץ איז געװען דאָס, װאָס ער האָט דאָך פֿאַרשטאַנען אין װאָסער אָפּגרונט ער זינקט.

אַ כּעס האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט זיך אױפֿגעהױבן און געװעט. אָבער דערדאָזיקער געשרײ האָט אים פֿאַרשטיקט און ער איז אומגעפֿאַלן.

נאָכדעם האָט ער זיך װידער אױפֿגעהײבן, מיטן קאָפּ אױסגעשטרעקט צו דער טיר און צום װעג, האָבנדיק אױגן פֿון אַ פֿאַרמשפּטן.

זײַנע פֿרײַנט זענען צוגעלאָפֿן צו אים און אים אונטערגעהאַלטן. זײ האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון. זײ האָבן זיך געשעמט; װאָס האָט זײ געקאָסט געזונט; אָבער דאָך זענען זײ נישט געװען שולדיק. ס׳איז זײ גאָרנישט אַרײַן אין זינען, אַז די מעשׂה קען זיך אַזױ ענדיקן.

אָנהאַלטנדיק זיך אָן פּאַבלאָן, האָט כאָזע זיך דערשלעפּט צו דער טיר.

— די לופט וועט אויף אים האָבן אַ גוטע ווירקונג.

אָבער, נישט וויסנדיק פּאַרוואָס, האָט די לופט גאָר אויף אים געהאַט אַ שלעכטע ווירקונג, און אָנשטאָט פּאַנאַנדערצו־טרייבן זיין שיכּרות, וואָס די עטלעכע גלעזער ווין האָבן אָנ־געמאַכט אין זיין אָרגאַניזם, האָט זי נאָך מער אויפגערייצט זיין שגעון.

אַ פרוי איז געשטאַנען נישט ווייט פון דער טיר.

ער האָט געזאָגט: קלעמענס!

דאָס איז נישט געווען קלעמענס, אָבער ס'האָט אים אַזוי געצויגן צו איר, אַז זיינע חברים האָבן אים צו איר צוגעטראָגן.

דידאָזיקע פרוי האָט זיך איבערגעשראָקן, זי איז בלאַס געוואָרן. זי האָט געציטערט. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער זי האָט עס נישט געטאָן.

ער האָט געהאַלטן פאַר איר אַ דרשה, ער האָט זיך ביי איר געבעטן:

— אַלזאָ, דו דערקענסט מיך נישט? וווּ זענען די קינ־דער, די קליינע, ווו זענען זיי פאַרבאַהאַלטן? באַווייז זיי.

זיינע פריינט האָבן געפרווט אים אויסניכטערן, אריינ־שרייענדיק אים אין די אויערן פאַרשידענע קללות. אייניקע האָבן אים געזידלט, די אַנדערע האָבן זיך ביי אים געבעטן, נישט וויסנדיק וואָס איז בעסער. ס'איז געווען אַ טומל, אַ גערודער.

עטוואָס אָן אַ זייט, פון הינטן, האָט דער גלח לעאָנטע באַטראַכט די גאַנצע סצענע און געשמייכלט מיט אַ דעמאָנישן שמייכל.

בינו־לבינו איז אַ יונגע פרוי אָנגעקומען פון סען־סע־באַסטיאַנאָ. זי איז געקומען אַ צעפרידענע. זעענדיק דעם גרויסן אויפגעלויף, איז איר פּנים נאָך מער באַלויכטן געוואָרן און זי האָט צו זיך געזאָגט: אָט דאָ איז ער! ווען זי האָט

דערזען דעם אומגליקלעכן מיט זיין ווילדן בליק, וואָס האַלט זיך קוים אויף די פיס, האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ געשריי.

דער קלאַנג פון דערדאָזיקער שטימע האָט מאָדנע דורכגענומען כאָזע רעאַלן. דידאָזיקע שטים פון בלוט האָט, קענטיק אויף אים געווירקט, ווייל ער האָט זיך באַרויקט און אויסגעדרייט די אויגן צו איר.

אָבער די יונגע פרוי, אַ פאַרוויינטע, האָט פאַרשטעלט דאָס פנים מיט די הענט, אַזוי, אַז דער טאַטע האָט נישט געקענט געפינען אירע אַמאָליקע קינדערישע שטריכן. און ער האָט געקוקט אין אַן אַנדער ריכטונג. זי האָט זיך אים איצט נישט פאָרגעשטעלט אַלס אַ קליין קינד, וועלכעס האָט זיך אַמאָל אָנגעטשעפּעט אָן דער מאַמעס בלויע קלייד און האָבנדיק מורא, האָט זי זיך פאַרבאַהאַלטן פון הינטן.

און ער איז באַהערשט געוואָרן פון האַלוציאַנאַציעס, פון אַ בייזן חלום. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז מען וויל אים נישט אויפעפענען אַ טיר, פאַר וועלכער ער געפינט זיך. ער האָט געמאַכט געוואַלדן מיט געקרייצטע הענט: „עפן, מיין טייבעלע, דאָס בין איך".

נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעטשעפּעט אָן אַ קלאָץ. די מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק און האָבן נישט געוווּסט וואָס מען טוט. זיי האָבן אים אונטערגעהאַלטן, ער זאָל נישט פאַלן און זיך נישט צעקלאַפּן. אָבער די וועלכע זענען פאַרבליבן אַרום אים — ווייל די איבעריקע האָבן געמוזט אַוועק צו דער אַרבעט — האָבן אים שעהנלאַנג נישט געקענט אַרויספירן פון זיין פאַרגליווערונג.

ענדלעך איז אָנגעקומען די רגע, ווען די פערזאָן, וואָס האָט אים באַגלייט און געקוקט אויף אים פונדערווייטנס, האָט געמאָלדן, אַז ס'איז געקומען די שעה, ווען מען דאַרף פאָרן צוריק.

מען האָט אים אויף אַ פור געמוזט אַוועקפירן ביז דער סטאַציע, פונוואַנען דער צוג וועט אים אַוועקפירן ביז צו דער

תפיסה. און פון דאָרט, ווי ס׳דריקן זיך אויס די פראַנצויזישע אַרבעטער, וועט ער אַרויסגיין „מיט די פיס פאָרויס".

ער האָט זיך אַריינגעקוועטשט אין אַ ווינקל פון וואַגאָן און איז געשלאָפן. בעת ער איז געשלאָפן, איז זיין פנים געווען באַגייסטערט. דאָס וואָס ער האָט מסתם נישט געטאָן אין לעבן האָט ער דורכגעמאַכט אין חלום. און כאָזע רעאַל, דער קרבן פון דער שלימזלדיקער פריינטשאַפט פון זיינע ע.נט-חברים און פון זיין אייגענעם עלנט, קען פון איצט אָן בלויז אויף אַזאַ אופן זיין גליקלעך — גליקלעך אין חלום.

די בלוטיקע נאַפּט-קוואַלן

ביל פיו איז אַ שאַרלאַטאַן.

איך פיל אַן עקל צו דעמדאָזיקן פאַרשוין — קודם צו אים אַליין — און נאָכדעם, ווייל ער געהערט צו דעם מין זייער פלינקע מענטשן, וועלכע זענען נישט ווייניקער נידערטרעכטיק ווי באַנאַל, וועלכע מערן זיך, פאַרפעסטנדיק נישט בלויז די ליטעראַטור, נאָר אויך דאָס לעבן.

דערדאָזיקער מין פאַרשפּרייט זיך אויף ביידע האַלב-קוילן, ווי די גרויסע עפּידעמיעס, וועלכע זענען היינט צו טאָג אינטערנאַציאָנאַל, אָבער אַממערסטן געפינט מען אים אין די פאַרייניקטע שטאַטן, וווהין עס ציען אים די פעטע ביסנס. ביל פיו איז אַ מענטש, וועלכער איז פעיק צו מאַכן יענעם רייך (ער אַליין פאַרמאָגט איצט אויך אַ סך מיליאָנען); ער איז פעיק אויף אַלץ און האָט אַלץ אָפּגעטאָן; ער איז געווען אַ שפּיאָן, אַן עקזעקוטאָר און אַ שלעגער, אַ פאַרמיטלער און אַ שותּף צו גרויסע מסחרים. ער האָט אין זיך תּמיד אַ שטאַרק אָנגעצויגענע פרוזשינע: אַ גייציקייט צו פאַרדינסט. איבעריקנס, גלייכט זיך אויס זיין פעיקייט מיט זיין געוויסנלאָזיקייט.

ער איז געווען אַ פערד-יונג, אַ פּאַסטוך, אַ וואַנדערשלעפּער, אַ שענקער, אַ גנפאַנגענער און אַ שפּעקולאַנט. ער איז אַזוי פיל מאָל רייך און אָרעם געוואָרן, נאָכדעם אויפסניי רייך געוואָרן, אַז ער איז אין דער אמתן ענלעך צו אַ מענטש מיט צוויי צורות און ווען מען באַגעגנט אים, ווייסט מען קיינמאָל נישט, צי ער איז אַ מיליאָנער, צי אַ קבצן.

איך זע אים גאַנץ אָפּט אין גרינעם רעסטאָראַן, ביים פּאָרט. אין דעמדאָזיקן מאָלערישן ווינקל פון אַלטן ענגלאַנד

פאַרברענגט ער לאַנגע שעהן, ווייל ער איז אַ פאַרברענטער שיכור. איך פרעגט מיך: פאַרוואָס קום איך אין דערדאָזיקער שענק און פאַרברענג אין זיין געזעלשאַפט? איך קום נישט צו טרינקען און נישט צו קוקן אויף אים. ער איז מיאוס, און בראָנפן איז פאַר מיר שעדלעך. אָבער ער, וועלכער איז בטבע אַ שווייגער, באַקומט לשון נאָך עטלעכע גלעזלעך. און דורך דידאָזיקע לייט קען מען באַקומען געוויסע באַגריפן פון דער היינטיקער העסלעכערווירקלעכקייט, וועלכע איז פאַר אומ־וויסנדיקע פאַרשלאָסן אין אַ פעסטן קופער.

און איך בין אַ זאַמלער פון אַזעלכע מינים דאָקומענטן.

גראָד היינט האָט ער אַריינגעצויגן אין זיך אַ גאַנצע סעריע פאַרשידענע שנאַפסן — אַ גאַנצן רעגנבויגן גלעזער. אויסגעלייגט אויף אַ הויכער שטול און אָנגעלענט אויף דער שענקבאַנק פון רעסטאָראַן, האָט ער געקוקט אויפן איינגאַנג. זיינע אויגן האָבן אַרויסגעלאָזט עטלעכע טרערן־טראָפן אויף זיין רויט פיראַמידאַרטיקן פנים; זיין האַלז, ענלעך צו אַ רויטן ראָסביף, איז געווען אַ סך ברייטער פון זיין שטערן, אויף וועלכן ס'איז געזעסן אַ קליין היטעלע. זיינע ביידע פויסטן ווי פון אַ באָקסער האָבן אונטערגעשפאַרט זיינע באַקן, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט אַ געבוי פון ביינער מיט אַזאַ ווינקלדיקער און אַרויסשטאַרצנדיקער בולטקייט, פונקט ווי די בילדער פון די קוביסטישע מאָלער.

אין אַ צייטונג, וואָס איך האָב געהאַלטן, האָב איך אים געוויזן אַ דעפעשע פון אַמעריקע, ווו ס'ווערט דערציילט וועגן אַ מאָרד־אַפערע פון רויט־הויטיקע, וועלכע האָט געדאַרפט באַטראַכטן ווערן דורכן טירסער טריבונאַל, אין שטאַט אָקלאַהאָמאַ. צוליב פאַרשידענע סיבות, האָב איך געוווסט, אַז דערדאָזיקער פאַרשוין איז אַביסל פאַרמישט אין דער אַפערע.

אַ דאַנק דעם אינערלעכן כישוף פונם בראָנפן איז מיין ביל אַרויפגעפירט געוואָרן אויפן וועג פון פאַרטרויען, דאָס באַדייט, ווען אַזעלכע חברה־לייט זעצן זיך פשוט מודה.

ווען איך האָב אים אָנגעוויזן אין דער צייטונג אויף

דער אויבנדערמאָנטער נידערטרעכטיקייט, האָט זיין פּנים אויפגעלויכטן. זיין ברייטע קינבאַק, וועלכע איז געווען פאַרזען מיט אַ מאָזאַיק פון געלן העלפאַנט-ביין און פון גאָלדענע קובן, האָט זיך געשפּאָלטן אַזש ביז די אויערן.

— דערדאָזיקער ענין איז אָפּגעאַרבעט געוואָרן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין — האָט ער געזאָגט.

— דורך וועמען?

— דורך וועמען? דורך די, וואָס פירן אָן מיט אַלע גרויסע ענינים.

און זיין גרויסע פויסט האָט אָנגעוויזן אויפן סופיט, כדי צו באַצייכענען די יעניקע, וואָס געפינען זיך אויבן אָן, — די סודותפולע בורזשויען.

— אַלזאָ — האָב איך געזאָגט — וועלן זיי זיצן אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק?

— ס'איז נישט קיין אומגליק, אויב מען וועט איינעם פון זיי איינזעצן.

און ער האָט געמאַכט אַ מינע, פול מיט דרך-ארץ פאַר זיי און מיט פאַראַכטונג פאַר מיר.

— פונקט, ווי מיט מיר איז קיין שום סכנה! — האָט ער מוסיף געווען.

— פונקט, ווי ווען מ'זאָל מיך איינזעצן. קיין ביין נישט — האָט ער צוגעגעבן.

אויף אַזאַ אופן האָט ער אין דערדאָזיקער ענגלישער שענק אויסגעפּאַקט די גאַנצע מעשה, נישט לייגנדיק קיין אַכט אויפן כינעזער, אויפן נעגער און אויף ביידע מאַטראָזן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, פאַרזונקען אין אַ טעמפּער באַגייסטערונג.

— ס'איז אַ מעשה מיט נאַפט און מיט רויט-הויטיקע.

— מיט נאַפט?

— אודאי. אָקלאַהאָמאַ, אַ שיינע שטאָט, וועלכע ליגט, אין דער פאָרם פון אַ קוואַדראַט, אין מיטן אַמעריקע, פאַרמאָגט אונטן אַ סך נאַפט, פונקט אין דער געגנט פון טולסע —

האָט געזאָגט ביל פּיו, אויפֿקלייגנדיק זיין מגושמדיקע האַנט אויף דער צייטונג, וואָס איך האָב אים געבראַכט.

און די רויט־הויטיקע ?

— איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז ס'געפינען זיך נאָך הויטן, וועלכע האַלטן זיך פֿאַר רויטע, אָבער זיי זענען שוין מער נישט אַזוי רויט, ווי שאָקאָלאַד־הויטיק. מען האָט זיי ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט פון די גוטע ערטער. מען האָט זיי אויסגעקערט און זיי פֿאַרשיקט אין די לופט־פּאַרקן, וועלכע מען רופט אָן „רעזערוון".

צוגעדריקט דורך דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע, האָבן זיי אָנגעהייבן פֿאַרשווינדן, פּונקט ווי ס'ווערן פֿאַרשוווּנדן די וואַלפֿיש און העלפֿאַנטן. אַ צייט האָט מען שוין געקענט זאָגן: „אינדיאַנער וועט פון זיי קיין זכר נישט בלייבן. מען איז זיי פֿאַר־געוואָרן". דידאָזיקע ראַסע פון צווי־פֿיסיקע חיות האָט זיך אַזוי פֿאַרקלענערט, אַז ס'האָט זיך געוואָלט איינהיטן זייער נאַציאָנאַלן גייסט, זייערע אידעלע, קינסטלערישע מאַניערן און זייער גאווה, אָבער זיי האָבן זיך אויך אָנגעהייבן צו ציוויליזירן: רעדן ענגליש, אָנטאָן קאַפּעלושן, גיין אויף מעסעס און פֿאַרדינען געלט. פֿון דעם מאָמענט אָן, האָט זייער מין אויפֿגעהערט זיך צו פֿאַרקלענערן און באַקומט באָדן אונטער די פֿיס. ס'האָט נאָך, נאַטירלעך, געקענט זיין ערגער, פּונקט ווי אין דער העלדישער עפּאָכע, ווען די אַלגאָנקינער, די איראָקן און די סיוער האָבן געהאַלטן דאָס מעסער און סקאַלפּירט, אויף וואָס די וועלט שטייט, די אַמעריקאַנער, וועלכע זענען צו זיי אַריינגעפֿאַלן.

אין אָקלאַהאָמאַ געפינט זיך אַ רעזערוו פון דידאָזיקע ווילדע, האַלב אָרנטלעך און האַלב ציוויליזירט. הינטער זייערע הייזלעך האָבן זיי דאָרט גוטע יאַגד־שטחים, ווו זיי קענען זיך נאַריש מאַכן, וויפֿל זייער האַרץ גלוסט; פּונקט ווי זייערע גרויסע אבות קענען די אָנלייגן אויף זייערע קעפּ, וויפֿל פֿעדערן זיי ווילן, און אַרום זייערע פֿעלענעביידלעך און כאַטקעס קענען טאַנצן אַ קאָראַהאָד זייערע מכשפים און די גרויסע

פעטע מאמעס, וועלכע טראָגן זייערע קינדער אין דער פאָרם פון פעקלעך. ס׳זענען דאָרט געווען אַזעלכע, מיט אַזאַ פּרעכ־טיקן מאַיעסטעטישן אויסזען, אַז אַפילו בלאַס־פּנימדיקע האָבן זיי, אויף מיין ערן וואָרט, געמעגט מקנא זיין... מיטן וואָרט בלאַס־פּנימדיק האָט מען באַצייכנט די „יאַנקעס״ און די אײ־ראָפּעער, הגם ס׳זענען נעווען א סך אַזעלכע ווי איך, וועלכע שלאָגן אַריין אין רויט — האָט ביל מוסיף געווען, פאָרמו־לירנדיק זיין באַמערקונג, פונקט אין דעם מאָמענט, ווען איינ־גראָבנדיק די אויגן אין זיין יאַטקע־פּנים, האָב איך עס מיר פאָרמולירט אַליין.

עמיצער איז געקומען שטערן די אינדיאַנער דעם דאָ־זיקן יום־טוב. דער עמיצער, דאָס בין געווען איך אַליין. איך בין דעמאָלט אַרויס פון תפיסה, מיט וועלכער די שופטים פון אַיאָ האָבן מיך מכבד געווען, נאָך א לאַנגער געזעלשאַפטלעכער דיסקוסיע, וועגן וואָס די צייטונגען האָבן דעמאָלט געקלונגען. געוואָרן א פרייער בירגער, האָב איך געמוזט אויסוויילן א נייע פּראָפעסיע און איך בין געוואָרן א פּראָספּעקטאָר *) ביי נאַפט, האָבנדיק גרויסע פעיקייטן דערצו, וועגן וואָס דער זקן, ווילי שאַרפ, האָט מיר געגעבן אָנווייזונגען פאַרן טויט. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז איך האָב אים געהרגעט, אָבער מען האָט עס קיינמאָל נישט געקאָנט באַווייזן.

מיין נאָז פון א פּראָספּעקטאָר האָט מיך געפירט דורכן קאַנאַדער טייך צו די געגנטן פון טולסע, און דאָרט האָבן מיר דערשמעקט שפּורן פון נאַפט. איך זאָג: „מיר״, ווייל, ליידער, זענען מיר געווען עטלעכע, יעדער איינער איז געווען שטאַרק באַוואָפנט, האָט געקוקט מיט אומצוטרוי אויף די חברים און ווי מען זאָגט, געהאַט תמיד די אויגן אין קאָפּ. די גאַנצע נאַפט־גרובן זענען געלעגן אינעם „רעזערוו״ פון די אינדיאַנער. דאָ האָט נישט געהאָלפן קיין שום שווינדל און קיין שום שפּיצלעך: לויט די אַמעריקאַנישע געזעצן, האָט אַלץ צו זיי געהערט.

*) פּראָספּעקטאָר: דער, וואָס באַטראַכט און מעסט אויס די שיכטן, רעכנט אויס דעם מספּר פון די מינעראַלן.

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1907. איך בין אַוועקגעפאָרן מיט פּלענער אין קעשענע און בין תיכף צוריקגעקומען, אין דער באַגלייטונג פון מיין ברודער טאָם פּיו, מיט וועלכן איך בין געווען ברוגז צוליב דעם זעלביקן ענין. (מען האָט געשמועסט, אַז איך האָב אים באַגנבעט. אָבער דאָס איז אַן אומזיסטע באַ-שולדיקונג, צו וועלכער איך באַצי זיך מיט פאַראַכטונג. די-דאָזיקע מעשה איז היינט צוטאָג, אויף אַ באַפעל, פאַריבן גע-וואָרן). איך בין אויך געווען אין דער באַגלייטונג פון עטלע-כע חשובע פּערזענלעכקייטן.

דאָס זענען געווען עטלעכע פון די, וועלכע טוען אַלץ אָפּ מיט צוויי קמיעות, וואָס זיי האָבן אין זייערע קעשענעס: אַ „סטילאָגראַף” (אייביקע פעדער) און אַ טשעק-ביכל. דאָס זענען געווען די באַלעבאַטים פון אונטערנעמונגען. און איך שווער ביים געזונט פון ביל פּיו, אַז דידאָזיקע לייט האָב איך נישט אָפּגעטאָן קיין שום שפּיצלעך, ווי איך בין געוווינט גע-ווען אָפּצוטאָן די פּאָליציי-קאָמיסאַרן און די אויספאָרשונגס-ריכטער.

זיי האָבן זיך תיכף אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, און איינ-שטימיק, מיט איין זשעסט האָבן זיי צוגעלייגט די הענט צום טשעק-ביכל: מען האָט זיך געמוזט פאַרשטענדיקן מיט די אינדיאַנער, — די באַרעכטיקטע אייגנטימער פון די נאַפט-קוואַלן.

אָבער די אינדיאַנער זענען געווען אַזוי אָנגעזאַפּט מיט דער מאָדערנער ציוויליזאַציע, אַז זיי האָבן פאַרשטאַנען, דאָס די רעכט פון אַ גוט געשעפט דאַרף מען נישט אָפּטרעטן אויף צמיתות, ווי גרויס די באַקומענע סומע זאָל נישט זיין, בפרט אַז די אָפּגעטראָטענע סחורה זעט מען נישט, זי ליגט אונטער דער ערד, און מען קען זי פאָרלויפיק באַשטימען בלויז מיטן חוש-הריח. זיי האָבן געוווּסט דאָס געזעץ פון די ציוויליזירטע: אַ גוט געשעפט איז דאָס, אין וועלכן מען איז אַ שותף צום ריווח.

ווען זיי, די אָרימע חברה-לייט, וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז

אדרבה, גראָד דערין איז געלעגן די גאַנצע שמוציקע קאָמ־ בינאַציע... אָבער וואָס טו איך? איך דערציײל דעם סוף פֿאַרן אָנהויב...

די רויט־הויטיקע זענען אַזוי פּאַרעקשנט און אַזוי אומ־ פֿעיק צו ענדערן זייער מיינונג, פּונקט ווי די גראָבע דעמבע־ נע פיגורן, גרין און רויט־געפאַרבטע, וואָס באַפּוצן דעם אַריינ־ גאַנג פֿון זייערע געצעלטן. זיי האָבן געטענהט רויִק און גע־ דולדיק: „צעטיילן דעם ריווח, צעטיילן דעם ריווח" און זיי האָבן אפילו נישט געוואָלט הערן און געדענקען פֿון אַנדערע דרשות — מיינע און אַנדערע — זיי זאָלן זיך לאָזן אָנפֿירן דורך די „יאַנקעס". מיר האָבן געמוזט נאָכגעבן; און בשעת מיר האָבן זיך געזידלט און זיי האָבן געלאַכט, האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט און אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט וועגן דער גאַפּט־עקספּלואַטאַציע, ווו עס טרעטן אַריין אַלס שותּפֿים די אַמעריקאַנישע קאָמפּאַניע פֿון איין זייט און די קוואַלן־אייגנ־ טימער פֿון דער צווייטער זייט.

אויפֿן קאָנטראַקט האָבן זיך אונטערגעשריבן זעקס און צוואָנציק אייגנטימער, און עס איז געווען זייער קאָמיש אַ זען, ווי זייט בײַ זייט מיט די אונטערשריפֿטן פֿון באַקאַנטע און חשובֿע הערשער פֿון דער פֿינאַנץ־ און אינדוסטריע־וועלט, זענען געווען אָנגעלייגט חמרים נעמען, ווי זשאַרזש גרויס־ האַרץ און ווילדי אויגן־שטעכער.

מען האָט זיך תּיכּף גענומען צו דער עקספּלואַטאַציע. די טעריטאָריע פֿון די אינדיאַנער איז געוואָרן אָנגעפּילט מיט אַ גאַנצער אַרמיי לוסטיקע חברה־לייט: אינזשיניערן, סוחרים, אַגענטן, שומרים, אַרבעטער־ספּעציאַליסטן, מויערער, טשעש־ ליאַרעס און אַנדערע מינים בוי־אַרבעטער, און אַ גרויסער שטאַב, וואָס איז נויטווענדיק פֿאַר דעדראָזיקער פֿעלד־אַרמיי: אַ דינערשאַפֿט צו פֿאַרזאָרגן זיי מיט עסן און טרינקען. פּונקט ווי שוואָמען האָט אַרויסגעשפּראָצט אַ שטאָט אויף די פֿלעצער, וווּ נעכטן האָט מען נאָך געזען ביזאָנען און הירשן, אַזוי ווי איך זע אייך דאָ. עס האָבן זיך געגרינדעט ביוראָען, אגענ־

טורן, אַטעליִעַן, אכסניות מיט צימערן פון ערשטער, צווייטער און דריטער מדרגה פונקט ווי אויף שיפן; אַן אויסטויש־קראַם, אויפגעהאַלטן דורך לוסטיקע ייִנגען, אויפן אַמעריקאַנער שטייגער, ווו מען פאַרקויפט אַלץ, און אַפילו אַ פּאָליצײ־שטעלע.

ס'זענען פאָרגעקומען געשלעגן, מען האָט אוועקגערויבט אַ ייִנגע, צאַרטע אינדיאַנערין. עס זענען פאָרגעקומען פאַרשײדענע הריגות, וואָס די פּאָליציי האָט שנעל איינגעשטילט. מען האָט געלינטשט אַ נעגער: אַלץ, פּונקט ווי אין די גרויסע לענדער פון די ווייסע. ס'פלעגט פּאַסירן, אַז די אינדיאַנער פלעגן זיך אויסקלייבן עטלעכע ווייסע, לויט זייער געשמאַק און מיט זייער הוליען, און אַ סך ווייסע פלעגן זיך גערן אָפּגעבן צו ווילדע אַקטן, מיינענדיק, אַז די אינדיאַנער זענען ווילדע. דאָס זאָל הייסן קעגנזייטיקע דערנענטערונג. אָבער נידער מיט דער הויכער פילאָזאָפיע!

די באַפּט־עקספּלואַטאַציע האָט זיך זייער גוט אַנטוויקלט. די קוואַלן האָבן אָנגעוויזן אויף אַ גרויסער שפע און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט אויסשעפּן. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז די אַרבעט פון די ברונעמס, צעזייטע איבערן גאַנצן פּלאַץ, וועלכע האָבן געמאַכט דעם איינדרוק ווי רושטאָוואַניעס פון אַ שטאָט, וואָס בויט זיך, און דאָס זויגן פון די קישקעס, האָבן די קוואַלן לגמרי נישט אָפּגעמאַטערט.

און גלייכצייטיק זענען גאַנצע פּעק דאָלאַרן געפלויגן אין די הענט פון די זעקסאונצוואַנציק רויט־הויטיקע. דאָס האָט געדויערט יאָרן און דער מספר זעקסאונצוואַנציק האָט זיך נישט געמינערט.

און אָט, איינמאָל, ווייט פון דאָרט, אין ניו־יאָרק, אין אַן אָרט, וואָס האָט געהייסן „דער קדשי־קדשים" — אַן אַרבעט־צימער מיט אַ ביוראָ און אַ טעלעפאָן — האָט אַ דזשענטעלמען (וועמענס נאָמען איך וויל נישט דערמאָנען לבטלה) באַטראַכטנדיק די חשבונות און דעפּעשען האָט געזאָגט: אין פופצן יאָר 161 מיליאָן פּעסער ראָפּע, פון וועלכע 13 מיליאָן

אין אריינגעפלאָסן צו די דאָרטיקע, צו די אייגנטימער פון דער נאפט-טעריטאָריע. צופיל זענען זיי, די דאָזיקע מענטשן!

דער סעקרעטאַר, וועלכער איז געשטאַנען אומבאַהאָלפֿן און אָנגעצויגן, ווי דער טעלעפאָן-אַפּאַראַט, האָט אַ זאָג געטאָן:

— אָלרייט, מיסטער.

ווייל אַ באַפעל האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן דער דאָזיקער מאַן, וועלכער איז געווען איינער פון די הערשער פון דער מאָדערנער וועלט, הגם מען האָט אים גערופן מיסטער, לויט דער אַלטער דעמאָקראַטישער געוווינהייט.

אין אַ צייט אַרום, אינם זעלבן יאָר 1923, האָבן אייג-מאָל, אין שייכות מיט עפּעס אַ יאַגד-עקספּעדיציע, די עלטסטע פונם שבט, אויסגעפוצט אין זייערע שיינע מלבושים, אָפּגע-וואַרט איינעם פון זייערע מיטן נאָמען גרויס-האַרץ. אָבער גרויס-האַרץ האָט זיך געשפּעטיקט מיט זיין קומען, וואָס עס איז אין פולן ווידערשפּרוך מיט דער מאַניע פון פּינקטלעכ-קייט ביי די לייט פון דער דאָזיקער קאָליר. דער סוף איז גע-ווען, אַז ער איז אינגאַנצן נישט געקומען. איינער נאָכן צווייטן איז מען אוועק צו אים אַהיים, ווו מען האָט אים געפונען גוססן, מיט שרעקלעכע אויסגעצויגענע שטריכן, צווישן ווייבער, וועלכע האָבן אַרויסגעלאָזט הילכיקע געוואַלטן און צווישן פאַרצווייפלטע מכשפים. דער דאָזיקער גרויסער גוף, וועלכער איז ליגנדיק געוואָרן אָנגעשוואָלן, איז אַ ביסל שפּעטער אויס-געגאַנגען.

אַז מען האָט אים אָפּגעסמט, האָט דערין קיינער נישט געצווייפלט. אָבער ווערמענס האַנט האָט עס אַריינגעגאָסן דעם סם, און ווערמענס קאָפּ האָט מיט דער דאָזיקער האַנט אָנגעפירט? די, וואָס האָבן געוווּסט, האָבן געמאַכט אַ שוויג. גרויס-האַרץ איז געווען איינער פון די נאַפט-גרובן-באַזיצער. ס'איז, אַלזאָ, גאָר נישט פאַרבליבן ווי פינפאונצוואַנציק.

באַלד נאָכדעם האָט זיך אַזוי געמאַכט אַז עס איז שיעור נישט פאַרבליבן פיראונצוואַנציק, צוליב עפּעס אַ צופאַל אויף אַ יאַגד.

עטלעכע רויט-הויטיקע און ווייס-הויטיקע האָבן פאַר־פאַלגט אַ חיה. איינער פון די ווייסע יעגער, וועלכער האָט זיך געפונען פון הינטן, האָט אויסגעשאָסן, און זיין קויל האָט געטראָפן אין שענקל פונם אינדיאַנער, וואָס האָט געריטן פאַר אים. אָנשטאָט... קורץ גערעדט, ער איז נישט אומגעקומען, צוליב אַן אומגעלונגענעם שאָס.

ווו זענען די גוטע אַלטע צייטן, ווען האָרן האָבן אויך אַ פשוטן אופן געקענט פטור ווערן פון פינפאונצוואַנציק נישט געוואונטשענע! אין אונדזערע צייטן איז עס מעגלעך אויף אַ מלחמה, אָבער צום אומגליק איז דעמאָלט פונקט געווען פרידן־צייט.

איינער פון מיינע חברים, וועמענס קאָפּ עס איז געווען אַן אויסגעצייכנטער קאַסטן מיט איינפאַלן, האָט געזאָגט: „און אַ פאַרשווערונג? אויב מען וועט זיי פאַרפלאָנטערן אין אַ פאַר־שווערונג קעגן די זיכערקייט פון די שטאַטן און קעגן דער ציוויליזאַציע?" איר ווייסט דאָך, אַז די עצות קעגן אַ פאַר־שווערונג זענען זיכערע, ראַדיקאַלע און ווערן אָנגעווענדט זיי־ער אָפט אין אַלע לענדער פון דער וועלט. מען אַנטדעקט אַ פאַרשווערונג מיט אַלע שוידערלעכע פרטים און דורכדעם שיקט מען אַוועק די אומגעוואונטשענע אין דער ערד אַריין; און נאָכמער, די פיינע לייט זאָגן דערויף: „אַ מצוה אויף זיי", און „סאַראַ גוטע רעגירונג מיר האָבן!"

כדי צו מאַכן אַ פאַרשווערונג, דאַרף מען בלויז האָבן עטלעכע אַקטיאָרן: געשיקטע שרייבער, וויל איך זאָגן, וועלכע זאָלן צוגרייטן פאַזיטיווע דאָקומענטן, און גוטע רעדנער אויף אַרויס־צורופן אַ נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייטס-באַוועגונג אָדער גאָר אַן אַנאַרכיסטישע באַוועגונג. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאַט סיי די, סיי יענע אונטער די הענט. און איבערצייגנדיקע אַגענטן האָבן זיך פאַרשפּרייט צווישן דעם נאַפט-שבט, אויפ־וויינענדיק געדולדיק די אינדיאַנער אויף די גרויסע נוצן, וואָס זיי קענען אַרויסציען, ווען זיי וועלן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון אַמעריקאַנישן אונטערדריקער, ווען זיי וועלן, למשל,

דורך א באמבע, (וואס זיי באקומען) צושטערן עפּעס א דענק-מאל פון די ארומיקע געגנטן.

אָבער מען האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַפּאַטיע מצד די רויט-הויטיקע! סאַראַ בהמות! מען האָט דאָך פון זיי קיין גרויסע זאכן נישט פארלאנגט, מען האָט בלויז געוואָלט זיי זאָלן זיך דערמיט פאראינטערעסירן. קיין זאך האָט נישט גע-האָלפן. זיי האָבן נישט געוואָלט פארשטיין און האָבן זיך געהיט מיט די ביינער.

ס'איז דערגאנגען אזוי ווייט, אַז אונזער בעסטער פּראָ-פּאָקאַטאָר, וועלכער האָט אויסגענוצט זיין גאַנץ ביסל שפּייעכץ אויף טעאָרעטישע רעוואָלוציאָנערע דרשות, איז ענדלעך אַליין געשטרויכלט געוואָרן: איך וויל זאָגן, אַז ער איז געוואָרן אַן אמתער רעוואָלוציאָנערער. און ער, ווען די רייכע האָבן תמיד אזוי פיין באהאנדלט, טראָגט איצט אַרעסטאַנטן-קליידער, ווייל ער האָט זיך צו שטאַרק איבערגענומען מיט זיינע אידעען.

ס'זענען כסדר פארבליבן פינפאונצוואַנציק, וועלכע זענען געווען שותפים צום ריווח און וועלכע האָבן נישט געהאַט די טבע זיך צו שלאָגן!

איר האָט מסתמא געהערט פון די „קלו-קלוקס-קלען”? דאָס זענען גאַנץ פיינע לייט, קינדער פון חשובע פאמיליעס. עלעגאַנטע יונגעלייט, וואָס זוכן ספּאָרט-עמאָציעס, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אויפן דרום, צוערשט מיטן צוועק אומצו-ברענגען קאַטאָליקן און צו לינטשן נעגערס, נאָכדעם, צוליב דער מאָראַלישער פארברייטונג פון זייער פּראָגראַם, האָבן זיי באשלאָסן צו טויטן די חוצפּהניקעס, וועלכע ווילן האָבן די העזה זיך צו שטעלן אויף דער זעלבער הויך, וואָס די קאַ-פּיטאַליסטן. דידאָזיקע אמעריקאַנישע פּראָטעסטאַנטן-פּאַטריאָטן, פּונקט ווי די הערן פאַשיסטן, צייכענען זיך אויס מיט געוויי-סע אַקטן, וועלכע מען קען אָנרופן פארברעכנס, און חוץ דעם מיט זייערע מאָראַלישע פּראָצעסיעס, ווו זיי מאַרשירן אין שוואַרצע מאַנטלען.

אזא מין פּראָצעסיע האָט מען איינגעאָרדנט אין דעם

חשובן שטעטל, וועלכעס ליגט בײַ דער שורה פֿון די נאַפֿט־ברונעמס, ענלעך צו טורעם־סקעלעטן. די אינדיאַנער האָבן זיך צוגעקוקט. דער גרויסער פֿאַרנעם און די שוואַרצקייט האָט זיי דערמאָנט אָן די צערעמאָניעס פֿון זייערע אבֿות. אָבער צום סוף פֿון דער פּראָצעסיע איז, צוליב באַשטימטע טעמים, פֿאָרגעקומען אַ הריגה. די לוסטיקע חבֿרה האָט זיך אָפּגעטיילט. אַ סך קוילן האָבן אַ פֿײַף געטון אַרום די שוואַרצע מאַנטלען און אַרום די פּאָליציײַאישע העלמען. ווען דער טומל איז אַריבער, זענען דרײַ בירגער געלעגן אויסגעצויגן אויף דער ערד. דאָס זענען געווען דרײַ אינדיאַנער — דרײַ נאַפֿט־אייגנטימער. אויף אַזאַ אופֿן זענען שוין מער נישט פֿאַרבליבן ווי צווייאוןצוואָנציק.

דידאָזיקע מעשׂה האָט אויפֿגערודערט דעם עולם און אַפֿילו דערפֿירט צו אומרוען. כּדי צו פֿאַרבײַבן דעם אײַנדרוק פֿון די לעצטע געשעענישן, האָט די קאָמפּאַניע, וועלכע זאָרגט תּמיד פֿאַר דער פֿאַרווײַלונג און ווילשטאַנד פֿון אירע מיט־אַרבעטער, באַשלאָסן אַרײַנצופֿירן אַ פֿילם (זי האָט אפֿשר דאָס באַטראַכט פֿאַר דעם בעסטן מיטל צו געווינען געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג). דערדאָזיקער פֿילם האָט געזאָלט ווערן רעאַליזירט בײַ דער מיטאַרבעט פֿון די אינדיאַנער. אַרבעטער, אָנגעשטעלטע און אײַנוווינער, גרופּירטע ווי צוויי רייטער־וואַכן, איינע אַ מענלעכע און די צווייטע אַ שימערירנדיקע ווי שטערן — אַ ווײַבלעכע.

און פֿון דעמאָלט אָן — האָט געזאָגט ביל פּיז און זײַן קול האָט זיך גוואַלטיק פֿאַרשטאַרקט — בין איך אַרויף אויף דער סצענע.

דעם גאַנצן ענין האָט מען איבערגעגעבן אין מײַנע הענט. און איך מוז אײַך זאָגן, אַז נאָך מיט דרײַ יאָר צוריק פֿאַר יענער צײַט בין איך שוין געווען אַן אָנפֿירער פֿון אַ קינאָ.

איך האָב מיר אײַנגעשאַפֿט אַ גוטן סצענאַר. אַזוי ווי דער פּרײַז איז געווען אונדז גלײַכגילטיק, האָב איך זיך גע־

װענדעט צו אײנעם פֿון די בעסטע קינאָ־ספּעציאַליסטן. מען רופֿט אים... מען רופֿט אים... איך קען זיך פּונקט איצט נישט דערמאָנען זײַן נאָמען, אָבער איר קענט אים זיכער. ער האָט מיר געמאַכט אַ װוּנדערבאַרע קלײנע מאַשין. גוט איז שױן דאָס, װאָס דער נאָמען פֿון דער זאַך איז געװען סענסאַציאָנעל און אַ ביסל באַנאַל: „די בתולה פֿון טולסע". איר װײסט דאָך װי געניאַל די אַמעריקאַנער זענען אױפֿן געביט פֿון קינאָ. זײ גראָבן אױס די פּרעכטיקסטע און די סאַמע אָריגינעלסטע געדאַנקען. דער ספּעציאַליסט, װעלכן איך האָב אױסגעזוכט, האָט אַלץ אַריבערגעשטיגן. ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ סצענאַר־בוך מיט אַזעלכע אײנפֿאַלן, אַז ס'איז גאָר נישט געװען זײַן גלײַכן. הערט אױס: אינדיאַנער האָבן אַװעקגערױבט אַ יונג מײדל פֿון די װײַסע; דערפֿון האָט געזאָלט לײַדן די אונטערנעמונג פֿון דעם שײנעם מײדלס פֿאָטער, װעלכער איז געװען אַ מיליאַרדער און גלײַכצײַטיק אַ פֿילאַנטראָפּ. אױף פֿערד האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די רױבער, װײַל ס'האָט זיך געהאַנדלט אין דעם מען זאָל זײ כאַפּן, אײדער זײ װעלן „סקאַלפּירן"*) דעם בלאָנדן קאָפּ פֿון זײער קרבן. דער גאַנצער אינטערעס און די גאַנצע אָריגינאַליטעט פֿון דעמדאָזיקן ערשטקלאַסיקן פֿילם האָט געשטעקט אין דער פֿאַרפֿאָלגונג דורך פֿאַרשידענע שטרױכלונגען: דורך פֿײער און װאַסער, דורך בערג און טאָלן און אַפֿילו איבער אַ צוג, װאָס איז געפֿלױגן. ענדלעך האָט מען די אינדיאַנער אַרומגערינגלט, פּונקט אין דער רגע, װען זײער מכשף האָט אױפֿגעהױבן אױפֿן שײנעם קרבן זײַן סקאַלפּ־מעסער. זײ װערן אַלע אױסגעהרגעט, און דאָס קינד װערט געראַטעװעט דורך איר פֿאָטער און איר חתן.

מען האָט פֿאַנאַנדערגעטײלט די ראָלן, און מען האָט זיך גענומען צום שפּילן. די רױט־הױטיקע זענען אַרײַן אין קוראַזש. מען האָט געמאַכט עטלעכע רעפּעטיציעס פֿון דער

*) אָפּשײלן דאָס שאַרבן.

לעצטער סצענע. ווען אַלץ איז געווען אויפן אָרט, האָט מען אַ דריי געטאָן די מאַשין. דער אויפנעמער פון די בילדער, דער רעזשיסער ראַלף אין ברילן האָט זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן, אויפכאַפנדיק אַלע אַקראָבאַטישע שטיק און די גראַציע פון די רייטער-וואַכן, וועלכע זענען, פאַרשטייט זיך, געווען אויף פערד, דאָס שטופעריי און דעם געדראַנג פון די מחנות, וואָס מען האָט געלאָזט אין גאַלאָפּ. ער האָט געשריגן, געשאָלטן, צוגעגעבן מוט און האָט געשוויצט, ווי אַ וויינענדיק קינד.

דער פאָטאָגראַף, וועלכער האָט אויסגעצייכנט געקענט זיין אַרבעט, האָט ביי דער לעצטער פּעטאַרדע געמאַכט געוואַלדן, דרייענדיק כסדר די קאָלבע:

— אַ פאַרפאַלענע באַנדע! — האָט ער אויסגערופן, די דאָזיקע רויט-הויטיקע קענען זיך נישט האַלטן אויף דער סצענע. זיי זענען נבלות. זיי קענען אַפילו נישט פאַלן. דידאָזיקע פאַרשאָלטענע אינדיאַנער. נישט אויף אַזאַ איפן דאַרף מען פאַלן. זיי פאַלן ווי בהמות. זאָל מען זיי איבערבייטן אויף פראָפעסיאָנאַלן, אום גאָטעס ווילן!

ס'איז געווען דערפאַר, ווייל די רויט-הויטיקע, וועלכע האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די געצן-כהנים, האָבן געמאַכט זייער קאָמישע, נישט געשיקטע און אומנאַטירלעכע באַוועגונגען, בעת זיי זענען געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די נקמה-נעמער, פון דער קליינער העלדישער מחנה, מיט וועלכע ס'האָט אָנגעפירט דער מיליאַרדער און דער חתן.

ענדלעך, האָט זיך די סצענע ווי עס איז פאַרענדיקט.

אָבער די, וואָס זענען געלעגן אויף דער ערד, האָבן זיך נישט גערירט.

און בלוט האָט זיך געגאָסן אַרום זיי.

זיי זענען שלעכט געפאַלן, אָבער זיי זענען געווען גוט טויט. אַזעלכע זענען געווען צוועלף.

מען האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם שרעקלעכן אמת, דעם אומגלויבלעכן צופאַל. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַק-

טיאָרן, וועלכע האָבן געשפּילט די ראָל פון פּאַרפּאַלגער, האָבן געשאָסן נישט מיט פּוסטע קוילן — זייערע ביקסן זענען געווען אָנגעלאָדן.

שטעלט איך אַליין פאָר מיין פּאַרצווייפלונג, וואָס איך האָב בשעת מעשה אַרויסגעוויזן אויפן שלאַכט פעלד — אַ שלאַכט-פעלד פון אַ נייעם מין! איך האָב זיך געריסן די האָר פון קאָפּ, פאַר אַלעמענס אויגן; איך האָב זיך געקלאַפּט אין האַרצן, באַשולדיקנדיק זיך, פאַרוואָס איך האָב נישט נאָכגע־קוקט די קוילן. אָבער, ווער זאָל וויסן, אַז דידאָזיקע קוילן זענען אמתע! איך האָב געקרעכצט. נאָך דעם בין איך אַוועק קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס און געמאָלדן, אַז איך האָב זיך אַליין געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דערדאָזיקער שרעק־לעכער קאַטאַסטראָפע, וועלכע האָט געקאָסט דאָס לעבן פון צוועלף נאַפּט-אייגנטימער.

אָבער אַ פריינט מיינער איז געקומען צו מיר אין מיין קליין שטיבל, ווו איך האָב זיך משוגענערווייז געוואָרפן ווי אַ לייב אין שטייג. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל זיך נעמען דאָס לעבן. ס'זענען געקומען צו מיר נאָך מענטשן און איך האָב זיך נאָך מער פאַנאַנדערגערעדט. אָבער זיי האָבן מיר אויסגערעדט און איך האָב זיך אַביסל באַרויקט.

מען האָט געמאַכט אויספאָרשונגען. די ענלעכקייט צווישן די פּאַקעטן מיט אָנגעלאָדענע קוילן און נישט אָנגעלאָדענע, און די באַדינגונגען, ביי וועלכע ס'איז פאָרגעקומען די מהומה, זענען געווען אַזעלכע, אַז מיין אָרנטלעכקייט, וועלכע איך האָב אַזוי העלדיש פאַרטיידיקט, האָט זיך בולט געוואָרפן דעם שע־ריף אין די אויגן, און איך בין אַרויס ריין.

איך בין דערנאָך געוואָרן אַ שידס-ריכטער ביי אַ גרוי־סער פירמע אין ניו-יאָרק און באַקומען אַ גוטן געהאַלט.

דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַ בייזער ווינט האָט אַרומגעכאַפּט דעם שבט און די פאַרבליבענע צען אייגנטימער זענען שרעקלעך אויפגערעגט. דידאָזיקע מהומה האָט אַרויסגע־

רופן איינער, מיטן נאָמען ענרי ראָען, וועלכער האָט זיי אַלע־מען אונטערגעהעצט. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָפן באַשולדיקט די קאָמפּאַניע, אַז זי האָט פּאַרטיליקט די אינדיאַנער, כּדי פּטור צו ווערן פון זיי אַלס שותּפים;

מיטאַמאָל האָט מען אים שוין מער נישט אָנגעזען. אין עלף טעג אַרום נאָכדעם ווי ער איז נעלם געוואָרן, האָט מען געפונען זיין קערפּער דורכגעלעכערט מיט קוילן, אין אַן אויטאָ טרעגער אויף אַ וועג.

זענען דאָך, הייסט עס, פאַרבליבן בלויז ניין? ניין. איר האָט אַ טעות אין חשבון. ס'איז קיין איינער נישט פאַרבליבן. ווייל בעת מען האָט געפונען ראָענען אין אַזאַ צושטאַנד, איז דער גאַנצער שבט אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַזאַ כּחד, אַז ער האָט פאַנאַנדערגענומען די געצעלטן, צונויפגעקליבן די פערד, די זאַכן און די פרויען און אַנטלאָפן אין די בערג, איבערלאָזנדיק די ווייסע פאַר די איינציקע באַלעבאַטים פון די קוואַלן.

איצט, אַז איך האָב זיך איינגעאָרדנט אין ענגלאַנד, אַז איך האָב אַנטגילטיק פאַרלאָזט אַמעריקע, דאָס לאַנד, ווו עס ווערט פאַרגוואַלטיקט ביים מענטשן די הייליקסטע פון אַלע פריי־הייטן — די פרייהייט צו טרינקען, ווען מען איז דורשטיק, איצט, אַז איך בין אַ פרייער מענטש, קאָן איך אייך דערציילן, ווי אַזוי מען ווערט צוריק רעליגיעז און פרום. אָבער אָט דערוויס איך זיך פון די צייטונגען, אַז נאָך אַ משך פון דריי יאָר צייט, שטייט־דיזאָזיקע אַפּערע ווידער פאַרן טולסער טריבונאַל. זאָל גאָט בענטשן די שופטים און די עדות, אָבער פאַרוואָס הילט איר, איך זאָל זיך כּסדר אינטערעסירן מיט אַן אַלטער מעשׂה?

ביל האָט געהאַט חשק נאָך עפּעס צו זאָגן. ער האָט עס בעזאָגט מיט אַ מין שטאָלץ:

— אויב מען וועט אַפילו אַמאָל אַנטדעקן די, וואָס האָבן

אָפּגעסמט און אויסגעשאָסן די אינדיאַנער, וועט אויך קיין בייז ניט זיין, מ׳וועט זיי נישט ארויסגעבן.

גלויבט מיר, מיין טייערער פריינט, האָט ביל צום שלוס מוסיף געווען, נישט געזעגענדיק זיך: אויף דער וועלט עק־זיסטירן בלויז ליטעראַטן, וועלכע האָבן אַ רייכע פאַנטאַזיע און ווייסן ווי אָנצופירן מיט אינטריגעס, דערפירנדיק ביזן סוף.

די רויטע בתולה

ס'איז געווען אַ דאָרפס-לערערקע, וועלכע איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גאַנצע מחנה קליינע קינדערלעך. זי איז געווען דין ווי אַ שפּענדל און אויגן האָט זי געהאַט גאַנץ שוואַרצע.

אין דידאָזיקע אויגן האָבן אַמאָל דורכגעשוועבט שטראַלן פון גן-עדן און אָפּשפּיגלונגען פון מלאכים; און ווער ווייסט, צי זי האָט אַמאָל נישט אויפגעכאַפּט זייערע שטימען.

פון שולע האָט מען געזען דעם גלאָקן-טורעם פון לאַ-רשנער קלויסטער; דאָרט נישט ווייט האָט זיך געפונען דער דאָמרעמער קלויסטער, אונטערן שאָטן פון וועלכן די פּאַסטושקע זשאַן ד' אַרק האָט פאַרבראַכט אירע יאָרן און איז געווען עטוואָס ענלעך צו דערדאָזיקער קינדער-פּאַסטושקע. אָבער זשאַן ד'אַרק האָט געלעבט אין די צייטן פון שאַרל דעם VII, מיט פינפ-הונדערט יאָר צוריק, בעת דידאָזיקע לואיזע האָט געלעבט אין די צייטן פון נאַפּאָלעאָן דעם III.

דערצויגן דורך אָרנטלעכע מענטשן און בטבע אַליין אויך אָרנטלעך, האָט זי זיך באַפרייט פון אַלע אָבערגלויבנס און פּטור געוואָרן פון אַלע פּאַנטאָמען, אין וועלכע זי האָט געגלויבט. זי האָט בלויז געגלויבט אין גוטע און שלעכטע זאַכן פון דער ווירקלעכקייט. אירע טרוימען, איר רחמנות, אירע אויגן האָט זי באַנוצט פאַר מענטשלעכע נויט, און האָט נישט געכאַפּט קיין התפעלות פון פאַרכישופטע דערציילונגען, מיט וועלכע די אַלטע רעליגיע פאַרבלענדעט און וויגט איין מענטשן-קינדער. איר רעליגיע איז געווען אַן אַנדערע. איר הייליקייט האָט זיך איינגעפונען אין לעבן.

ס'האָבן איר אַזוי שטאַרק נישט אינטערעסירט די עלנדע, ווי די עלנד אין אַלגעמיין. זי האָט זיך געהיילִיקט דער עלנד און דער פרייהייט פון פאָלק. איר ליבע צו די אונטערדריקטע האָט זיך פאַרוואַנדלט צוערשט אין אַ שנאה צום מאָנאַרך, וועמען פראַקרייך האָט דעמאָלט געדינט.

אינדערפרי און ביינאַכט האָט זי געהייסן די שילער זינגען די מאַרסעליעזע. איינמאָל אין אַ זונטיק, אויף אַ מעסע אין קלויסטער, ביי אַ רעליגיעזער שטילקייט, האָט דער גלח פון דער באַגילטער אַמוואָנע אַרויסגעלאָזט דידאָזיקע פראַזע: „גאָט העלף נאַפּאָלעאָנען". תיכף איז געוואָרן אַ גערויש אין קלויסטער און מען האָט דערהערט אַ קלאַפּעריי פון קינדערישע קאַמאַשעלעך אויף די שטיינערנע פּליטן. דאָס האָבן אַלע תּלמידים פון דער לערערקע פאַרלאָזן דעם קלויסטער. אַן עקל און אַ שוידער האָט זיי אַרומגענומען, ווייל די לערערקע האָט זיי אויסגעלערנט, אַז ס'איז אַ זינד צו בעטן פאַרן מלך.

די אינספּעקטאָרן, די פּרעפעקטן האָבן איר גערופן צו זיך, האָבן איר געדראָט. אָבער זי איז געווען טריי די לעגענ-דעס פון אירע יונגע יאָרן. דאָס הייסט: „נישט מורא האָבן פאַר טייוולאָנים, הגם זיי וועלן זיך באַווייזן אין לייב און ביינער".

אַלזאָ, זי האָט אָנגעהויבן אָרנטלעך צו דערציִען די צוקונפטיקע מענטשן. אָבער זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן דראַנג צו פאָרן קיין פאַריז, כדי איר אידעע דורכצופירן אין גרויסן מאַסשטאַב.

זי איז אַהין אַוועקגעפאָרן. זי איז געווען פון די, וואָס גייען אויספירן זייערע חלומות, בעת ס'איז מעגלעך און אַפילו בעת ס'איז נישט אינגאַנצן מעגלעך.

זי איז אַריינגעפאַלן אין דער שטראַלנדיקער שטאָט אין די היסטאָרישע רגעס, ווען ס'האָט זיך אויפגע-וועקט די גרויסע אינדוסטריע, די שרעקלעכע קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, דער פּיבער פון די גרויסע געלט-שלאַכטן. פאַריז איז געווען אַן אומבאַצוימטער ווירבל פון אויסגעלאַס-

קייף, תענוגים, פּראָסטיטוציע און תאווה צו גאָלד. דאָס האַרץ פון פּאַריז איז געווען: די בערזע, אירע האַרן, פינאַנסיסטן, קורטיזאַנקעס, קורטיזאַנען און אַרטיסטן, וואָס פּאַרוויילן און חנפענען.

אונטער דעמדאָזיקן עולם-הזה-שיכט איז געווען אַן אַנ־דערער שיכט, וועלכער האָט זיך מקריב געווען; דאָרט האָבן געאַרבעט ערנסטע קינסטלער און געלערנטע. און נאָך נידערי־קער — ווידער אַ שיכט מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך מער מקריב געווען, געהאָפט און געפירט קאָנספּיראַציעס. דאָס זענען געווען די רעפּובליקאַנער. זיי זענען געווען פאַרביסענע שונאים פון דער מלוכה און פון מלך. דאָרט האָבן זיך גע־פונען פאַרשידענע סאָרטן מענטשן מענטשן פּאָליטישע אויפטוער, אידע־אַליסטן, אַפילו בורזשויען; און זיי אַלע האָבן געהאַט אַ פּאַר־אייניקטן פּראָגנט קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא, קעגן דעם מאָנאַרך.

אין דערדאָזיקער גרופּע, וואָס איז געווען אין גלות אינם שויס פון זיין לאַנד, האָט די אויבנדערמאָנטע ראַציאָנאַליסטין מיט איר פּשוט האַרץ, די לאָגישע מיסטיטשקע זיך באַגייסטערט און געשפּייזט איר אינסטינקט מיט קאַמף און אויפשטאַנד. דאָס איז געווען אַ קליינע סודותפולע גרופּקע, ענלעך צו די, וועל־כע האָבן זיך אַמאָל פאַרבאַהאַלטן אין די קאַטאַקאָמבעס, אין די צייטן, ווען דאָס קריסטנטום איז געווען אַ פאָלקס־זאַך און די רוימער האָבן עס פאַרפאָלגט. שפּעטער, ווען זי האָט דער־ציילט וועגן דערדאָזיקער עפּאָכע פון איר לעבן, האָט זי גע־זאָגט: „מיר האָבן געלעבט פאָרויס, זייער פאָרויס״. זי האָט געלעבט אַ שטרענג סקעפּטיש לעבן פון אַן אָרעמער לערער־קע; זי האָט זיך איינגעקויפט אַלטע קליידער און אַלטע שוכ־וואַרג פון מתושלחס יאָרן. זי האָט אָנגעמאַכט חובות, ווייל זי האָט געקויפט ביכער און האָט אַלץ אַוועקגעגעבן אָרעמע און קראַנקע. זי, וועלכע איז געווען איבערגעגעבן דער רעוואָלוציע האָט אַוועקגעגעבן אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט אין די הענט, אינם קאָפּ און אין האַרצן. אויב אַ חוץ איר ליבע צו איר

מוטער האָט זי נאָך אַלס פרוי געהאַט אויך אַנדערע פּערזענלעכע סענטימענטן, האָט קיינער דערפון נישט געוווסט, און אויב מען האָט וועגן דעם געפּלוידערט, האָט זי זיך נישט געמאַכט ווּיסנדיק.

ס'האָט אויסגעבראָכן די פראַנצויזיש-דייטשע מלחמה. נאָכדעם איז געקומען די מפּלה, דער אונטערגאַנג פון דער מאָנאַרכיע. שפּעטער — די גרויסע אויפוואַכונג פון ליידנדיקן פאָלק: די קאָמונע. אָט דעמאָלט האָט מען פאַרשטאַנען אַז די רעפּובליקאַנער בורזשויען זענען פאַררעטער, אַז זיי זענען בלויז „דעמאָקראַטן" אויס שנאה צום קאַריקאַטורישן טראָן-פאָלגער פון נאַפּאָלעאָן דעם 1-טן. דעמאָלס האָט מען אַרויסגעזען אויך וויפל די אַלע „פּאַרייניקטע-פראָנטן", געווענדעט קעגן טראָן, קענען אַריינטראָגן אַנטוישונג און פאַרראַט. מען האָט זיך געפונען זייט ביי זייט מיט א בורזשואַזיע, וועלכע האָט פּיינט און מורא געהאַט פאַרן פאָלק און געזוכט עצות, ווי זיך פון אים צו באַפרייען, בעת זיי האָבן זיך געפונען ביי דער מאַכט.

די קליינע שוואַרצאויגעדיקע לערערקע האָט זיך מיט לייב און זעל איבערגעגעבן דער קאָמונע. זי האָט געפּרעדיקט, אָרגאַניזירט. זי האָט גענומען א ביקס, אָנגעטאָן מענערישע בגדים, געגאַנגען אין די אָקאָפּעס, אין בלאָטע, צווישן א האָגל פון קוילן. זי איז געוואָרן די פאַרקערפּערונג פון דער רעוואָלוציע, נאָכדעם, ווען זי האָט באַגרייפט דעם שקר פון דעם בורזשואַזן ליבעראַליזם און די גאַנצע צבועקישע העסלעכקייט פון זשול פאַוורס זשעסט, פון דעמדאָזיקן גרויסן בורזשואַזן רעפּובליקאַנער, וועלכער האָט גלייכצייטיק איר מיט פּ ע ר ר ע כלומרשט דערנענטערט צו זיך, אַז אַלע זאָלן זען, כּדי נאָכדעם דערשטיקן ביידן און די אַלע, וועלכע זענען געשטאַנען הינטער זייערע פּלייצעס.

אין דער גרויסער פאָלקס-מפּלה האָט זי מיט איר חלק פאַרטראָגן, מער ווי מיט איר חלק. פּשוט על-פּי-נס איז זי אַנטרונען געוואָרן פון די זעלנער פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, פון זייערע ביקסן, פון זייערע מיטראַליעזן, פון

זייערע באַגנעטן און פון די „נקמה־כאַפּטעס", וועלכע זענען פאַרשיכורט אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן פון פאַריז, באַליי־דיקט, געשלאָגן, געמאַטערט און געהרגעט מענטשן אין די גאַסן. און דער המון, טיילווייז אָפּגעסמט דורך דער שענדלע־כער תורה פון די אָנפירער, פלעגט באַליידיקן די באַזיגטע.

זי האָט געהאַט גרויס רחמנות צו די אָרעמע עקספּלואַ־טירטע, וועלכע ווייסן נישט וואָס זיי טוען. זי האָט אויך גע־האַט מיטלייד צו די באַפעלן־אויספירער פונם ווילדן רעזשים: אַן אמתער אומענדלעכער רחמנות, וואָס קומט פון פאַרשטאַנד. בעת זי האָט געזען די בלאַסע פנימער פון די באַוועגלעכע ברעטאָנער, וואָס שיסן אויף די קאָמונאַרן, האָט זי געזאָגט: זיי ווייסן דאָך גאָרנישט. מען האָט זיי איינגערעדט, אַז זיי דאַרפן שיסן אין פאָלק, און זיי גלויבן; דאָס זענען מאמינים. זיי טוען דאָך דאָס, לכל הפחות, נישט צוליב געלט! ס'וועט קומען אַ טאָג, ווען מען וועט זיי געווינען, בעת זיי וועלן פאַרשטיין דעם סוד פון אמת. מיר נויטיקן זיך הויפּטזעכ־לעך אין אַזעלכע, וועלכע פאַרקויפן זיך נישט.

ס'איז איר געלונגען צו אַנטלויפן, אָבער זי האָט זיך אָנגעגעבן אַלס געפאַנגענע אין די הענט פון די ווערסאַליער, כדי מען זאָל באַפרייען איר מוטער. פונקט ווי אַ סך פון אירע חברים, האָט זי זיך באַקענט מיטן סאַטאָרי־גיהנום, די נעץ פון די קאָמונאַרן. זי איז דאָרט אַרייַנגעשטופּט געוואָרן מיט אַ גאַנצע מחנה אַנדערע. אין דער צעלע, ווו זי האָט געוואַרט אויפן טויט, האָבן זיך דאָרט לייז געווימלט אין אַזעלכע גרויסע מחנות, אַז מען האָט געהערט דאָס גערויש אויף דער ערד. אין געפינענדיק זיך אונטער דער הערשאַפט פון פיבער, האָט זי געשטילט איר דורשט מיט וואַסער פון אַ פאַרבלוטיקטער לוזשע, ווו די תליינים האָבן געוואַשן זייערע הענט. דורך אַ פענסטערל האָט זי באַטראַכט דעם אַרומיקן שטח. אין אַ רעגנ־דיקער נאַכט האָט זי געזען אומבאַשטימטע גרופּעס פון מענטש־לעכע וועזנס, וואָס ביקסן־בליצן האָבן דאָ און דאָרט גע־

פטרט און זענען אויסגעמישט געוואָרן מיט אַנדערע חמרים: מיט מתים-בערג.

פאַרן פעלד-געריכט אין ווערסאַל — אַ טריבונאַל פון הענקער, — האָט זי זיך באַמיט צו ווערן פאַרמשפּט צום טויט. זי האָט אַזוי געטראַכט: איך קען נאָך ברענגען נוצן, אָבער ס'וועט זיין אַ סך נוצלעכער פאַר דער זאַך, אויב מען וועט מיך שיסן. די עקזעקוציע פון אַ פרוי וועט אויפרעגן דעם ווערסאַליער עולם.

זי האָט נישט געהאַלטן קיין קלינגעדיקע רעשיקע רעדעס. זי האָט געהאַלטן אַ קורצע דרשה אָבער פול מיט רויקייט און ליכט, און אירע לעצטע ווערטער זענען געווען: „איך האָב פאַרענדיקט, פאַרמשפּט מיך, אויב איר זענט נישט קיין פּחדנים".
דאָסדאָזיקע בילד פון זעלבסט-אָפּפערונג האָט אַרויסגערופן ביי עטלעכע פערזאָן און אויך ביי וויקטאָר הוגאָ, געשרייען פון חידוש און התפעלות. זיי, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער צווייטער זייט פון די באַריקאַדן, האָבן אין איין אויגנבליק באַגריפן די העלדישע און איבערמענטשלעכע פשטות, דעם סוד פון דער רעוואָלוציע. אָבער אַלע האָבן נאָכדעם אָפּגעדרייט זייערע קעפּ. דאָך האָבן די מיליטער-ריכטער נישט געוואַגט זי צו פאַרמשפּטן צום טויט, נאָר זי אַוועקגעשיקט קיין ניי-קאַלעדאָניע.

אין אַ משך פון לאַנגע יאָרן פון איר געפאַנגענשאַפט האָט זי געפירט אַן אויסטערליש לעבן אויף דידאָזיקע פאַרלוי-רענע אינדזלען. זי האָט עוואַנגעליזירט די מענטשן-פרעסערי-שע און פאַרשקלאַפטע קאַנאַקן מיט אַ נייעם אידעאַל פון מאָ-ראַל פון ווירדע און פרייהייט. פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט לכתחילה אויסגעלערנט די דיאַלעקטן פון דידאָזיקע „ווילדע". אין דער גאַנצער צייט פון איר שרעקלעכן גלות האָט זי איר שע-פערישן, אַקטיוון גייסט פאַרווענדעט אויף נאַטור-וויסנשאַפט. זי האָט אַפילו געמאַכט זייער וויכטיקע אַנטדעקונגען.

נאָכדעם איז זי צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך. ס'איז געווען אין דער צייט, ווען ס'האָט אויפגעוואַכט דער אַרבע-

טער-סאָציאַליזם און דער קלאַסן-סינדיקאַליזם. זי האָט זיך געשטעלט אין די רייען פון די אַנאַרכיסטן, אָבער זי האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט פון זינען די פאָדערונגען פון דער אַנדערער רעוואָלוציע, וועגן וועלכער זי האָט זיך אויסגעדריקט: „אויב זי צעשטערט נישט לגמרי די אַלטע געזעלשאַפט, דאָך מאַכט זי כסדר נייע התחלות".

אויף עטלעכע שטורעמדיקע פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען האָט זי געשריגן צום פּראָלעטאַריאַט: אויב איר ווילט פאַרנעמען אַן אָרט אונטער דער זון, בעט נישט, פאָדערט נישט, נאָר נעמט. מען האָט זי אַרעסטירט, געשלעפּט זי פון איין תפיסה אין דער צווייטער, זי שלעכט באַהאַנדלט, באַליידיקט. זי האָט זיך אַ לאַנגע צייט אָפּגעזאָגט פון אָנצונעמען באַגנעדיקונג. זי האָט אָנגענומען די באַגנעדיקונג, כדי צו גיין צו איר גוססדיקער מוטער.

אין לאָנדאָן, וווּ זי האָט געהאַלטן דרשות פאַר עקספּלואַטירטע און אונטערדריקטע, האָט עפּעס אַ פאַנאַטיק אויסגעשאָסן און זי פאַרוווּנדעט אין קאָפּ. זי האָט אַליין פאַרטיידיקט איר שלימזלדיקן מערדער און אין געריכט געפאָדערט מען זאָל אים פריישפּרעכן. זי האָט געטענהט, אַז ער איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיינע שלעכטע אינסטינקטן, אַז די געמיינע פּראָפּאַגאַנדע און דער טרויעריקער רעזשים האָבן עס אין אים איינגעפלאַנצט.

נאָך אַמאָל האָט דערדאָזיקער זשעסט אַרויסגערופן גרויס שטוינונג און באַוויזן פאַר עטלעכע די תהומות פון דער רעוואָלוציע. אָבער די מערהייט האָבן גאַנץ פּשוט און געשיקט געטענהט, אַז זיי פאַרשטייען נישט.

איבעריקנס איז נישט געווען אַזאַ וועזן, וועלכע זאָל זיין אַזוי אומפאַרשטענדלעך ווי דידאָזיקע פרוי. זי איז געווען אַ צו גרויסע פערזענלעכקייט, מען זאָל זי זען אַזאַ ווי זי איז.

יאָ, אַלע וועלכע זענען געווען מיט איר, וועלכע האָבן פאַרערט, פאַרגעטערט און זי פאַרשטאַנען, — די אַלע זענען

פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, ווײַל זיי זענען געווען הכנעהדיקע לײַט, און ס'איז בלויז פֿאַרבליבן אַ לעגענדע אויף דערדאָזיקער טיפֿער לעבעדיקער ווירקלעכקייט.

הײַנט צו טאָג שטעלט מען אַוועק אויף איר אָרט איר געשטאַלט און מען זעט, ווי דורך פֿאַרשידענע געלעגנהייטן און טראַגעדיעס, האָט זי פּערזאָניפֿיצירט דאָס וועזנטלעכע פֿון דער פּראָלעטאַרישער און רעוואָלוציאָנערער אידעע. זי האָט אויפֿגעהייבן דעם בלוטיקן געשריי פֿון גלײַכקייט. זי האָט גערופֿן דאָס פֿאָלק קעגן דער בורזשואַזער דעמאַגאָגיע, קעגן די פֿאַלשע דעמאָקראַטן, און זי, וועלכע האָט געהאַט אַזויפֿיל פֿאַרשטאַנד און אַזויפֿיל גוטסקייט, האָט פּראָקלאַמירט, אַז בלויז מיט געוואַלד קען מען צעברעכן די קייטן.

אין אַ צײַט אַרום וועט מען פֿון ווײַסן מאַרמאָר אויסשניצן איר אַפּאָסטאָלישע פֿיגור, באַלויכטן מיט פֿאַרשטאַנד און ווילן. מען וועט אויסשניצן אין שוואַרצן מאַרמאָר איר טריבע קלייד, וואָס זי האָט תמיד געטראָגן; מען וועט אויסשניצן די, וועלכע איז געווען די פֿאַרצווייפֿלונג, וואָס האָט דאָך געהאָפֿט. זי האָט קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט אויף דער צוקונפֿט, זי האָט תמיד געגלויבט אין איר, און בעת ס'האָט אויסגעבראָכן די רוסישע רעוואָלוציע אין 1905 — אינעם יאָר פֿון איר טויט — האָט זי פֿאָרויסגעזען די באַפֿרײַונג פֿון רוסישן פֿאָלק.

אָבער גלײַכצײַטיק מיט די באַוווסטזיניקע הערצער פֿון די מאַסן און פֿון עטלעכע פֿאַרשטענדלעכע מענטשן, באַקומט זי איצט אָנערקענונג אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופֿן. איך מיין דאָ די ווילדע, בייזע, פּרעכע שנאה פֿון עטלעכע בורזשואַזע דורות, וועלכע האָבן זי, לויט מישעל, געקרוינט מיט די נעמען: „מעגערע, אויסוווּרף און פֿאַרזעעניש אין דער צורה פֿון אַ מענטשן".

דער עקספּלואַטירטער.

שוין אַ לענגערע צייט דערצייל איך מיינע רוסישע, פראַנצויזישע און אַלע אַנדערע מיינע חברים — פאַרשידענע אמתע געשיכטעס. דעם אינהאַלט פון דידאָזיקע געשיכטעס שלעפּ איך אַרויס פון דער ווירקלעכקייט, נישט ענדערנדיק די פונדאַמענטאַלע פרטים. דידאָזיקע קליינע דראַמען אָדער קאָמעדיעס זענען לעבעדיק און האָבן אויף זיך לייב פון דער ווירקלעכקייט.

בונקט איצט דערצייל איך זיי אַזאַ מין געשיכטע — די געשיכטע פון יעזוסן. יאָרנלאַנג האָב איך פון אונטער דעם שלייער פון דער טראַדיציע און פון מיסטישער פיקציע גערווּט אַרויסצובּרענגען דאָס אמתע בילד פון גרויסן פאַרבייגייער. איך האָב גרינדלעך דורכגעשטודירט די הייליקע ספרים, וועלכע האָבן אויסגענוצט זיין געדאַנק און זיין פערזאָן. מיט דער זאָרג פון אַן אמת-זוכער, האָב איך נאָכגעקוקט די ווערק פון די אָרנטלעכע, פאַרנונפטיקע, אומאָפּהענגיקע געלערנטע, וועלכע האָבן אָפּגערוימט די קריסטלעכע התחלות, פונקט ווי אַרכעאָלאָגן רוימען אָפּ די גרויסע חורבות פון סעבעס אָדער טראָיע. אין מיין אויפּריכטיקייט און אין מיין דרך-ארץ צום אמת האָב איך געשעפּט די דרייסטקייט, כדי אָנצושרייבן אַן עוואַנגעליע. דידאָזיקע עוואַנגעליע רוף איך אַן רעסטאַווראַציע-עוואַנגעליע, ווייל זי גיט אָפּ צוריק יעזוסן זיין אָרעמע אומגעהויערע ראָל, און די מענטשן—זייער אמתע גרויסקייט, וואָס די רעליגיע האָט פון זיי אַרויסגעריסן.

און אָט וואָס דער עבר פאַרציילט די, וועלכע האָרכן זיך צו:

מיט א 1900 יאָר צוריק, בערך אכט הונדערט יאָר פון דוימס אויפּבויאונג, האָט געלעבט א באַשיידענער יידישער נביא, וועלכער האָט געפּרעדיקט אין גלות.

קיין גרויס אָרט האָט ער דעמאָלט נישט פאַרנומען. ער האָט געפּרעדיקט עטלעכע חדשים, אפשר גאָר עטלעכע וואָכן. די אַמאָליקע היסטאָריקער, פון יידן אָדער פון רוימער, וועלכע האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט יענעם פּעריאָד, האָבן באַשריבן יעדן פּרט, קיינער פון זיי דערמאָנט אים נישט, און קיינער פון די מענטשן פון זיין צייט רעדן נישט וועגן דעמדאָזיקן יעזוס. ער האָט פיינט געהאַט די רייכע און די גייסטלעכע בתכלית-השנאה. זיין אָרט איז געווען צווישן אָרעמעלייט, צווישן קנעכט, פאַרשקלאַפטע פרויען, עקספּלואַטירטע, אונטערדריקטע.

וואָס אַזוינס האָט ער צו זיי געזאָגט? ער האָט צו זיי געזאָגט: דער גאַנצער כוח איז אין אונדז און דער הימל האָט קיין שום כוח נישט. קיין שום באַפעל קומט נישט מן-השמים. דער גייסט איז דאָס בילד פון דער ווירקלעכקייט. ער האָט אַריינגעגעבן יעדערן דעם גלויבן אין זיך. ער האָט אפילו אויסגעהיילט חולאים, מאכנדיק זיי גלויבן, אַז זיי זענען אויסגעהיילט, וואָס ס'איז אַ מענטשלעכער נס.

ער איז געווען אַ צעשטערער פון די אָפּגעטער. ער האָט צעשטערט די אַבסטראַקטע אָפּגעטער — די טרוימען און אויך די פאָרמולן. ער האָט אפילו צעבראָכן די געצנדינערייַ פון גאָט, וואָס איז פון זעלבן מין, נישט געקוקט אויף זיין אומגעהויערקייט.

אויפן וועג האָט ער צעשטערט די נאַציאָנאַלע און די ראַסע-פעטישן. ער האָט געטראַכט און גערעדט פאַר אַלע מענטשן פון דער וועלט, צו וועמען ער האָט געזאָגט: אייער דערלייזונג וועט קומען פון אייך אַליין. דערין איז ער געווע געווען גערעכט, ווייל די סוווערעניטעט וועט אַרויסגיין פון די מאַסן, בעת די מאַכט און די אחדות וועט אַרויסברויזן פון דערדאָ-

זיקער מאַסע, און בעת די פאַרמשפּטע פון דער ערד וועלן צוזאַמען אויפשטיין.

ער האָט גלאָריפיצירט גלייכקייט פאַר אַלעמען — ער וועלכער האָט געזאָגט, פּונקט ווי ער וואָלט פאָרויסגעזען לע־בינען : זאָל דער גרעסטער פון אייך זיין אייער קנעכט.

די געשרייען פון גערעכטיקייט פון דעמדאָזיקן מאַן, האָבן געשטערט דער אַדמיניסטראַציע און אונטערגעריסן דעם אויטאָ־ריטעט פון די רוימער, וועלכע האָבן זיך אַריינגעזעצט אין פּאַלעסטינע, פּונקט ווי היינט די ענגלענדער, (און נישט בלויז דערמיט זענען די אַמאָליקע רוימער געווען ענלעך צו די היינ־טיקע ענגלענדער). מען האָט אים באַשולדיקט אין מאַכן אַ פאַרשווערונג קעגן דער רוימישער מלוכה, און הגם ער איז געווען אומשולדיק, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געמאַכט קיין פאַרשווערונגען, דאָך האָבן אים די רוימער פאַרמשפּט צום טויט. אין אַ צייט אַרום האָט מען אַ סך מעשיות דערציילט וועגן זיין טויט. מען האָט אויסגעטראַכט, אַז יידן האָבן אים געהרגעט. אָבער מיר האָבן זיך אונדזער שטאַנדפּונקט בנוגע דעמדאָזיקן ענין. בלויז רוים האָט געהאַט די דעה איבער לאַנד יהודה : בלויז רוים האָט געקענט פאַרמשפּטן צום טויט. די רוימישע מלוכה, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסע אַריס־טאָקראַטישע אינסטיטוציע ; רוים איז געווען דער שומר פון דער אַלטער אָרדענונג, פּונקט ווי אונדזערע אַקטועלע „דעמאָ־קראַטן”, באַרעדעוודיקע צבועקעס ; זי האָט אַרויסגעוויזן אַ פיינטלעכע טאָלעראַנץ בנוגע די פאַרשיפּורטע טרוימער, אָבער געווען אומבּרחמנותדיק צו די שטערער פון אַלטן רעזשים, וועלכער איז אייגנטלעך געווען אַ רעזשים פון גנבים און אויסער־לעך — אַ רעזשים פון גזלנים. די יידן האָבן געקענט בייגט האָבן יעזוסן, אים אָפּמסרן, אָבער געהרגעט האָט אים די עקזיס־טירנדיקע אָרדענונג.

ווען יעזוס איז געוואָרן צוגענעגלט צום צלם, ווען ער איז געוואָרן איינגעהילט אין פינסטערניש, ווען ער האָט געזען ווי פאַר זיינע פאַרגעפּלטע אויגן פלאָנטערט זיך דער המון,

וועלכן ער האָט געוואָלט ראַטעווען, — דער המון, וועלכער האָט אים קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען און וועלכער האָט נישט געוווּסט וואָס ער טוט, האָט יעזוס מסתּם דעמאָלט אַ טראַכט געטאָן, אַז זיין אַרבעט שטאַרבט אָפּ צוזאַמען מיט אים. און ער איז געווען גערעכט.

נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן באַזיגט, האָט זיך אַ לאַנגע נאַכט אַראָפּגעלאָזט אויף אים. אפילו זיין נאָמען איז אָפּגע־שטאָרבן, און קיינער האָט זיך וועגן אים נישט דערמאָנט. צי זענען פאַרבליבן עטלעכע תּלמידים, וועלכע האָבן אים איבער־געלעבט? מעגלעך, אַז יאָ. מען האָט אַזוי געשמועסט, אָבער אויף זיכער האָט מען נישט געוווּסט. אַלנפאַלס, האָבן דידאָזיקע דירעקטע תּלמידים זיינע געמאַכט אַ זייער קליינעם גערויש און האָבן זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קיין רדיפות פון דער אויבערשטער מאַכט. דערדאָזיקער פאַקט זאָגט גוט עדות אויף זייער פּאָרזיכטיקייט, אָבער זאָגט זייער שלעכט עדות אויף זייער חשיבות.

די יאָרן זענען געלאָפן. פינף יאָר, צען יאָר, צוואַנציק יאָר... קינדער זענען אויסגעוואַקסן, יונגעלייט זענען געוואָרן זקנים. און אָט האָבן מענטשן אָנגעהייבן צו פּרעדיקן אין אַזאַ אַ נייע רעליגיע, וועלכע האָט געבראַכט דעם עולם דעמדאָ־זיקן לאָזונג: משיח איז געקומען. זי האָט דעם לאָזונג גע־בראַכט אונטער דערדאָזיקער פאָרם: קריסטוס איז אויפגע־שטאַנען תּחית־המתים. דאָס האָבן די יידן אַזוי געפּרעדיקט, אָבער נישט די יידן פון פּאַלעסטינע, נאָר די יידן פון די קאָ־לאָניעס פון דער גריכישער וועלט, וועלכע זענען געווען פאַר־בלענדעט און דורכגעדרונגען מיט דער געצנדינערישער קולטור.

דידאָזיקע רעליגיע, וואָס איז דעמאָלט אַנטשטאַנען, האָט אַרעקגעשטעלט אין צענטער אַ נייעם גאָט: קריסטוסן, וועגן וועלכן מען האָט ביז יענער צייט גאָרנישט דערמאָנט. דידאָ־זיקע רעליגיע האָט זיך אַנעקסירט אַ נייעם געביט: יענע וועלט. דאָס איז געווען אַ רעליגיע פון טויט. צוליבן טויט פון ערשטן מענטשן — האָבן דידאָזיקע רעפאָרמאַטאָרן גע־

טענהט — אין די גאַנצע מענטשהייט פאַרמשפט געוואָרן אויף קאַטאָרזשנע אַרבעט, אויף געבורט-יסורים און אויף טויט. און אַט דערדאָזיקער זון פון גאָט בכבודו-ובעצמו האָט באַוויליקט אויסצוליישן די מענטשן דורך זיין זעלבסטאָפּפערונג. אַלזאָ, עס הייבט אָן אַ ניי מזל צו שיינען בלויז פאַר די מאמינים נאָך זייער טויט, און דער זון פון גאָט פאַרזיכערט זיי אַן אייביק לעבן.

דידאָזיקע אָפּעראַציע פון אויסלייזונג קומט פאָר אין די עליונות. קריסטוס, דער דערלייזער איז אַ מין הימלישער מע-טעאָר; אין דער ווירקלעכקייט איז ער אפילו נישט דער זון פון גאָט, נאָר אַן אָפּגלאַנץ פונם איינציקן גאָט, אַ שטראַלנ-דיקער שטריך פון העכערער רום.

לויט די ווערטער פון די נייע מנהיגים, האָט דערדאָזי-קער פרינציפּ פון ליכט סקאַסירט אין הימל און אין די עליונות די דיגרייכע אויסהיילונג פון טויט, פאַרבייטנדיק עס גאַנץ פשוט מיטן באַגריף אומשטערבלעכקייט. אָבער דערדאָזיקער פרינציפּ האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיטן אָרעמען פּראָפעט, וואָס האָט שוין געהאַט לאַנג איינגעזונקען ערגעץ אין ירושלים, און קיינער האָט אפילו נישט געטראַכט צו מאַכן דידאָזיקע סמיכות-הפרשות. צום ווייניקסטן די אַפּאָסטאָלן. מען האָט געשמועסט, אַז קריסטוסעס אויסלייזונגס-קרבן איז באַ-שטאַנען דערין, וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן ענוים און מען האָט אים אפילו „געקרייצט". אָבער דידאָזיקע יסורים זענען געוועזן מן-השמים. מען האָט דערפון געמאַכט ביבלישע פּסאַל-מען און אַ גריכישע מיטאָלאָגיע. די אַפּאָסטאָלן האָבן געקענט זייער גאָט דורך התלהבות פון אַנטפּלעקונג און דורך די אי-בערראַשנדיקע צופאַלן פון חסד. זיי האָבן דערויף געקוקט ווי אויף אַ טעאָלאָגישע ממשותדיקייט. דאָס איז אויך אמת, אַז ער האָט זיך אָנגערופן יעזוס. אָבער יעזוס באַדייט — דערלייזער. צי האָט דען אינדעראמתן דער גלילער נביא געהייסן יעזוס? מען האָט אונדז אַזוי געזאָגט, אָבער נישט באַלד, נאָר אַ סך שפּעטער, ווייל אין יענער צייט האָט קיינער וועגן אים נישט גערעדט.

דער ערשטער דור קריסטן האָט געלעבט און געשטאָרבן. די ערשטע גרינדער פון קריסטנטום: פּאַולוס, בר־אבא, פּעטער, א. ז. וו. זענען געשטאָרבן, נישט איבערלאָזנדיק קיין שום מענטשלעכן, רעאַלן אָדער היסטאָרישן שטריך איבערן קריסטלעכן משיח.

אין אַ צייט אַרום, אין אַ צוואַנציק יאָר אַרום נאָך פּאַולוסן *) האָט זיך אָנגעהייבן צו פאַרגרעסערן די צאָל פון די מאמינים, — ביי וועלכע ס׳איז אַריבער די ערשטע מיסטישע התלהבות — וועלכע האָבן געפאָדערט גענויע אינפאָרמאַציעס בנוגע דעם גאָט, וואָס האָט געליטן ווי אַ בן־אדם. צוליב וואָס האָט ער געזאָלט ליידן? ווו און וויאַזוי איז די זאַך פאָרגעקומען? ווען און ביי וואָסערע באַדינגונגען האָט גאָט אָנגעהייבן צו פאַרקערן מיט מענטשן? „מיר זעען עס מיט אויגן פון גלויבן, אָבער גיט אונדז פרטים!״ האָבן זיי געפאָדערט.

צוליב דידאָזיקע סבות און אויך צוליב אַנדערע האָבן די אָנפירער פון קלויסטער געמוזט שאַפן אַ מענטשלעכן פאָרטרעט פון קריסטוסן. זיי האָבן אים דעמאָלט, בלויז דעמאָלט, אידענטיפיצירט מיט איינעם, וועלכער האָט דאָרט געלעבט. זיי האָבן גענומען אַן אויסגעמעקטע פערזאָן, פאַרשוווּנדן איבער צייטן (ס׳איז דעמאָלט געווען אַ האַלבער יאָרהונדערט פון דער צייט, וואָס דער גלילער נביא איז געוואָרן געקרייצט דורך אַן עקזעקוטאָר פון דער רוימישער אַדמיניסטראַציע) און מען האָט געזאָגט: דאָס איז ער.

ווען ער וואָלט נישט געווען עקזיסטירט, וואָלט מען אים אין יענער רגע אויסגעטראַכט, ווייל ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ קערפּער, כדי צו פאַרקערפּערן קריסטוסן. ווען דער מאַן וואָס

---

*) פּאַולוס האָט געשאַפן דעם גאַנצן קריסטנטום. ער איז דער איינציקער אויף וועלכן מיר שטיצן זיך איצט און זעען אַרויס אַלץ מער און מער, אַז אַלע מאַטעריאַלן צום קריסטנטום האָט ער גענומען ביי די שכנותדיקע קולטן. (איב.)

האט עקזיסטירט וואלט נישט געהייסן יעזוס, וואלט ער פון דעמאלט אן אנגעהייבן צו טראגן זיין נאמען.

מען האט וועגן אים דערציילט א מעשה, ווי אלע פרטים קענען שטימען מיט דער נביאות פון אלטן טעסטאמענט: יעזוס דער משיח, א זון פון דער בתולה מאריע און פון הייליקן גייסט, פון דוד-המלכס אפשטאמונג. געבוירן אין בית-לחם, געלעבט אין נצרת, געפרעדיקט אויף די ברעגעס פון טבריה-ים, האט באוויזן גוואלדיקע נסים, איז געווארן געפאנגען און פארמשפט צום טויט דורך די פרושים און גייסטלעכע פון ירושלים, אויסגעפירט דורך פאנציוס פילאטוס, איז אויפן דריטן טאג אויפגעשטאנען תחית-המתים און ארויף אויפן הימל. די ספרים, וואס דערציילן דידאזיקע מעשה ווערן אנגערופן עוואנגעליעס. דער ערשטער ספר איז דערשינען צום סוף פון ערשטן יארהונדערט „נאך יעזוס-קריסטוסן”; דער לעצטער, אין דער פארם, אין וועלכער מיר לייענען אים היינט, איז דערשינען צום סוף פון צווייטן יארהונדערט.

לויט דער ווירקונג פון א מאגישן באפעל איז די תחית-המתים פון א מענטשלעכער פערזאן פארוואנדלט געווארן — צום ערשטן מאל — אין א געטלעכע לעגענדע. ער איז איינגעהילט געווארן אין איבערמענטשלעכע אטריבוטן, פארטרונקען געווארן אין א קינסטלעכן פייער פון נסים, אין אוראלטע נביאות, אין נייע מצוות. און דאס אלץ האט געשאפן א מאדנעם געמיש.

מאדנער פון אלץ איז דאס, וואס דער ארעמער נידערגעשלאגענער נביא, וועלכן מען האט געשלעפט ווי א קרבן, כדי אין נאמען פון דער דערלייזונגס-תורה זאל ער ווערן א מארטירער, ער זאל פארשטעלן מיט זיך א צאפלענדיק בילד פון די גרויסע טעאלאגישע ענוים, איז גאר געוועז גרויס פון זיך אליין און אז דידאזיקע גרויסקייט איז אנטשטאנען א דאנק די רעליגיעזע מכשירים, וועלכע האבן צעקוועטשט זיינע באקעס

עס רייסט זיך ארויס פון די עוואנגעליעס עפעס פון דער אמתער שטימע פון אמתן יעזוס. וועלכער איז אין די

עוואַנגעליעס געפּאַנגען און צעקריפּלט, עס רייסט זיך אַרויס-עפּעס פון זיין האַרץ-רייסנדיקן געשריי פון גערעכטיקייט, פון גלייכקייט,—דער גרויסער יידישער געשריי פון פּראָלעטאַרישער און רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט, וואָס ער האָט געוואָרפן אין דעם מענטשן-מדבר.

דאָס מערקווירדיקסטע פון דערדאָזיקער פּשוטער און אמתער געשיכטע, וואָס וואַרפט זיך מער בולט אין די אויגן, זינט מען האָט זיך געשטעלט פּנים-אל-פּנים מיט דער הייליקער געשיכטע איז דאָס, וואָס דער אמתער יעזוס, דער מענטש יעזוס איז איינגעהילט אין פיקציעס, וועלכע די עוואַנגעלישע ראָמאַנטיקער האָבן פאַבריצירט. אַז מען זוכט דאָרט אין די זיילן פון די בלעטער, געפינט מען דאָרט און מען דערקענט געוויסע מענטשלעכע פּאַרטייפונגען וואָס די רעליגיעס-דערפינדער האָבן נישט געקענט דערפינדן.

דערדאָזיקער יעזוס פאַרבאַהאַלט זיך פון אונדז אינם פלאָנטער פון פאַקטן, אַ חוץ דעם פאַקט וואָס האָט אַ שייכות צו זיין טויט-אורטייל, אַלס שולדיקער אין פּאָליטישע און סאָציאַלע מרידות. דאָס איז דערפאַר, ווייל איבער דידאָזיקע פאַקטן האָבן מיר בלויז אַ סצענאַריאָ און אַ טענדענציעלע דאָקומענטאַציע פון הייליקע רעזשיסערן. ער טויכט אַרויס דעריבער פאַר אונדז הויפּטזעכלעך מיט זיינע אידעען, וועלכע מען האָט נישט געקענט אָדער מען האָט נישט געוווסט, ווי אַזוי איבערצוגעשטאַלטן, פּונקט ווי די געשעענישן פון זיין ערדיש לעבן.

און נאָך אַ פאַרטיפטן לייענען פון די עוואַנגעליעס, קען מען אפילו קומען צו אַ באַשלוס, אַז די אמתע תורה פון גלילער באַזיגטן, איז אין געוויסער מאָס געווען באַקענט און אויסגענוצט דורך די קריסטלעכע רעפאָרמאַטאָרן. אָבער דידאָזיקע אַלע זענען געווען זיינע יהודה-איש קיריותן, וועלכע האָבן אים אויסגענוצט און פאַרראַטן. זיין לעבעדיקע תורה, זיין ווירקלעכע, קלאָרע תורה באַנוצט מען, כדי אונטערצושטיצן אַ קינסטלעכע דאָגמע, וועלכע איז פּונקט אין היפּוך מיט יע-

זוסעס טיפער טענדענץ. ס'דערגייט אזוי ווייט, אז זיי מאַכן אים רעדן פונקט דאָס פאַרקערטע, וואָס ער האָט געטראַכט און גערעדט. מען האָט אַריינגעלייגט אין זיין מויל ווערטער אַז אַלץ קומט פון גאָט, בעת ער האָט געזאָגט, אַז אַלץ קומט פון אונדז. מען האָט פון אים געמאַכט אַ העכערן פאַרמיטלער בעת ער האָט אויסגערופן, אַז ס'איז נישטאָ קיין פאַרמיטלער, צווישן מענטש און אומענדלעכקייט, אַז די גרויסקייט פון דעם מענטש קומט אַרויס פונם מענטש; און פונקט אַזוי ווי מען קען נישט אָנהייבן צו בויען אַ שטיינערנעם בנין פון דאַך, אַזוי קען מען נישט בויען אַ סאָציאַלן בנין פון אויבן.

מען קען אַלזאָ נישט זאָגן, אַז מען האָט אים ביז איצט פאַרגעסן, היות דאָס איבערגעבליבענע פון זיין געדאַנק האָט מען אויסגעגראָבן און פאַרענדערט אויף אַזאַ מין אופן. מען מאַכט פון אים אַ סענטימענטאַלן פּרעדיקער פון אַ מין זיסער אוטאָפּישער ליבע, בעת ער האָט גערעדט פון אַ לאָגישן און פּרוכטבאַרן סענטימענט פון אחדות: „טוט נישט דעם אַנדערן דאָס, וואָס איר וואָלט נישט געוואָלט מען זאָל עס אייך טאָן".

אָבער ס'איז געווען עפּעס גרעסערס און שענערס פון דעם כוח, וואָס האָט פאַרוואַנדלט יעזוסעס מענטשלעכן אמת אין שקרים און אין טעותן פון קריסטלעכע ריטואַלן. דאָס איז געווען דער מענטשלעכער יעזוס, און דווקא דער יעזוס, וועלכער איז אַרויסגענומען געוואָרן פון דער ערד און אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער נייער מיטאָלאָגיע, האָט באַזיגט דעם פאַלשן כוח.

דאָס געשטאַלט פון אַ גאָט-מענטש, וואָס האָט געאַרבעט מיט זיינע אייגענע הענט, געליטן און געוואָרן פאַרפאָלגט פון די רייכע, — איז געוואָרן באַליבט ביים פאָלק, וועלכעס האָט אָנגענומען זיין רעליגיע. די אָרעמע האָבן אים געשטיצט מיט זייער לייב און מיט זייער זעלבסט-אָפּפערונג. זיי האָבן נישט געטראַכט אַז דידאַקטיקע גאַנצע שיינקייט איז אַן אילוזיע, אַז דאָס איז אַ מין קאָמעדיע, ווייל דאָס זעלבע ווען קען נישט זיין גלייכצייטיק אַ גאָט און אַ מענטש. אַ גאָט וואָס מאַכט

פון זיך אַ מענטש איז אַ סימוליאַטאָר און זיינע מענטשלעכע ליידן זענען פאַלשע. „מענטשלעך איז בלויז אַ מענטש". דאָס באַפאָלק איז פשוט און איינזייטיק. בעת דאָס פאָלק גלויבט, באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק, אַז די אָדער יענע פערזאָן, אַז די אָדער יענע אידעע איז פאַר אים צוגעפאַסט, ווערט דידאָזיקע פערזאָן אָדער אידעע זיין לייב און לעבן.

נאָך די עוואַנגעליסטן, איז די נייע רעליגיע אַריין אין די הענט פון די אומגליקלעכע און אָרעמע. דאָס האָט דעמאָלט דער אינטערנאַציאָנאַלער פראָלעטאַריאַט געגעבן לעבן און נצחון דער קריסטלעכער זאַך. ס'איז דעמאָלט געווען אַ באַוועגונג פון מאַסן און קלאַסן. דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט דעם קריסטנטום זיך איינצושטעלן, נישט געקוקט אויף די חסרונות, ווידערשפרוכן און דער אומגערעכטיקייט פון אירע פונדאַמענטאַלע דאָגמען.

צוגעקומען צו דער מאַכט אַ דאַנק די מאַסן, האָט דער קלויסטער זיך נאָכדעם אָפגעטרייסלט פון זיי. ער איז געוואָרן אַ רעאַקציאָנערע קראַפט פון דער מלוכה און איז נאָכגעגאַנגען רוים טריט ביי טריט. דער אמתער יעזוס און די וועלכע זענען געווען ענלעך צו אים, זענען געוואָרן פרעמד דעם קלויסטער. די בלוטיקע געשיכטע פון קלויסטער איז אַ באַליידיקונג פאַר אַלע מאמינים.

און היינט צו טאָג הייבט זיך די אומגעהויערע דראַמע ווידער אָן. אַ גרויסע אידעע פון אָרגאַניזאַציע, פון סאָציאַלער אויסגלייכונג שטעלט אויף די פיס די גאַנצע וועלט. זי איז געווענדעט קעגן דעם שרעקלעכן מעכאַניזם פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, קעגן דער גייציקייט און דער אכזריות פון אַ ציוויליזאַציע וואָס וואַקלט זיך און גיט סמנים פון צעפוילונג, פונקט ווי די אַמאָליקע וועלט אין איר צייט. ס'האָבן זי גענומען אין האַנט אַריין די עקספלואַטירטע און אונטערדריקטע. זי וועט זיגן אונטערן צייכן פון סערפ און פון האַמער, ווי יענע אידעע האָט געזיגט אונטערן צייכן פון צלם.

אָבער דידאָזיקע אידעע האָט נישט אין זיך די שפּראַצ-

לעבן פון טויט פון דעם גרויסן קריסטלעכן אַבערגלויבן. זי שטיצט זיך נישט אויף חלומות, אויף איבערנאַטירלעכע זאַכן, אויף הימלען, אויפן טויט. זי שטיצט זיך אויפן שכל און אויפן לעבן, אויף געזעצן וועלכע זענען אַזוי בולט און פעסט, ווי די געזעצן וואָס פירן אָן מיט די כוחות פון דער נאַטור.

אָט דעריבער האָט זי דאָסדאָזיקע מאָל אַלע מענטשלעכע שאַנסן נישט נאָר צו זיגן, נאָר אויף צו פאַרבייטן אויף להבא דעם פאַרעקשנטן רעזשים פון די פאַראַזיטן, די אונטערדריקער און זייער שותף: דעם קלויסטער.

דאָס פערד פון די קוילן-גרובן

איר קומט פונם אויבערפלאַך פון דער ערד. איר האָט געזען אינדערהויך זאַכן, וועלכע באָדן זיך אונטערן העלן הימל. די ברוקירטע גאַסן פונם קליינעם שטעטל גלאַנצן אויף דער זון און יעדעס שטיינדעלע איז באַגילט, ווי אַ פריצייטיקע פרי. פאָרנט, פאַר דער טיר קלאַפּט די באַלעבאָסטע אויס אַ ראָגאָזשע. דורך דער אָפענער טיר דערטראָגט זיך אַ וואַרעמע שיפעריי: דאָס טאַנצן די גרינע בעבלעך אינם קאָכעדיקן וואַסער אויף דער שוואַרצער פליטע, וועלכע איז דורכגעשניטן מיט רינגען פון די אָנגעבערנטע פייערקעס. ביידע צונויפגערוקטע הענט פון דער אַלטער וועבערקע פאָרמירן אַ נעסט. דאָרט זעט מען קינדערישע פילפאַרביקע בענדער און מען הערט שטימען, וואָס האָבן אויך אַלע מינים קאָלירן.

איצט, אַז איר געפינט זיך אין די שאַכטן, איר, וועלכער קומט פון דערהויך, באַטראַכט דעם באַלעבאָס פון אונטן.

— איך קען גאָרנישט זען.

— וואַרט, איר וועט זיך צוגעוווינען.

שלעכטע ריחות. דערדאָזיקער געריך טרעט פון אונדז נישט אָפּ, ער פירט אונדז. ס'שניצט זיך אויס אַ גרויסע שוואַרצע מאַסע. ס'איז מסתם אַ וואַגאָנעטקע? ניין, ס'שלאָגט דערפון אַ וואַרעמקייט. דאָס איז עס. אַ באַשעפעניש, וואָס איז כמעט ענלעך צו אַ פערד, און אַז מען דערזעט עס, זעט מען, אַז ס'איז אַ לעבעדיק פערד, אַ פערד מיט לייב.

ס'איז פינסטער, מען זעט גאָרנישט. לאָמיר מאַכן ליכטיק. קוקט! ווי די שטשורעס אַנטלויפן פון שעפל, ווו ס'גע-

פינט זיך דעם פערדס עסן: דאָס פערד עסט עס קיינמאָל נישט: ס'איז צו שמוציק.

— וויאַזוי לעבט עס?

— מען ווייסט נישט, ווייל ס'רעדט נישט.

דאָס פערד איז געלעגן אויף די העלסן פון די וואַגאָנעטקעס, און די רעלסן ליגן אין אַ בלאָטע, וווּ דאָס וואַסער זיפּט זיך דורך און שפּריצט פון אונטן, ווען מען גייט איבער די אָנגעלייגטע ברעטער.

זיינע פיס זענען צעפוילט. די דאָזיקע קראַנקייט ווערט אָנגערופן צעפוילונג אָדער „זשאַבע". זיינע קאָפּיטעס זענען ענלעך צו זשאַבעס. די שווערע אַרבעט און די קראַנקייט האָבן אָפּגעטויט זיינע ציין, אויגן און כמעט דאָס גאַנצע פעל. עס איז אַ פאַרקערפּערונג פון דער בלאָטע, פון וועלטלעכן קבר.

זיין אַרבעט איז — צו גיין אַהין און צוריק אין שמאָלן דורכגאַנג און שלעפּן אָנגעלאָדענע וואַגאָנעטקעס. עס וואָלט נישט געגאַנגען, ווען מען וואָלט אים נישט געצווונגען; עס איז אָפּגעמאַטערט. זיינע אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס עס האָט געמאַכט זינט ער אַרבעט, דריקן אים און בויגן אים.

כדי אים צו צווינגען, עפנט מען זיין מתים-פרעסער, וואָס הענגט אַראָפּ, מען בינדט צו צו זיין צונג אַ שטריק און מען ציט אים פאָרויס. עס איז געווינט, ס'זאָל אים וויי טאָן. אָבער ס'טוט אים דאָך וויי, און עס גייט פאָרויס, נישט געקוקט וואָס די אַרויסטרעטונגען פון דער וואַנט און פון דער ערד רייסן זיין לעבעדיק לייב. אין איין אָרט איז דער דורכגאַנג אַזוי נידעריק, אַז עס מוז זיך שטעלן אויף די קני און מוז זיך שלעפּן אויף די קני.

— ווער טוט עס אַזוינס? — מענטשן.

זיין גאַנץ פעל איז צעשניטן, און אויף אַלע זיינע געלענקן — סטעטשקעס, לעכער און ווונדן. ס'זאָל זיין ליכטיק, וואָלט עס אונדז אַרויסגעוויזן די רויטקייט פון זיין האַרץ, פּונקט ווי די פאַלשע געטער פון די קלויסטערס ווייזן אַרויס זייערע הערצער אויף די בילדער. אָבער ס'איז נישט

ליכטיק. אינדערהויך, אויף דער פּאָדלאָגע פון דער ערד, געפיסט מען פון רעגן און פון פרישן ווינטל, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן ריח פון וואַסער און זון. אפילו די קעלט איז אין אַ געוויסער מאָס — אַ צאַרטקייט. אָבער אונטן, ווו מען איז באַגראָבן, איז אַ חוינאָרט פון ווערעם און פונעם אַלטן פערד.

— ס׳איז שרעקלעך...

— איר דריקט זיך אויס אַזוי איידל. ס׳איז ערגער ווי שרעקלעך, ווייל אין פראַנקרייך זענען דאָ גאַנצע מחנות פון דידאָזיקע אונטערערדישע פערד; ס׳זענען דאָ בערך צען טויזנט. לאָמיר נישט מאַכן קיין כּלל פון דידאָזיקער צאָל און זאָגן ״אַלע״, ווייל דעמאָלט קען מען אייך פאַרשטאָפּן דאָס מויל מיט אַן אויסנאַם. אָבער צווישן דידאָזיקע צען טויזנט העלישע געשעפענישן, וויפל זענען דאָ אַזעלכע, וואָס קענען נישט קעמפן מיט קיין שטשור, וואָס האָבן אַרויסגעריסענע אָדער אַרויסגערונענע אויגן, פאַרפוילטע פיס, צעשניטענע בייכער, ווי אַ מאַמע אין איר געבורט־ווייען? וויפל זענען דאָ אַזעלכע, וואָס שרייען פון יסורים? ס׳פּאַסירט זייער זעלטן, אַ פערד זאָל שרייען. דאָ הערט מען אַזוינס.

— דאָסדאָזיקע פערד אַרבעט גראָד איצט נישט.

— גראָד ווייל מיר געפינען זיך דאָ, איז עס אַנידערגעפאַלן און רוט. אָבער עס אַרבעט פירונצוואָנציק שעה אין מעת־לעת.

— פירונצוואָנציק שעה אין מעת־לעת?

— יאָ, מיט אַ מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט, ווייל דריי מענטשן באַנוצן דיזעלבע חיות נאָך איינאַנדער. מען נוצט אויס אויסערגעוויינלעך, ביז צום טויט, דעמדאָזיקן פלייש־מעכאַניזם; מען שפּאָרט איין דעם שלאָף. דערדאָזיקער מעכאַניזם איז אַפילו נישט אַזוי דויערהאַפטיק, אָבער דאָך גיט ער דעם אונטערנעמער דעם בעסטן ריווח.

— ווען דאָס פערד וואָלט דידאָזיקע אַרבעט נישט געטאָן, וואָלטן עס געמוזט טאָן מענטשן!

— די אַרבעט דאַרף נישט זיין קיין קוועלונג פאַר קינדער.

— אַלזאָ, איז דאָס פערד עמיצער?

— יאָ.

איך האָב רחמנות אויף פערד גלייך ווי אויף מענטשן.

הייבט נישט אייערע הענט צום הימל, כ׳בעט אייך. דאָס, וואָס איך האָב אייך אָקאָרשט געזאָגט, האָב איך עס געזאָגט אינסטינקטיוו, פונקט ווי ס׳וואָלט געווען דאָס געשריי פון מיין גייסט. אָבער איך קען עס אויך דערקלערן, ווייל איך געהער צו דערדאָזיקער ליכטיקער שולע וואָס קלערט אויף געשרייען, פונקט ווי זי איז פותר־חלום.

שוין גאַנץ לאַנג האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז בעת איך זע אַ בלינדן מיט זיין הונט, האָב איך אַזויפיל רחמנות אויפן הונט ווי אויפן בלינדן. אויב איך האָב שוין יאָ געהאַט די דרייסטקייט צו זיין אויפריכטיק, וועל איך אפילו זאָגן, אַז איך האָב מער רחמנות אויפן הונט ווי אויפן מענטשן.

ס׳איז דאָ אַ שכל דערין, הויפטזעכלעך פאַר אונדז, וועלכע בויען אַלץ אויפן שכל. דער מענטש ווערט אָפט געשטיצט און באַגייסטערט דורך פאַרבלענדונגען. ווען דער מאַמין ליידט, זאָגט ער: „ס׳איז בעסער!” און ביים שטאַרבן, זאָגט ער: „ענדלעך!” אָדער ער לעבט גאָר פונקט ווי מיר מיט בטחון, און ער ווייסט, אַז צייטנווייז בעת מען ליידט, איז עס די התחלה אויף אויפהערן צו ליידן. אונזערע קדושים, און אונזערע מאַרטירער פון היינט, ווערן נישט אונטערגעשטיצט דורכן סימבאָלישן צלם, נאָר דורכן געבוי פון זאַכן. זיי ווייסן אַז זיי קומען אין צוזאַמענשטויס מיטן שוידערלעכן אמת. אַבעריקנס, דער פאַרבלאָנקעטער מענטש, דער אַנטטוישטער פאַרגיסט זיינע ליידן מיט בראָנפן.

ס׳איז אויך באַוווּסט, אַז אויב מיר מענטשן ליידן, איז עס כמעט תמיד צוליב אונדזער שולד. דאָס איז צוליב די אידעען און געזעצן, וואָס מיר לאָזן אויף זיך אָנוואַרפן און צוליב די פאַרברעכנס וואָס מיר באַגייען, אָדער וואָס מיר דערלאָזן — אַנדערע זאָלן זיי באַגיין. די חיה אָבער ווייסט נישט

און גלויבט נישט. זי קען פון זיך אַליין גאָרנישט טאָן, זי איז דעריבער אומשולדיק. זי לײדט צוליב מענטשן. זי אַליין איז נישט גורם אירע לײדן, נאָר דו, איך און מיר אַלע זענען דערין שולדיק. דעריבער נעמען דידאָזיקע יסורים בײ מיר אָפּ פיל געזונט.

ווײל די חיה שפּירט די לײדן, פּונקט אַזוי ווי דער מענטש. פּעתן שרײען, בלוטיקן און שטאַרבן איז נישטאָ קײן אונטערשיד צווישן מענטש און חיה. די מאַשינען פון לײדן זענען פּאַראַליזירט געוואָרן פון בײנער, לײב, נערוון און געהירן. אויב די חיה איז פינסטער און אָפּגעשטאַנען, און איז נישט קײן פאַרנונפטיקער קאַפּיטאַליסט, איז נאָך נישט קײן ראיה, אַז די מכשירים פון לײדן זאָלן בײ איר נישט זײן אַזוי אַנטוויקלט ווי בײ אונדז. איבעריקנס, די אינסטינקטן און געפילן פון מענטשן, ווי איבערצײַגט זיי זאָלן נישט זײן, זענען זיי ראַפינירט, צעטײלט אויף אומענדלעכקייט (לייענט אונדזערע מאָדערנע ראָמאַניסטן), אומבאַשטימט צונויפגעפּלאָנטערט, פאָרמלאָז, געפערלעך און פאַרפעסטעט מיט דערדאָזיקער ציוויליזאַציע-מחלת, וואָס מען רופט אַן קאָמפּליקאַציע. די אינסטינקטן און געפילן בײ חיות — אפילו דער עגאָיזם — זענען ריין, אומבאַפלעקט. אונדזערע אויגן זענען פון פאַרבלענדעדיקן גלאָז-שטאָף — זײערע אויגן זענען פון רויען דימענט, אָרעם אין צאַרטקייט, אָבער רײך אין דורכזיכטיקייט. אָבער לאָמיר איבערלאָזן דידאָזיקע דיסערטאַציעס פאַר די אויגן, וואָס האָבן שוין מער קײן ליכט נישט, וואָס האָבן שוין מער קײן אויגן נישט. לאָמיר רעזומירן; דאָס לעבן איז גרעסער פון אַלץ, און אונטערריכטונג, באַטראַכטונג, שטודירן, פּסיכאָלאָגיע, סומער-פּסיכאָלאָגיע — דאָס אַלץ איז פיל קלענער פון לעבן. מען קען נישט פאַנאַנדערטײלן דאָס לעבן און זאָגן: אַז די מוזן לײדן און די האָבן דאָס רעכט נישט צו לײדן; מען קען נישט אָפּטײלן אין דאָזיקן גרויסן געביט אײן באַפרײַאונג פון דער צווייטער. דידאָזיקע געשיכטע פון פערד, איז שפּלעך

צו דער געשיכטע פון מענטשן. און אויב פערד זענען נישט סינדיקאַליזירט, האָבן מיר דערפאַר סינדיקאַטן שוין אויך פאַר זיי. פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער — אפילו די וואָס שטייען נידעריקער פון דער מענטשהייט — פאַרייניקט אייך! צום סוף וויל איך נאָך עפּעס זאָגן. צווישן אונדז גערעדט, ווילט זיך מיר בעסער דאָ פאַרבלייבן נאָך אַביסל, זייט ביי זייט מיטן אָפּגעצופּטן נאַקעטן לעבן, איידער אַרויפשטייגן אינדערהויך, דאָרט צו די פאַרפולקאָמטע מענטשן, צו די געלערנטע, גליק-לעכע און צו דער אַזוי-אָנגערופענער „סמעטענע", וועלכע האָבן פון דורות-באַגין געשטיקט די הכנעהדיקע מאַסן.

— דאָס זיינען סענטימענטן! און ווי מיר ווייסן, פאַלט אַלין אַרונטער אונטער פּאָזיטיווע געזעצן, נישט אונטער סענ-טימענטן.

— איין מינוט, חבר! מיר זענען ביידע איינשטימיק. אָבער איך דאַרף ווייסן, אַז דער סענטימענט איז נישט קיין סיבה, נאָר אַ פּועל-יוצא. אַט דאָ שטויסן מיר זיך אָן מיט דער אינערלעכער פאָרם, וואָס דערפירט צו אַבסורד. די אַנאָ-מאַליע ברויזט אַרויס פון אונדז אין דער פאָרם פון אויפ-שטאַנד, כעס און גראָטעסקייט. די דאָזיקע אַנאָמאַליע — דאָס איז דער קלאַפּ, וואָס מען דערלאַנגט דעם גרויסן אומבאַגרענעצטן געזעץ, זי, די אַנאָמאַליע, פאַרווערט עקספּלואַטאַציע און פאָ-דערט דרך-ארץ בנוגע דעם לעבן.

בעת איך באַטראַכט דאָסדאָזיקע פאַראייניקטע לייב, שטעלט זיך מיר פאַר די רויטע פאָן.

אַמאָל איז געווען אַ מנהג מיט אַ שעיר-לעזאזל. אַ גאַנץ פאָלק האָט אָפּגעטרייסלט פון זיך די חטאים, אַראָפּוואַרפנדיק זיי אויף אַ חיה, וועלכע זיי האָבן פאַרמשפט צום טויט. איך האָב תמיד געטראַכט וועגן דער אומשולדיקייט פון דעמדאָזיקן שעיר-לעזאזל. לאָמיר נישט טאָן אונדזערע שענדלעכע מעשים. מיר האָבן זיך נאָך נישט אַרויסגעפּלאָנטערט, ווי מיר מיינען

עס, פון דער אַלטער שענדלעכער לעגענדע. און קיין זאַך וועט נישט ווערן אויפגעטאָן, כּל-זמן דאָס באַוווסטזיין פון די קנעכט וועט נישט ווערן אויפגעוואַכט אויף אַזויפיל, אַז פאַר זייער אומגליק זאָלן זיי זיך נוקם זיין אָן די אַנדערש אומגליקלעכע.

אויגוסט 1927

ס ו ף

אינהאַלט פונם בוך „כּלערליי"

מלחמה:

ווידמונג: Deo Ignoto 5
זשאַן וואָס וויינט און זשאַן וואָס לאַכט 9
דער געזאַנג פון אַ זעלנער 19
ביטואַר 29
צוויי דערציילונגען 43
דער לעבעדיקער דערשאָסענער 49
אַ מערדער? ניין טויזנט 59
דער פאַרברעכערישער צוג 64
די נקמה פון אויבן 70
די, וועלכע האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן . . . 74

טעראָר:

דער אומבאַצוימטער 93
דער פויער יאַן גרעסטאַ 99
דער לייב 104
ס'איז געווען אַ מלך 110
וועלכע זענען די ערגסטע יסורים? 114
די פעסט 126
צוזאַמען 132
ווען מיר האָבן געפייערט דעם יום-טוב פון שלום 139
דער נאַקעטער מענטש 149

...און דאָס איבעריקע:

דער לערער 157
די מגילה פון דער ציוויליזאַציע 162
דער צוריקגעקומענער, וואָס קומט נישט צוריק . 171
די בלוטיקע נאַפט-קוואַלן 182
די רויטע בתולה 199
דער עקספּלואַטירטער 207
דאָס פערד פון די קוילן-גרובן 218